ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# חסידישע מעשיות

אידיש

**684**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ב"ה

ספר

# חסידישע מעשיות

## פון אברהם ב"ר ישכר ז"ל שטערין

(בעהמ"ח ספר עדות בישראל וקבוצת כתבי אגדה)

וואס ער האט אליין גיהערט פון חסידים און זקנים

# אמת'ע ערציילונגען

פונם בעש"ט און זיינע תלמידים

# מבוא הספר

העתק מכתב אדומו״ר הק׳ שליט״א מהוסיאטין, — כעת, בתל אביב, ארץ ישראל — אות באות.

ב״ה, יום ד׳ כסלו תש״ה, תל אביב יע״א.

שלו׳ וישע רב לכבוד ידידי היקר ותיק וחסיד מו״מ וכו׳ מו״ה אברהם שטערן נ״י.

כן קיבלתי את ספרו שחיבר וחידש חידושים על ש״ס וכו׳ הנקרא בשם „עדות בישראל״. ותשואות חן חן לו, על המתנה ששלח לי, ואני אברכו, שיזכה ללמוד וללמד את תורה הקדושה מתוך נחת והרחבת הלב, ולחדש חידושים לאמתה של תורה, וד׳ יאריך ימיו ושנותיו בטוב ובנעימים, כנפש המעתיר בעדו ובעד כלל ישראל

זאת חתימת יד קדשו שליט״א — ישראל במו״ה מרדכי פייבש.

---

העתק מכתב אדומו״ר הק׳ שליט״א מליבאוויטש, כעת בנעוויארק.

ב״ה, כ״ד מנחם אב, תש״ד, ברוקלין.

ידידי הרה״ג וו״ח אי״א מוה״ר אברהם שיחי׳, שו״ב, שלו׳ וברכה.

במועדו קיבלתי את ספרו „עדות בישראל״. ותודה עבור תשורתו ,יחזק השי״ת את בריאותו ואת בריאות ב״ב יחיו, ויתן לו פרנסה טובה בהרחבה, שיוכל לשקוד בתורה, ולעסוק בעבודת השי״ת כחפצו הטוב, הדו״ש ומברכו.

עצם חתימת יד קדשו שליט״א. יוסף יצחק.

---

העתק מכתב בן אדומו״ר שליט״א ממאזשיץ.

שלו׳ וכ״ט לכבוד ידידינו היקר, החריף ובקי הגדול בתורה וכו׳ מו״ה אברהם שטערן יחי׳.

ב״ה יום ב׳ במדבר מ״ד בעומר שנת תש״ד, ברוקלין.

אחדשה״ט.

מכתבו וספרו „עדות בישראל״ הגיע ליד כ״ק אאמו״ר שליט״א לנכון, בשובע רצון מחידושי תורתו, ומברכהו, כי יזכה להפיצם בישראל, ויצליח בכל ענייניו, ולהשמר ממכשול במלאכתו, לשבוע נחת מיו״ח, ולהגות בתורה מתוך הרחבה, הכותב בשם קדושתו.

יהושע יחזקאל טאב, בהרה״ק שליט״א.

# חסידישע מעשיות

## מבוא לסיפורי החסידים

### אַן ארײַנפיר צום ספר חסידישע מעשיות, אויך אַן התנצלות—אַ פאַרענטפערונג—פון דעם דערציילער.— וועלכע סיבה האָט אים געבראַנגט דערצו און וואָסער ציל האָט ער זיך געשטעלט דערמיט.

אין מדרש רבה שיר השירים פרשה א׳ שטייט: ג׳ ספרים כתב — שלמה המלך האָט ברוח הקודש מחבר געווען דריי ספרים: שיר השירים, משלי, קוהלת. — איזה מהן כתב תחלה? — וועלכן פון זיי האָט ער געשריבן פריער? ר׳ יונתן אמר שיר השירים כתב תחלה, ואחר כך משלי, ואחר כך קוהלת. ומייתי לה ר׳ יונתן מדרך ארץ. — צום ערשטן האָט ער מחבר געווען דאָס ספר קודש הקדשים (ידים פ״ג מ״ה) שיר השירים, נאָכדעם משלי, צום לעצט: קוהלת. ר׳ יונתן לערנט עס אָפּ פונעם וועלטס מנהג. — כשאדם נער אומר דברי זמר, הגדיל אומר דברי משלות, הזקין אומר דברי הבלים. — אין דער יוגנט זינגט מען שירים, אין די מיטליאָרן זאָגט מען משלים, אויף דער עלטער (רעדט מען שוין, אַז אַלץ איז) הבלים. פון אויבן אויף וואָלט מען ח״ו געקענט מיינען, אַז אין קוהלת געפינען זיך טאקע, חלילה, נאַרישקייטן. דער אמת איז אָבער — די משנה זאָגט אין סוף קינים: זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין דעתן מיתוספת עליהם. — אַ חכם וואָס מער ער עלטערט זיך, מער חכם ווערט ער. — אויף שלמהן זאָגט דאָך דער פסוק (מלכים א׳, ה׳, י״א) עדות: ויחכם מכל האדם, אַז ער איז געווען קלוגער פון יעדן מענטש, איז ער אויף דער עלטער געוויס מער חכם געוואָרן.

איז וואָס שייך זיינע הבלים, שטייט שוין על פי קבלה (אין תיקוני זוהר הקדוש, תיקון שתין ותשע) די גרויסע סודות וואָס זענען פאַרהילט און באַהאַלטן אין זיינע זיבן הבלים. אויך על פי פשט איז ספר קוהלת גוט אויסגעהאַלטן — צוריקצוהאַלטן דעם מענטש פון די דריי אבות נזיקין: קנאה, תאוה און כבוד נאָכדעם ווי שלמה מאַכט אים דעם חשבון פון הכל הבל מיט אַלע איינצלהייטן. דעריבער איז דער סיום — דער לעצטער פסוק — פון קוהלת: סוף דבר — דער תכלית פון אַלע דברי קוהלת, — הכל נשמע — ווערט פאַר יעדן ארויסגענומען קלאָר — את האלקים ירא — דו מענטש! גיב זיך נאָר אָפּ צו יראת אלקים! — ואת מצוותיו שמור, — היט אָפּ גאָטס מצוות: סיי

די מצוות עשה, סיי די מצוות לא תעשה, — כי זה כל האדם, — ווייל נאר דאס איז דער תכלית פונעם מענטש.

אז מען לערנט נאך צו פירש״י אויף קוהלת, ווער שמועסט נאך, אז מען לערנט אדורך דאס אריכות פון מדרש רבה קוהלת, דערפילט מען ערשט די גרויסע חכמה פון שלמה המלכ׳ס רוח הקודש: באשריבן זיך אליין, אויך יעדן מענטש בפרט, דעם גאנצן כלל ישראל, מיטן גלות און גאולה שלימה — וואס וועט קומען אי״ה במהרה בימינו אמן — און די הנהגה פון דער וועלט בכלל. ער פארענטפערט דא אויך די קשיא פון צדיק ורע לו — רשע וטוב לו מיטן סוד הגילגול. אין פרשה ח׳ פסוק י׳ שרייבט ער: ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו — ווערן באגראבן און קומען נאכאמאל צוריק.

דריי יידישע מנהיגים האבן מנהיג געווען די יידן צו פערציק יאר: משה רבינו, דוד המלך, שלמה המלך. אות מ״ם אין אל״ף בי״ת רעכנט זיך פאר פערציק אין צאל און איז פארבונדן מיט דער יידישער גאולה. (ווי ס׳שטייט אין סנהדרין צ״ד, פונעם פסוק — למרבה המשרה.) משה רבינו איז געווען דער ערשטער גואל, וואס האט צוגעגרייט אלע גאולות. ער איז זיי מרמז און וויזט אן אויף זיי אין שירת אז ישיר, אין דער העתקה פון נבואת בלעם, און צו לעצט אין סוף שירת האזינו. אויך איז מרומז אין די ברכות פון פ׳ ברכה, על פי זוהר הקדוש, אז ער וועט אויך זיין דער גואל לעתיד; און שלמה האט דאס אנגעוויזן אין די ראשי תיבות פונעם פסוק אין קוהלת: מה שהיה הוא שיהיה, ווי ס׳ווערט געברענגט אין ספר אור החיים, פ׳ שמות. דוד מלך ישראל חי וקים איז געווים פארבונדן מיט ביאת המשיח, ווי ס׳שטייט אין סנהדרין צ״ח — פונעם פסוק ודוד עבדי נשיא להם לעולם. שלמה המלך אין זיין צייט איז שוין געווען א דוגמא פונעם מלך המשיח, ווי א סוחר שטעלט ארויס א שילד אין פראנט פון זיין קראם צו באווייזן די סחורות פון קראם, ווייל אין זיין צייט איז געווען שלום ביי יידן און אויך אויף דער גאנצער וועלט. אלע פעלקער האבן זיך געהאלטן אונטערטעניק פאר אים, נאר צוליב זיין גרויסער חכמה, און אזוי וועט אויך זיין ביי דעם מלך המשיח. ווי ס׳שטייט: ונחה עליו רוח ד׳ רוח חכמה וגו׳, לא ישא גוי אל גוי חרב וגו׳. דער פייטן המקובל ר׳ אברהם מיימן זצ״ל (אין פיוט א׳, מסתתר) האט דעריבער אויסגעשטעלט אין חרוז פון א תפילה: נא הקם במהרה מלכות דוד ושלמה. דוד המלך ע״ה האט אויך דעריבער אויסגעשטעלט דאס קאפיטל ע״ב פון תהי־לים אויף ביידע צוזאמען: אויף שלמהן און אויך אויף דעם מלך המשיח.

פאר וואס דווקא אין קאפיטל ע״ב? — ווערט פארענטפערט, ווייל די אמתע גאולה קומט פונעם שם ע״ב. קריעת ים סוף איז געווען דער סוף פון יציאת מצרים, ווייל כל זמן די מצריים זענען נישט אומגעקומען, זענען נאך די יידן נישט געווען זיכער מיט דער יציאה. הייסט עס, אז קריעת ים סוף איז געווען

די גאולה שלימה, און געקומען איז זי פון צירוף שם ע״ב, וואס ווערט נצטרף פון די דריי פסוקים: ויסע, ויבא, ויט. (ווי רש״י שרייבט, סוכה מ״ה, א׳, און ר׳ אברהם אבן עזרא אין זיין פירוש אויף פ׳ בשלח. היינט, אז מיר האבן ב״ה דעם זוהר, שטייט עס דארט אין פ׳ בשלח בפירוש.) די צאל פון פערציק האט שוין, ממילא, א פארבינדונג מיטן מאמר פונעם ערשטן תנא אין סנהדרין צ״ט, א׳: ימות המשיח ארבעים שנה. ווייל מיר וויסן אבער נישט ווי לאנג די טעג וועלן זיך דעמאלט אויסציען און פארלענגערט ווערן, זאגט שוין דארט א צווייטער תנא — שבעים שנה, און אזוי ווייטער—שלשה דורות, שלש מאות וששים וחמש שנה, ארבע מאות שנה, כמימי נח ועד עכשיו, כמי־מות שנברא העולם עד עכשיו, שבעת אלפים שנה. דאס אלץ איז א פירוש אויף די ארבעים שנה.

אין אנהויב פון די פערציק יאר פון מלכות שלמה האט ער געבויט דאס בית המקדש און זוכה געווען צו זען די כנסת ישראל, וואס איז נמשל צו א כלה, פארבונדן מיט השי״ת, וואס איז נמשל צו א חתן — אן עפענטלעכער גילוי שכינה פאר אלע יידנס אויגן אין בית המקדש. ווי ס׳שטייט אין מלכים א׳ פרשה ח׳ פסוק יו״ד, י״א: והענן מלא את בית ד׳, ולא יכלו הכהנים וגו׳, כי מלא כבוד ד׳ את בית ד׳. האט שלמה דעמאלט מחבר געווען שיר השירים, שטייט דארט: אחזתיו ולא ארפנו, אני לדודי ודודי לי, אני לדודי ועלי תשוקתו — ביז דער העכסטער מדריגה פון דביקות, וואס האלט שוין ביי „נפשי יצאה בדברו״, ווי ביי נדב ואביהוא אין טאג פון גמר הקמת המשכן, בקרבתם לפני ד׳.

אינעם המשך פון שלמהס פערציק יאר קיניגן, האט ער צוריק געהאלטן די יידן פון זנות און עבודה זרה. אין ספרים שטייט, אז די תאווה פון זנות איז מקיף דעם מענטש, ווייל דער מענטש ווערט פון דער תאוה געבוירן. קומט שוין ממילא אויס, אז אויב א מענטש ברעכט זיך אויס פון איר, האלט ער שוין ביי א טייל פון התפשטות הגשמיות — אפגעצויגן פון זיך די קערפער־לעכע פארלאנגען, ווערט ער שוין פטור פון אלע איבעריגע תאוות. עבודה זרה איז א כפירה בדת ישראל. קיין אונטערשייד — צי מען האלט, אז די וועלט איז ח״ו א קדמון און אלץ אנטוויקלט זיך בדרך הטבע, צי מען איז א געצנ־דינער — אלץ איז א כפירה, און ס׳הייסט עבודה זרה. (אין דער אמתן ווייזן דערויף די ערשטע צוויי מצוות פון די עשרת הדברות: אנכי ד׳ אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים — מיט אותות ומופתים וואונדערלעכע, קעגן דער טבע; לא יהיה לך אלקים אחרים — געצנדינעריי). האט שלמה דעמאלט מחבר געווען ספר משלי און זאגט דארט אין אנהויב: להבין משל ומליצה. טייטשט רש״י: לשמרך מאשה זונה — מאשה זונה ממש — צו צעברעכן די תאוות זנות. דאס איז דאס משל. און מינות ח״ו — צו זאגן, אז די וועלט פירט זיך

בדרך הטבע, אדער עבודה זרה ממש — געצנדינסט — דאס איז די מליצה. געפונען מיר טאקע נישט קיין ניאוף, אויך קיין עבודה זרה ביי יידן אין שלמה המלכס צייט. (דער ענין אלף נשים? — איז א גרויסער סוד, כאטש מען רעכנט עס אים פאר א חטא — ווערט דערמאנט אין פירוש ידי משה אויף רבה, שיר השירים).

אויף ימות המשיח זאגט דער פסוק: ומלאה הארץ דעה את ד׳ — די פולע וועלט, אלע מענטשן אין איר, וועלן אנערקענען, אז ס׳איז דא א גאט אויף דער וועלט, וועלן אוועקפאלן אלע פאלשע געדאנקען פון כפירה און מינות, און עס וועלן צעשטערט ווערן אלע עבודות זרות. „דעה״ — מיינט אויך: דעת דקדושה — איז מבטל די קליפה פון זנות. אויב א זווג קומט פאר בהיתר ובקדושה, כדת משה וישראל, רופט עס די תורה אן „דעת״. ווי ס׳שטייט: וידע אדם את אשתו. אויב חס ושלום פארקערט, זנות דקליפה, שטייט: כי תשטה אשתו. זאגט די גמרא אין סוטה ג׳,א׳: נכנסה בה רוח שטות — א שוטה איז דאך דער, וואס פארלירט רח״ל דעם דעת. חזקיה מלך יהודה איז געווען אויסגעבראכן פון דער תאוה. ער האט אפילו בהיתר נישט געוואלט חתונה האבן, ווייל ער האט געזען ברוח הקודש, אז ס׳וועלן נישט ארויסקומען פון אים קיין גוטע קינדער, ווי ס׳שטייט אין ברכות יר״ד, א׳. אויך האט ער אויסגערוימט אלע עבודות זרות. ער האט אפילו נישט געשוינט דעם נחש הנחושת, ווי ס׳שטייט אין מלכים ב׳, י״ח, ד׳. דעריבער, האט ער מיט זיין בית דין — ישעיהו הנביא מיט זיינע תלמידים — זוכה געווען מעתיק צו זיין ספר משלי, וואס ווארענט געגן די צוויי גרעסטע עבירות — ווי ס׳שטייט אין משלי, כ״ה, א׳: משלי שלמה, אשר העתיקו אנשי חזקיהו (זע אויך אין בבא בתרא ט״ו, א׳) ווייל ווען משיח וועט קומען וועלן די צוויי עביו׳ות בטל ווערן, און מיט זיי שוין אלע עבירות וואס זענען זייערע תולדות. ווי ס׳שטייט בלע המות לנצח — די קליפה, וואס הייסט „מות״, וועט זיך איינגאנצן אויס־לאזן; און ווי ס׳שטייט אין סוכה נ״ב, א׳: לעתיד לבוא מביאו הקב״ה ליצר הרע ושוחטו, און ווייל חזקיה האט עס שוין מקיים געווען אין זיין צייט, זאגן חז״ל אין סנהדרין צ״ד, א׳: ביקש הקב״ה לעשות חזקיה משיח.

אז שלמה איז עלטער געווארן, האט ער מחבר געווען ספר קוהלת, ווי א צוואה פאר די שפעטערע דורות. — א נבואה ברוח הקודש: וואס ס׳וועט פאר־קומען אין די גלות צייטן, ווען ס׳וועט זיך אויפוועקן די פראגע פון צדיק ורע לו, רשע וטוב לו, — און אלץ פארענטפערט. אויך, זאגט ער דא, וואס ס׳וועט פארקומען ביי דער גאולה און ווער דער גואל וועט זיין. די לעצטע פסוקים פון קוהלת זענען: ויותר שהיה קוהלת חכם — אחוץ דעם וואס ער איז געווען א חכם (דעם שבח־נאמען פון „חכם״ האט ער זיך דערדינט, ווען ער האט מתקן געווען עירובין און נטילת ידים. דעמאלט האט אים א בת קול

# חסידישע מעשיות

**פון** הימל געזאָגט: בני, אם חכם לבך, ווי ס׳שטייט אין עירובין כ״א, ב׳.) עוד לימד וגו׳ ואיזן וגו׳. זאָגן חז״ל אין יבמות כ״א, א׳, אַז ער האָט צוגעגעבן גדרים און סייגים צו דער תורה, ווען ער מיט זיין בית דין האָבן גוזר געווען שניות לעריות. (אויך שבותים צו שבת, ווי ס׳שטייט אין שבת ל׳, ב׳: שלח שלמה לבי מדרשא וכו׳ ואביך הנח עליו וכו׳ וטלטלו). ווייטער פירט זיך אויס: ביקש קוהלת וגו׳. זאָגן חז״ל: ביקש שלמה להיות כמשה, ביקש לדון שלא בעדים והתראה (אין ראש השנה כ״א, ב.). דער וועלטס מנהג איז, אַז אויף דעם לעצטן ספר פונעם מחבר שרייבט מען אויף זיין ביאָגראַפיע, זיינע מדריגות, זיינע מעלות, און וואָס ער האָט אויפגעטאָן. איז דאָס אַ באַ־וויז, אַז ספר קוהלת מיטן „הבל הבלים אמר קוהלת הכל הבל״ איז זיין לעצ־טער ספר.

צום דערציילער פון די חסידישע מעשיות האָט דאָס אויבנגעזאָגטע אַ שייכות, ווייל השי״ת האָט אים געהאָלפן, אַז אין שנת תש״ה איז ארויס פון דרוק זיין ערשט ספר מיטן נאָמען „עדות בישראל — חידושים אויף ש״ס ופוסקים, וואָס ווערן אין תהילים קי״ט, נ״ד, אָנגערופן „זמירות״. (כאָטש אין סוטה ל״ה, א׳, שטייט אויף דעם אן עונש, איז עס נאָר צוליב דער גרויסקייט און הייליקייט פון דוד המלך, ווי ס׳שטייט אין יבמות קכ״א, ב׳, וסביביו נשערה מאוד, הקב״ה מדקדק עם סביביו כחוט השערה.) אָבער פאָר אַ פשוטן מענטש, ווי דער דערציילער, זאָגן חז״ל אין סוף מגילה, אַז מען דאַרף זיין אַ קורא ושונה בנעימה וזמרה. אויך אין שבת ק״ו, ב׳ געפינען מיר: „גמרא גמור זמורתא תהא״. הייסט עס — „שירים״: שפּעטער, אין שנת תש״ח איז געדרוקט געוואָרן זיין צווייט ספר מיטן נאָמען „קבוצת כתבי אגדה״ — פּי־רושים אין אגדה על פי פּרד״ס. קען עס הייסן „משלים״, ווי ס׳שטייט אין משלי: להבין משל ומליצה, דברי חכמים וחידותם. און איצט פאַרנעמט ער זיך גאָר מיט דערציילן חסידישע מעשיות. זאָל דער לייענער נישט מיינען, אַז ס׳איז פשוטע הבל הבלים, נאָר פאַרשטיין ווי גרויס און טיפזיניק זיי זע־נען. מיט חסידישע מעשיות ווערן פיל, פיל קשיות פאַרענטפערט, פיל תרעו־מות געשטילט. פון יעדער מעשה קען מען זיך אָפּלערנען אַ מוסר השכל און קומען צו אַ דרך פון עבודות השי״ת. „הבל הבלים״ הייסן זיי פון לשון „הבל תינוקות של בית רבן שאין בו חטא״. פון ספרי חידושים בהלכה ואגדה קען דער מחבר ח״ו קומען צו גאוה, אָבער נישט פון איבערדערציילן אַ מע־שהלע, וואָס ער האָט געהערט פון עלטערע חסידים.

תלמידי הבעש״ט ז״ל זאָגן, אַז שמועסן פון צדיקי אמת, הייסט עוסק זיין במעשה מרכבה. (אין בראשית י״ז, כ״ב, זאָגט רש״י ז״ל: ולמדנו שהצדיקים מרכבתו של מקום.) זיי טייטשן אויך דעם פסוק אין מלאכי ג׳: אז נדברו יראי ד׳ איש אל רעהו. ווייל ס׳שטייט „נדברו״, נישט „דיברו״, מיינט עס,

אז וועגן „יראי ד׳״ — צדיקי אמת וועט עס ווערט איבערגערעדט צווישן—איש אל רעהו — חסידישע גוטע ברידער, איז — ויקשב ד׳ וישמע וגו׳.

דער דערציילער ווייסט, אז ער איז נישט אויסגעבראָכן פון קנאה, תאוה וכבוד. אויך — ווי ווינציג מעלות ומדות טובות ער פארמאָגט, און איז נאָך זייער ווייט פון שלימות. טאָ ווי קומט עס, זיך צו פארגלייכן אפילו מיט אַ הונדערט טויזנט חלק פראָצענט צו שלמה המלך? מען באַדאַרף אָבער וויסן, אז יעקב אבינו איז עמוד התורה. ס׳שטייט: ויעקב איש תם יושב אוהלים — אין בראשית כ״ה, כ״ז אהלו של שם ואהלו של עבר, רש״י. דורך דער קדושה פון לימוד התורה האָט ער זוכה געווען צו דער מדריגה פון צורתו של יעקב חקוקה בכסא הכבוד (חולין צ״א, ב׳) און צו (דרשת חז״ל במגילה י״ח, א׳) — מלמד שקראו הקב״ה ליעקב א׳. דאָס מיינט: ער האָט זיך אזוי באַהעפט צו השי״ת, וואָס איז אלופו של עולם, ביז ער האָט משלים געווען אויף זיך דעם גאַנצן צלם אלקים. ווי ס׳שטייט אין בראשית א׳, כ״ז: ויברא אלקים את האדם בצלמו, בצלם אלקים ברא אותו. דעריבער זאָגט די גמרא אין בבא מציעא פ״ד,א׳: שופריה דיעקב אבינו מעין שופריה דאדם הראשון — קודם החטא.

ביי זיין ערשטן גילוי שכינה — נאָכן אָפּזיצן פערצן יאָר אין אהלו של שם ועבר און לערנען יומם ולילה — האָט ער געזאָגט: אכן יש ד׳ במקום הזה. האָט ער דעמאָלט זוכה געווען צום חלק הנפש, וואָס רופט זיך „נשמה״. ווי ס׳ווייזן די סופי תיבות פונעם פסוק: אכן יש ד׳ במקום הזה, ביז השי״ת האָט זיך באַוויזן צו אים אין בית אל און אים געגעבן דעם נאָמען „ישראל״. דער אלופו של עולם, וואָס איז מרומז אין אות אל״ף פונעם אל״ף־בי״ת, האָט אים צוגעשטעלט דאָס אות אל״ף צום וואָרט „תם״, איז אינאיינעם דערפון ארויסגעקומען דאָס וואָרט „אמת״. שטייט טאַקע: תתן „אמת״ ליעקב. אַלע יידן בדרך כלל רופן זיך אויך „ישראל״. הייסט עס, אז יעקב האָט אין זיך כולל געווען די נשמות פון כלל ישראל.

משה רבינו האָט אראָפּגעצויגן די תורה דכתוב בה „אמת״ — עבודה זרה ד׳, ב׳ — פאַר די בני ישראל. הויבן זיך די עשרת הדברות אָן מיט דער אל״ף פון „אנכי״, דער שורש פון נשמה (די אל״ף פון אנכי אין אָנהויב עשרת הדברות, די מ״ם פון מאימתי אין אָנהויב משניות, די תי״ו פון תנא אין אָנהויב גמרא ברכות מאַכט אינאיינעם „אמת״. — מגלה עמוקות). אין ראש השנה כ״א, ב׳ שטייט: חמשים שערי בינה וכו׳ וכולם נמסרו למשה. דער עולם הבינה איז דער מקור פון בחינת נשמה, ווי ס׳שטייט: ונשמת ש׳ תבינם. דאָס אות נו״ן פונעם אל״ף בי״ת איז אין צאָל — פופציק. אז מען שטעלט צו דאָס אות נו״ן צום וואָרט „משה״ ווערט אינאיינעם דאָס וואָרט „נשמה״. און משה האָט געזאָגט: „האנכי הריתי את העם הזה, אם „אנכי״ ילידתיהו, במדבר פרשה י״א, פסוק י״ב — מיינט עס — זיין נשמה פון שורש

„אנכי״, איז כולל אַלע יידן. קומט אויס, אַז ביידע: יעקב אבינו און משה רבינו האָבן אין זייערע נשמות כולל געווען אַלע נשמות פון אַלע יידן בכלל ובפרט. זאָגט טאַקע דער זוהר הקדוש: יעקב ומשה כחדא אחידו בגופא דאילנא וכו׳ מלבר וכו׳ מלגאו.

יהושע בן נון, דער ערשטער אריינפירער פון יידן קיין ארץ ישראל, איז געווען בחינת „רוח״. ווי מיר געפינען אין במדבר כ״ז, י״ח: יהושע בן נון איש אשר רוח בו. ער האָט אויך כולל געווען מיט זיין רוח אַלע חלקי הרוח פונעם גאַנצן כלל ישראל, ווי רש״י טייטשט דאָרט: שיכול להלך כנגד רוחו של כל אחד ואחד.

דוד המלך איז געווען בחינת „נפש״. האָט ער אין זיין נפש כולל געווען אַלע חלקי הנפש, פונעם גאַנצן כלל ישראל· דעריבער געפינט זיך דאָס וואָרט „נפש״ פיל מאָל אין זיינע תפילות, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן ברוח הקודש — אין ספר תהילים, — וואָס ער האָט געבעטן פאַר זיך און פאַרן כלל ישראל. ער האָט זוכה געווען איינצונעמען גאַנץ ארץ ישראל, אויך סוריא. אונטער-טעניק געמאַכט: אדום, עמון ומואב מיט דער גאַנצער סביבה און געבויט ירושלים און מצודת ציון. שלמה המלך האָט געבויט דאָס בית המקדש און עס גערופן מכון לשבתך עולמים. (קדושת הבית קידשה לשעתה ולעתיד, תו״ס זבחים ס״ב, א׳, ד״ה ואחד). אַלע פעלקער האָבן זיך אים אונטערגע-געבן צוליב זיין גרויסער חכמה. איז ער דאָך געווען די אמתע דוגמא פונעם מלך המשיח.

פון דעם געזאָגטן דרינגט ארויס, אַז אויב אַ ייד לערנט תורה, אָדער ער שטיצט אירע לערנער, ווערט ער שוין פאַרבונדן מיט די הייליקע נשמות פון די עמודי התורה: יעקב אבינו — ישראל סבא — און משה רבינו. אויב ער ווינטשט זיך צו דערלעבן צו זען קיבוץ גליות און זוכה זיין מיטצוגיין מיט אַלע יידן קיין ארץ ישראל אינאיינעם, פאַרבינדט ער זיך מיט דער קדושת הרוח פון יהושע בן נון. אויב ער האָפט און בעט אויף נחמת ציון וירושלים און בנין המקדש בהרמת קרן ישראל בביאת המשיח, גואל הצדק — במהרה בימינו אמן — ווערט ער אָנגעקניפט אין די הייליקע נפשות פון דוד ושלמה.

פאַרשטייט זיך שוין, ווי אַזוי דער פשוטסטער מענטש קען זיך פאַר-בונדן מיט די גרעסטע צדיקי יסודי עולם. אין די הייליקע ספרים פונעם תולדות איז געדרוקט אַ בריוו פונעם בעש״ט זללה״ה צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער ז״ל. (דער בריוו אין אָריגינאַל געפינט זיך אין הוסיאַטינער הויף אין תל-אביב.). דאָרט שטייט געשריבן, אַז זיין — דעם בעשט״ס — רבי, אחיה השילוני מיט משיחן האָבן אים צוגעזאָגט, אַז ווען זיין — דעם בעש״טס — דרך וועט ווערן נתפשט — פאַרשפרייט ווערן — צווישן יידן,

וועט קומען די יידישע גאולה שלימה מיט משיחן. לאָמיר זשע האָפן, אַז אין דעם זכות פון סיפורי הצדיקים — תלמידי הבעש״ט, וואָס ברענגען צו זיין דרך אין עבודות ד׳ הטוב, וועט טאקע אי״ה בב״א קומען די גאולה שלימה בהרמת קרן ישראל וקידוש שם שמים בנחמת ציון וירושלים, כתפילת עבד נרצע לעובדי ד׳ באמת ובתמים אברהם בן שרה (ושם אביו, מורו להועיל, ר׳ ישכר ז״ל שטערן) בעל המחבר ספר עדות בישראל וקבוצת כתבי אגדה.

ענלעכס צום אויבנדיקן האָט מיר דערציילט דער הויפט משמש פון הוסיאַטין, ר׳ דוד שוואַגער ע״ה. ער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אדמו״ר זלה״ה פון הוסיאַטין (וואָס איז נפטר געוואָרן אין תל אביב) אין אָוונט פון עשרה בטבת נאָכן תענית, האָט אדמו״ר זצלה״ה אים געזאָגט: רבי וועל-וועלע זבאַריזשער — איינער פונעם זלאטשעווער מגידס קינדער, וואָס חסי-דים האָבן זיי גערופן חמשה חומשי תורה — איז אַמאָל געקומען צום רבין ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער האָט זיך דער רבי ר׳ מענדעלע געטאָן אַ כאַפּ און געזאָגט: וואָס האָט דעם רבין ר׳ מעכעלעס אַ זון צו טאָן ביי מיר? ר׳ וועל-וועלען האָט די וועלט גערופן „דער תם״. — האָט ער — ר׳ וועלוועלע — געענטפערט בתמימות: איך האָב געהערט אין הימל, אַז איר זענט משיח, בין איך געקומען צו האָבן פאַר אייך הכנעה. האָט אים דער רבי ר׳ מענדעלע געענטפערט: „איך בין נישט משיח, נאָר יעדער ייד האָט אין זיך אַ חלק משיח, איך האָב מיין חלק משיח אויסגעאַרבעט״. נאָכדעם האָט אדמו״ר זללה״ה צוגעגעבן: „דער רבי ר׳ מענדעלע איז שוין געווען דרייצן מאָל אויף דעם עולם. דאָס ערשטע מאָל איז ער געווען דער רמב״ם, דאָס צווייטע מאָל דער רמ״ע מפאנו״. צום סוף האָט דער אדמו״ר זצ״ל געזאָגט: „דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אין דעם לעצטן יאָר פאַר זיין הסתלקות געהאַט אַזאַ עבודה, אַז ווען ער זאָל געווען אויספירן די ספירה, (ער איז נסתלק געוואָרן אין מיטן ימי הספירה, ל״ד בעומר), וואָלט געווען געוועזן די גאולה שלימה״.

ווי אַ פאַרבינדונג מיטן אויבנדיקן סיפור פון ר׳ מענדעלען, וועל איך דערציילן, וואָס איך האָב געהערט פון ר׳ דודל מאָרגנשטערן פון סקאַלעט: ווען ר׳ מענדעלע איז נאָך געווען אַ תלמיד ביי דעם רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר זיינע חברים, אַז ער האָט גילוי הבעש״ט ז״ל, און דאָס האָט זיך דערטראָגן צום רבי ר׳ ברוך ז״ל פון מעזשי-בעזש. (החסיד ר׳ יאָסעלע מילגראַם פון סקאַלעט האָט מיר מגיה געווען — צום „דגל״, דעם רבי ר׳ ברוכס ברודער), האָט אים געאַרט דאָס אויסרימען זיך פון ר׳ מענדעלען. אַז זיין תרעומה איז אָנגעקומען צו ר׳ מענדעלען, האָט ער עס נישט געוואָלט ליידן. איז ער געפאָרן צום רבין ר׳ ברוך זיך צו פאַרענטפערן און מיטגענומען זיין גבאי. (דעם נסתר, וואָס איז שפעטער נתגלה געוואָרן אַלס רבי ר׳ הירש משרת). ווען ער איז אָנגעקומען קיין מעזשיבעזש,

האָט ער געשיקט זיין גבאי צו ר׳ ברוכן פרעגן, ווען ער קען אים אויפנעמען. ר׳ ברוך האָט געזאָגט דעם גבאי: קיין פוילישן גוטן-ייד, (רבין) וויל איך נישט אויפנעמען״. אָבער דער גבאי, דער נסתר, האָט דאָך געוואוסט די גרויסקייט פון זיין רבין ר׳ מענדעלען, האָט ער אים געברענגט אַ תשובה, אַז ר׳ ברוך האָט אים געהייסן שוין קומען.

אריינקומענדיק צו ר׳ ברוכ׳ן האָט ר׳ מענדעלע דערפילט פון דער קאַל-טער אויפנאַמע, אַז ער איז אַן אומגעבעטענער גאַסט. איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר און געשוויגן, ביז ר׳ ברוך האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן און ר׳ מענדעלען אַ שטרענגן פרעג געטאָן: „דו ביסט אַ פּוילישער גוטער-ייד?״ ר׳ מענדעלע האָט געענטפערט: „יאָ״. „אַזוי, אַזוי? זאָג זשע מיר, וואו געפין איך זיך איצט״? — פרעגט ר׳ ברוך. — „אין ירושלים״. — ענטפערט ר׳ מענ־דעלע. פרעגט ווידער ר׳ ברוך: וואו זשע בין איך איצט?״ — „ביי דער נקודה פון ציון״ — ענטפערט ר׳ מענדעלע. דעמאָלט האָט זיך ר׳ ברוך גיך אויפ־געהויבן און צוגעגאַנגען צו דער טיר, און געגעבן ר׳ מענדעלען אַ בכבודיקן שלום עליכם, אויך אים אָנגענומען ביי דער האַנט, צוגעפירט צום טיש, און געבעטן אים זיצן און געפרעגט: „ווי קומט עס וואָס איר באַרימט זיך, אַז איר זעט דעם זיידן?״ — דעם בעש״ט — „ווייל עס איז אמת״: — ענט־פערט ר׳ מענדעלע. פרעגט ר׳ ברוך: „וואָס זאָגט איך דער זיידע?״ האָט ר׳ מענדעלע געענטפערט: „ער זאָגט מיר, אַז ער האָט תרעומות אויף דער וועלט, וואָס מען דערציילט נאָר פון אים מופתים און מען רעדט נישט פון זיין יראת שמים״. מיט פריינטלעכקייט זאָגט ר׳ ברוך: „אַזוי? אַזוי? איז עס דאָך טאַקע אמת, אַז איר זעט דעם זיידן״. צווישןביידע צדיקים איז פאַר-בונדן געוואָרן אַן אהבה, און זיי האָבן פריילעך זיך אָפגעזעגנט. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

# ספר חוטים המשולשים

דער בעש"ט האט געזאגט: „דריי מצוות זענען גוט אפילו שלא לשמה: תורה, צדקה, מקוה. תורה — דערוויל לערנט מען. צדקה — דערוויל איז מען מחיה א ייד. מקוה — דערווייל איז מען טהור.

ר' אליה נאסטער פון טישוויץ האט מיר אמאל נאכגעזאגט א קבלה פון חסידים, אז דער סוד פון מקוה איז — „מען טוט זיך אויס און מען טוט זיך אן". דאס מיינט: מען ווארפט פון זיך אראפ די טומאה, און מען איז זיך מלביש מיט דער טהרה און קדושה.

## סיפור נומער 1

ווען דער בעש"ט ז"ל איז נאך געווען א נסתר, האט ער משיג געווען ברוח הקודש צווישן די גדולי התורה פון זיין דור דריי ראשי הדור: דעם מחבר פון ספר תבואות שור, ר' יצחק דראביטשער און ר' אפרים — דער מגיד פון בראד. כדי מקיים צו זיין בשלימות די מצוה פון שימוש תלמידי חכמים, איז ער געגאנגען צו זיי אלע דריי זיי משמש צו זיין. דעם מחבר פון תבואות שור האט ער גערופן „גאון הדור". און באהאלטנדיק זיך פאר אים אין א לבוש פון אן אדם פשוט, האט ער דעם בעל תבואות שור משמש געווען מיט פארדויכערן פאר אים די ליולקע.

ר' יצחק דראביטשער האט דער בעש"ט גערופן „צדיק הדור". (מנהיג הדור.) אים האט דער בעש"ט באדינט דורך צוטראגן א גלאז טיי. אז ער האט צוריקגעבערענגט די ליידיקע כלים אין קיך אריין, און ר' יצחקס רביצין האט אים געפרעגט: „נאך וואס זענט איר אייך אזוי פיל מטריח?" האט ער איר געענטפערט: „צווישן די עבודות פונעם כהן גדול אום יום כיפור איז געווען איין עבודה — ארויסצונעמען פון קודש־הקדשים די כף ומחתה און צוריק־שטעלן זיי אויף זייער ארט. און דאס האט ער געמוזט טאן, ווען ער איז געווען מלובש אין בגדי לבן. די רביצין האט שוין פון זיינע דיבורים פאר־שטאנען, אז ער איז נישט קיין אדם פשוט. שפעטער צו, איז געלונגען דעם בעש"ט צוצוציען ר' יצחקן צו זיין דרך אין עבודות ד' הטוב.

אט איז א בריוו וואס ר' יצחק האט שפעטער געשריבן צום בעש"ט, ווען ער איז נתגלה געווארן.

ב"ה א' דחנוכה, תקט"ו דראביטש.

להאי גברא רבא, איש אלקים, מופת דור דורים, אדמו"ר, מחדש הלכתא דקוב"ה בכל יום, רבשכבה"ג וכו' וכו' מוהר"ר ישראל בעש"ט יחי'.

אלה שמות בני ישראל הבאים לחסות תחת צל קודש הקדשים יחי׳: יעקב בן חי׳, ראובן בן שרה, חיים חייקל בן מלכה, ירוחם פישל בן מנוחה, אברהם בן קיילע. וכל אחד נתן ח״י זהובים — בסך הכל צ׳ זהובים (בנוסח שני ניתוסף: ואני נותן א׳ זהב. בס״ה צ״א זהובים.) דברי ה״ק שבתלמידיו יצחק בן רבקה החונה פק״ק דראהביטש, בנו יחיאל מעכיל בן טראַני.

דעם בריוו האָב איך מעתיק געווען פון אַ העתקה, פון קיעווער קרימי־נעלן אַרכיוו, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען צווישן ריזשינערס כתבי יד, ווען מען האָט אַרעסטירט אין דער צייט פון ניקאָליי דעם ערשטן. ווען די היינטיקע רוסישע רעגירונג האָט איבערגענומען די מאַכט, האָט זי דערלויבט, אַז יידן זאָלן זיי מעתיק זיין.

דעם דריטן ראש הדור ר׳ אפרים מגיד דק״ק בראָד האָט דער בעש״ט גערופן „חכם הדור". דער בעש״ט האָט אַמאָל געזאָגט: דער חכם צבי ז״ל האָט איבערגעלאָזט פיר זין. זענען זיי אַלע בעלי רוח־הקודש. (ר׳ יעקב עמדי־נער) דער אשכנזי שפּאַצירט אַרום אין הימל. אָבער ער, ר׳ אפרים, איז ממש חכם עדיף מנביא מיט זיין אָפענעם רוח הקודש. ווי ס׳שטייט אין בבא בתרא י״ב, א׳. (אין מיין ספר קבוצת כתבי אגדה, עמוד ס׳, ס״א איז באַשריבן עפּעס וואונדערלעכס וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און ר׳ ליבער מבאַרדיטשעוו.)

ר׳ אפרים איז געווען אַן איש מצונן. (בלוט־אָרים) ס׳איז אים שטענדיק געווען קאַלט. האָט מען ביי אים אין הויז אויפגעבויט בענק ביי דער וואַנט, איינע אויף דער אַנדערער, גלייך ווי אין אַ בית המרחץ, און ער פלעגט זיצן אויף דער אויבערשטער באַנק זיך צו דערוואַרעמען.

דער בעש״ט ז״ל האָט זיך אַמאָל אום ווינטער אָנגעטאָן אַ פויערישן פּעלץ, און זיך פאַרבונדן מיט אַ שטרויענעם גאַרטל, און געגאַנגען צו ר׳ אפרימען אים משמש צו זיין. אַריינקומענדיק אין ר׳ אפרימס הויז, האָט ער אים געטראָפן ציטערן פאַר קעלט. האָט דער בעש״ט אים געזאָגט: „רבי, אפשר מעג איך איינהייצן אין גרובע אייך צו דערוואַרעמען?" ר׳ אפרים האָט אים געענטפערט: „ס׳איז נאָר דאָ אין הויז אומצעהאַקטע קלעצער". דער בעש״ט זאָגט ווידער: „איך קען די מלאכה". און באַלד האָט ער זיך געשאַפן אַ זעג און אַ האַק, צעהאַקט דעם גרעבסטן קלאָץ און געמאַכט גוט וואַרעם אין הויז.

צוליב דחקות אין פרנסה איז ר׳ אפרימס רביצין געוואָרן אַ מאַרק־זיצערקע. פאַרקויפט בייגל, אויבס, בעזימער, און צוגעהאָלפן צו דער פרנסה. צופעליק איז זי אָנגעקומען פון מאַרק, און געטראָפן דעם מאַן שמועסן מיטן אורח און דערפילט די געשמאַקע וואַרימקייט אין הויז. האָט זי איבערגע־ציילט די קלעצער און געזען, אַז עס פעלט דער גרעבסטער קלאָץ (לויט איר

אָרימער הכנסה האָט עס געהייסן צופיל מילדקייט.) — מיטאָמאָל אַזוי פיל אַנצוהייצן? האָט זי אָן אויפגערעגטע געכאַפּט אַ בעזים אַרויסצוטרייבן דעם אורח. ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין מלאכה. ביז דער דאָזיקער רגע האָט ר׳ אפרים זיך נישט ווויסנדיק געמאַכט. ער האָט ווייטער געשמועסט מיטן אורח ווי מיט אַן אדם פשוט און אים געדאַנקט פאַר דעם, וואָס ער האָט אים ממש מחיה געווען. אָבער ווען די רביצין האָט דעם אורח געוואָלט דערלאַנגען מיטן בעזים, האָט איר ר׳ אפרים געזאָגט: „אויב דו וועסט אים אַנרירן וועסטו חרוב מאַכן די וועלט. זיין הייליקייט איז גרויס״. און ער האָט אַנגעכאַפּט דעם אורח און איז מיט אים אַרויס פון שטוב.

דעמאָלט האָט ר׳ אפרים געזאָגט דעם בעש״ט: איך ווייס, אַז איר וועט זיין אַ מנהיג-ישראל. מיט אייערס אַ וואָרט, אפילו מיט אייערס אַ מחשבה רעכנט מען זיך אין הימל. בעט איך אייך נישט צו האָבן קיין תרעומות אויף מיין רביצין, ווייל זי איז פאַרביטערט פון גרויס דחקות. איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז אפילו פון אַ שלעכט ווייב האָט מען אויך נוצן. איך בין אַמאָל אַרויפגעקומען אויפן הימל און אַנגעטראָפן דאָס בית-דין־של־מעלה דן זיין אַ יידיש נפש. איז געווען — וואָס פאַר אַן אומרעכט מען האָט אים אַנגעוויזן, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אויף דער וועלט, האָט ער געענטפערט: „איך האָב געהאַט אַ שלעכט ווייב, און זי האָט מיך צו דעם אַלעמען געברענגט״. די פמליא־של־מעלה האָט געהאַלטן ביי אָננעמען דעם תירוץ פאַר גוט. איז אָבער אַנגעקומען אַ מלאך אַ מקטרג און געפרעגט: „וואָס הייסט דאָס צו פאַלגן אַ ווייב קעגן דת״? האָב איך זיך אַנגערופן צום מלאך: „דו האָסט שוין געפרוּווט האָבן אַ שלעכט ווייב און אויסהאַלטן דעם נסיון״? דעם בית-דין־של־מעלה איז דאָס געפעלן און האָט אַרויסגעגעבן אַ פסק, אַז דער מלאך זאָל מגולגל ווערן אין אַ מענטש און באַקומען אַ שלעכט ווייב. און ערשט נאָך זיין צוריקקומען אויף יענער וועלט, וועט מען וויסן וואָס צו טאָן מיט דעם יידישן נפש.

איך האָב געוואוסט ווי ער איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן, ביז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שלעכט ווייב, וואָס האָט אים געמאַכט אַ לונגען-פעלער. ער איז געווען אַ ירא שמים. איך האָב אויף אים אַכטונג געגעבן. ער האָט מיך אויך געפאָלגט און געגעבן אַ גט דעם ווייב, כדי זי זאָל נישט דאַרפן נעמען קיין חליצה. צוריק מיט צוויי וואָכן איז ער געשטאָרבן. פאַרן טויט האָב איך אים דערציילט, אַז ער איז עס געווען דער מלאך המקטרג. פאַר זיין פטירה איז ער געווען אין אַ הויכער מדרגה. האָט ער זיך אין אַלץ דערמאָנט און מיר מודה געווען. און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מער וועט ער שוין קיין מקטרג נישט זיין, בפרט, קעגן אַ תירוץ פון אַ שלעכט ווייב. ר׳ אפרים האָט דערנאָך אויסגעפירט, וואָרנענדיק דעם בעש״ט אַלס שפּע־

טערער מנהיג: „איר זאָלט זען ממליץ זיין אויף יידן, ווי ווייט איר וועט קענען". זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## סיפור נומער 2

אַן ענלעכע אוהרה פאַר אַ מנהיג האָב איך געהערט פון איינעם, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ דינאָווער חסיד. ווען דער ייד הקדוש האָט אָנגעהויבן פאָרן צום רבין פון לובלין, האָבן זיך איינצלנע פון די לובלינער תלמידים צוגעצויגן צו אים. צווישן זיי איז געווען אויך ר' שלמה לייב לענטשנער. דערפאַר האָבן זיך די איבריקע גדולי תלמידי לובלין אָפּגעזונדערט פון זיי. מיט אַמאָל האָט אַ לובלינער ייד געמאַכט אַ סעודת ברית מילה. האָט ער פאַרבעטן ר' שלמה לייבן אויף דער סעודה און אויך דעם רב פון דינאָוו. (דער מחבר פון ספר בני יששכר און נאָך פיל ספרים). דער ראָפּשיצער, איינער פון די גדולי תלמידי לובלין, האָט זיך דערפון דערוואוסט און געשיקט אַ שליח מיוחד צום דינאָווער רב, ער זאָל אָוועקגיין פון דער סעודה און נישט זיצן אינאיינעם מיט ר' שלמה לייבן. דער דינאָווער רב האָט נישט געפאָלגט און איז געבליבן זיצן איבער דער סעודה, כדי נישט צו פאַרשעמען ר' שלמה לייבן. דער ראָפּשיטצער האָט ווידער געשיקט זאָגן דעם דינאָווער, אַז אויב ער וועט נישט פאָלגן, וועט ער ביי אים — ביי דעם דינאָווער — צונעמען אַלע מדריגות און השגות ברוח הקודש. דער דינאָווער האָט אויף דעם געענטפערט: „איך האָב מיינע מדרגות און השגות נישט גענומען ביי קיין רבין. איך האָב זיי גלייך געצויגן פון דער גמרא".

נאָך דער סעודה איז דער דינאָווער געגאַנגען צום ראָפּשיטצער אים איבערבעטן און געזאָגט: ביי דעם נסיון פון דער עקידה שטייט „והאלקים ניסה את אברהם ויאמר אליו וגו'". הייסט עס השי"ת אַליין האָט גערעדט מיט אברהמען. אָבער ביים צוריקהאַלטן אברהמען פון שחטן יצחקן שטייט: „ויקרא אליו מלאך וגו' אל תשלח וגו'". איז דאָך קשה — נאָכדעם ווי אברהם איז אויסגעשטאַנען אַזאַ גרויסן נסיון, איז ער געווים צוגעקומען צו אַ העכערער מדריגה ווי פריער; וואָלט זיך דאָך שענער געפּאַסט, ווען דער נסיון קומט דורך אַ מלאך און דאָס צוריקהאַלטן — דורך השי"ת אַליין? דער תירוץ איז אָבער, כדי אָפּצוראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן איז גענוג, אַז מען הערט פון אַ מלאך, אָבער שחטן אַ מענטש טאָר מען נישט, סיידן מען הערט פון השי"ת אַליין.. די גמרא זאָגט דאָך אין בבא מציעא, נ"ח, ב': „המלבין פני חברו ברבים כאילו שופך דמים. — אַז מען פאַרשעמט אַ מענטש עפנטלעך, איז גלייך, ווי מען הרגט אים און מען פאַרגיסט זיין בלוט. קענט איר שוין פאַרשטיין, ראָפּשיטצער רב, אַז כאָטש איך האַלט אייך פאַר אַ מלאך, האָב

איך נישט געקענט פאלגן אוועקצוגיין אין מיטן דער סעודה, כדי נישט צו פארשעמען ר׳ שלמה לייבן.

דער דינאָווער רב האָט אָבער געפילט, אַז דער ראָפשיטצער האָט נאָך אויף אים תרעומות, האָט ער מוסיף געווען: ווען השי״ת האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַוויזן צו משה רבינו, האָט ער אים געזאָגט: „של נעלך״ — וואַרף אַראָפּ דייַן נעל (שוך) — מיינט עס, עס שטייט אין אבות פ״ב משנה י׳: „והוי זהיר בגחלתן שלא תיכוה, שנשיכתן וכו׳, ועקיצתן וכו׳, ולחישתן וכו׳״. ווייזט עס, אַז חכמים קענען ח״ו מעניש זיין אויף דריי אופנים: איינס — נשיכה, צוויי — עקיצה, דריי — לחישה. פון די ראשי תיבות — די ערשטע אותיות — פון די ווערטער פון: נשיכה, עקיצה, לחישה, שטעלט זיך צוזאַמען דאָס וואָרט „נעל״. האָט השי״ת געזאָגט צו משהן: „איך מאַך דיך איצט פאַר אַ מנהיג ישראל, פאַרלאַנג איך פון דיר, זאָלסט אוועקוואַרפן דאָס וואָרט „נעל״, וואָס מיינט: נשיכה, עקיצה, לחישה; און נעם אויף דיר זאָלסט ח״ו קיין ייד נישט מעניש זיין.״ אַט דעמאָלט האָט זיך דער ראָפשיטצער איבערגעבעטן מיטן דינאָווער רב ז״ל. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

## סיפור נומער 3

דער בעש״ט ז״ל ,נאָכן התגלות, האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די שטעטלעך וואָס זענען אַרומגערינגעלט אונטערן טשאַרטקאָווער קרייז. דעמאָלט איז אין טשאַרטקאָוו געווען רב, הרה״ג ר׳ הירשעלע. (דער פאָטער פון די הייליקע צוויי גאונים וקדושים: רבי ר׳ שמעלקע פון ניקלשבורג, און ר׳ פינחס פון פראַנקפורט־אַם־מיין.) די גאוני הדור פון יענער צייט האָבן געשריבן צו ר׳ הירשעלען, ער זאָל זען צו שטערן דעם בעש״ט צו באַווייזן מופתים און געבן קמיעות. ר׳ הירשעלע האָט זיך נישט ווויסנדיק געמאַכט. איינמאָל איז פאַרגעקומען פאַר אים אַ שאלה פון אַ פרוי, וואָס האָט די זעלבע נאַכט געדאַרפן גיין טבילה, און ער האָט איר מתיר געווען זיך טובל זיין. ר׳ הירשעלע איז געווען פון די מארי דחושבנא. (איידער ער איז ביינאַכט איינגעשלאָפן, האָט ער אדורכגערעכנט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַ גאַנצן טאָג). איז אים אויסגעקומען על פי דין, אַז ער איז ח״ו נכשל געוואָרן אין הוראה און נישט גוט געפסקנט די שאלה פון דער פרוי. איז ער געלאָפן און אָנגעקלאַפּט ביי דער פרוי, און דורכן פענסטער מודיע געווען, אַז די טבילה איז קיין טבילה נישט, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. אָבער דער מאַן פון דער פרוי האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט, ווייל זיי זענען זיך שוין צוזאַמענגעקומען.

ר׳ הירשעלע איז אַהיים געגאַנגען מיט גרויס עגמת נפש, און זיך גענומען באַרעכענען: וואָס פאַר אַ חטא האָט ער פון פריער, וואָס — מיטן כח פון עבירה גוררת עבירה — (איין עבירה שלעפּט צו דער צווייטער) האָט אים

געברענגט צו דעם מכשול אין הוראה. איז ביי אים געבליבן, אז וויל ער האט נישט געפאלגט די גאוני הדור צו רודפן דעם בעש"ט, איז דאס אים געקומען. האט ער אויפגעוועקט דעם שמש און מיט אים באלד ביינאכט גע־פארן אין דעם שטעטל אריין פון זיין קרייז, וואו דער בעש"ט האט זיך דעמאלט געפונען. אריינקומענדיק אין בעש"טס חדר אריין האט ער געטראפן א גרויסן עולם ביי דעם בעש"ט; און געזען ווי א פרוי האט זיך פאר אים אויסגעוויינט, אז שוין עטלעכע יאר ווי איר מאן האט זי פארלאזט, און זי איז פארבליבן אן עגונה. דער בעש"ט האט זיך אויפגעהויבן און איז ארויס אין גאס, צוגע־גאנגען צו א מבוי מטונף (אן אומריין ארט) און צוריק אריין אין הויז; זיך נישט געוואשן די הענט, נאכאמאל אריינגעקוקט אין דער עגונהס קוויטל, און איר געזאגט דעם נאמען פונעם ארט, וואו איר מאן געפינט זיך. געהייסן איר פארן צו אים און געוואונטשן — זי זאל מיט אים בנקל אדורכקומען: צוריק צוזאמענקומען זיך, אדער זיך גטן.

ר׳ הירשעלען האט דארט קיינער נישט געקענט. איז ער געשטאנען אן איבערגעשראקענער און א דערשטוינטער ביי דער טיר און ביי זיך גע־טראכט, אז די גאונים, וואס ווילן רודפן דעם בעש"ט, זענען דאך גערעכט. מען זעט דאך, אז די מופתים זענען נישט פון דער ריינער זייט. אבער באלד האט דער בעש"ט זיך געהייסן דערלאנגען וואסער און זיך געוואשן די הענט. געמאכט הויך ברכת אשר יצר, צוגעגאנגען צו ר׳ הירשעלען און געזאגט: „שלום עליכם, ר׳ הירשעלע טשארטקאווער! אייערע עגמת נפשן פון דער נעכטיקער שאלה זענען אומזיסטע, ווייל איר האט גוט געפסקנט". און דער בעש"ט האט אים אויסנווייניק אנגעוויזן אויף א תוספות אין דער גמרא נדה, וואס איז די שאלה מכשיר. „און עס זאל אייך אויך נישט וואונדערן, — האט דער בעש"ט ממשיך געווען, — וואס איך האב אין מיטן קוויטל איבערגעהאקט מיט אומריינקייט, און א צווייט מאל דורכגעקוקט דאס קוויטל אומגעוואשן די הענט. איר דארפט וויסן, אז איך האב איר מאן געזוכט אויף יענער וועלט און אים נישט געטראפן: נישט אין גן עדן, נישט אין גיהנום. דערנאך האב איך אים ארומגעזוכט צווישן יידן, אין אלע הייליקע ערטער אויף דער וועלט, און נישט געפונען. האב איך זיך געמוזט אראפלאזן אין די אומריינע ערטער פון דער וועלט. דארט האב איך אים געטראפן. ס׳איז אפילו א גרויסע סכנה. אבער, וואס טוט מען מען דען נישט כדי צו ראטעווען א יידיש נפש, און אויך, אז א יידישע טאכטער זאל נישט בלייבן קיין עגונה?" ר׳ הירשעלע איז אהיים געפארן א צופרידענער און פארזאגט מען זאל נישט טשעפען דעם בעש"ט.

## סיפור נומער 4

צום בעש"ט איז אמאל געקומען פון א ווייט ארט א ייד א גרויסער עושר, וואס האט געפירט גרויסע מסחרים און האט אפילו געהאט אייגענע שיפן

אויפן ים. ער איז אָבער געווען אַ חשוכי־בנים (קינדערלאָז). האָט ער פאַר־לאַנגט פון בעש״ט, ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער צום לעבן. דער בעש״ט האָט אים געענטפערט: איך האָב פאַר אייך אַן עצה. אָבער, ווייל עס איז אַ גרויסער נסיון, דאַרפט איר קומען אַהער מיטן ווייב; און אויב איר ביידע וועט באַשטיין אויף דעם באַדינג, וועט איר אי״ה זיכער געהאָלפן ווערן מיט קינדער צום לעבן.

דער עושר איז אַהיימגעפאָרן און איינגעשפאַנט זיין בעסטע קאַטש און פערד, מיטגענומען זיין שמייסער און געקומען צום בעש״ט, אַ צווייט מאָל שוין, מיטן ווייב. דער בעש״ט האָט זיי געזאָגט: אויב איר ווילט האָבן קינ־דער, מוזט איר אויף אייך נעמען אָרימקייט, ממש עד ככר לחם: צו נעמען נדבות און אפילו זיין אַ מחזיר על הפתחים״. (הייזער־גייער.) דעם עושרס ווייב האָט תיכף מסכים געווען. נאָכדעם איז שוין דער עושר אויך באַשטאַנען. אַהיימפאָרנדיק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל, נאָענט פון זייער שטאָט, אין אַ רייכן האָטעל. האָט דער עושר זיך דאָרט דערוואוסט, אַז זיינע שיפן זענען אונטערגעגאַנגען אויפן ים. ער האָט אויך געהערט פון די געסט אין האָטעל, אַז אין דער נאָענטער שטאָט איז געווען אַ גרויסע שריפה, און זיין — דעם עושרס — גאַנץ פאַרמעגן איז געגאַנגען צו גרונט.

אַהיים פאָרן האָט ער שוין נישט געקענט, ווייל ער איז געווען אַ בעל חוב. האָט ער אָפּגעשאַפט דעם קוטשער, פאַרקויפט די קאַטש מיט די פערד, און געמאַכט אַביסל געלט; אַריינגעצויגן זיך אין אַ קליין שטעטל, זיך געדונגען אַן אָרימע דירה, און דאָרט זיך אויפגעהאַלטן ביז דאָס ווייב האָט אים אָנגע־זאָגט די גוטע בשורה, אַז זי פילט זיך מעוברת. דעמאָלט האָט ער דאָס איי־בערגעבליבענע ביסל געלט געלאָזט ביי דעם ווייב, און ער איז אַוועק אויף דער וועלט צווישן ארחי־ופרחי, צו גיין אין די הייזער בעטלען. זיין ווייב האָט דאָ צו דער רעכטער צייט געבוירן אַ ייִנגל. און יידן רחמנים בני רחמנים האָבן זיי געשטיצט פון אָרימע צדקה־פושקעס. ער ווידער — דער אַמאָליקער עושר — איז פאַרגאַנגען מיט די ארחי־ופרחי אַזש טיף אין דייטשלאַנד און געווען צופרידן מיט זיין גורל: גלויבנדיק, אַז זיין ווייב אינדערהיים האָדע־וועט שוין אַ לעבעדיק קינד פון אים.

אָבער, אַמאָל אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכטס, וואַרעמענדיק זיך ביי דעם אויוון אין בית־המדרש, האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ טיפער קרעכץ. דער בית־המדרש שמש האָט אים געפרעגט אויף וואָס גייט דער קרעכץ. האָט ער געענטפערט, אַז עס פאַרשמעקט אים אַ פריש גלאָז טיי פון אַ סאַמאָוואַר, און אַז דערווייל האָט ער זיך דערמאָנט זיין אַמאָליקן רייכן מצב, ווען פיל

יידן האָבן ביי אים געטרונקען טיי און — ביי וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער האַלט איצט. דעם שמש האָט איבערגענומען דאָס רחמנות. האָט ער אים גלייך געפירט צום רייכסטן מאַן פון שטאָט, אַריינגעפירט אין קיך אַריין און גע־בעטן די דינסט, זי זאָל אים געבן אַ גלאָז טיי פונעם סאַמאָוואַר. פון דער קיך איז געווען האַלב-אָפן די טיר צום סאַלאָן פונעם בעל-הבית. דער געוועזענער עושר האָט דערהערט אַ שטיל געוויין פונעם סאַלאָן. האָט ער איבערגעפרעגט דער דינסט וועגן דער סיבה פונעם געוויין. האָט זי אים איבערגעגעבן, אַז דער בעל־הבית איז זייער רייך. ער האָט אפילו אייגענע שיפן אויפן ים. ער איז, אָבער, נאָכמער אַ בעל־יסורים. ער האָט אויף דער עלטער פאַרלוירן זיין פרוי מיט צוויי עלטערע קינדער, וואָס פון זיי איז קוים געבליבן אַן אָנדענק: פון איינעם — אַ יינגל, פון צווייטן — אַ מיידל. האָט ער זיי ביידע מזווג געווען (חתונה געמאַכט) און איבערגעגעבן זיי צו פירן זיינע מסח־רים. אָבער, זיי האָבן נישט קיין קינדער. איז אַזוי: אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי נישט קיין צייט. אָבער יעדן שבת-צו-נאַכטס קומען זיי צום זיידן איבער־געבן די חשבונות, און נאָכדעם הערט זיך דאָס געוויין.

דער אורח האָט געזאָגט דער דינסט, זי זאָל מעלדן דעם בעל־הבית, אַז ער — דער אורח — קען אים העלפן. תיכף האָט אים דער בעל־הבית אַריינגערופן און דערציילט, אַז ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק זיין איינקל, זי קען זיך נישט מטהר זיין — ווייל, נאָך יעדער טבילה, ווערט זי באַלד צוריק אומריין. קומען זיי יעדן שבת־צו-נאַכטס צו אים וויינען און בעטן, ער זאָל זיי דערלויבן זיך צו גטן. אפשר וועט זיך זייער מזל איבעראַנדערשן צום גוטן, און וועלן נישט זיין קינדערלאָז. ער האָט שוין געניצט פיל דאָקטוירים. אָבער, ער זעט נישט קיין פאַרבעסערונג. דער אורח האָט אים פאַרזיכערט, אַז דער בעש"ט פון פוילן וועט אים געוויס העלפן. מעגלעך, אָבער, אַז דער בעש"ט וועט וועלן קומען אַהער, און דאָס שמעקט מיט גרויסע הוצאות. (צו יענער צייט פלעגט דער בעש"ט אַליין אָפט צו פאָרן צו די נויט־באַדערפטיקע, כדי וואָס מער מקדש זיין שם־שמים, און ווייזן די יידן, אַז השי"ת האָט אויף זיי רחמנות און הערט זיך צו צו די תפילות פון זייערע צדיקים.) דער בעל־הבית האָט גלייך געדונגען אַ בעל־עגלה וואָס זאָל פאָרן מיטן אורח דירעקט קיין מעזשיבעזש צום בעש"ט. ער האָט אויך מיטגעגעבן אַ קוויטל מיטן אורח, און אים אָנגע־זאָגט, אַז אויב דער בעש"ט איז וויליק אַליין צו קומען, וועט ער באַצאָלן פאַר דער טירחא, וויפל ער וועט וועלן.

די נסיעה פון דייטשלאַנד קיין מעזשיבעזש אויף פערד און וואָגן, לויט די פאַרצייטנ־ישע באַדינגונגען, האָט געדויערט היפשע עטלעכע וואָכן. ווען זיי זענען געקומען קיין מעזשיבעזש, האָט דער בעש"ט געהייסן דעם בעל־

עגלה אהיימפארן, און דעם אורח האט ער אויפגעהאלטן ביי זיך איבער שבת. תיכף שבת-צו־נאכטס נאך הבדלה, האט דער בעש״ט געשאפט מיט זיין גוי־אישן משרת, אלעקסעי, איינצושפאנען זייך אייגענעם פערד און וואגן און אויך מיטנעמען דעם אורח. ארויספארנדיק פון שטאט האט ער געהייסן אלעקסעין אנבינדן די לייצעס צום וואגן, און זיך איבערדרייען מיט די פלייצעס צו די פערד. זאלן די פערד אליין גיין זייער וועג. דעמאלט האט דער אורח געזען, ווי שטעט און דערפער בייטן זיך מיטן אויגנבליק, גלייך ווי די פערד און וואגן וואלטן געפלויגן אין דער לופטן. צוקומענדיק צו א וועלדל, נאענט פון א קרעטשמע, האבן זיך די פערד אפגעשטעלט. דעמאלט האט זיך דערהערט פון א שפיץ-בוים א געוויין פון א קימפעט־קינד. דער בעש״ט האט געהייסן אלעקסעין דא ווארטן, און ער מיטן אורח זענען צופוס צוגעגאנגען צו דער קרעטשמע.

דארט האבן זיי געטראפן העכער א מנין יידן זאגן תהילים, און דאס בני־בית פון קרעטשמער אין גרויס צער. לויט דעם געבאט פון בעש״ט האט דער אורח געפרעגט: „וואס קומט דא פאר?" האט מען אים דערציילט, אז די זעלבע יולדת האט שוין עטלעכע מאל געבוירן יינגלעך; און אז עס איז געקומען די וואכנאכט (די נאכט, וואס אויף מארגן פרי דארף פארקומען דער ברית-מילה) זענען די יינגלעך געווארן ווי איבערגעביטן, אפגעמיטשעט זיך עטלעכע שעה און געשטארבן. דעריבער האט דער קרעטשמער געברענגט פון שטאט א מנין יידן זיי זאלן אויפזיין ביי דער יולדת די גאנצע וואכנאכט, לערנען און זאגן תהילים, צו פארהיטן דאס איצט־געבוירענע יינגעלע. אבער, צום באדויערן, האט זיך די יולדת מיט עטלעכע מינוט פריער אומגעקוקט און געזען, אז דאס קינד איז ווי איבערגעביטן.

דער בעש״ט האט געהייסן דער יולדת אויפדעקן דאס ליילעך, וואס איז געהאנגען ארום איר בעט (אזוי איז געווען דער מנהג אין פוילן, צו פאר־הענגען דאס בעט פון א יולדת מיט א ליילעך. ביי פרומע יידן — ביז דרייסיק טעג, און ביי סתם יידן, על כל פנים, ביז איבערן ברית.) און געוויזן יעדערן דאס קינד. אלע האבן מסכים געווען, אז דאס קינד האט נישט קיין מענטש־לעכע צורה. דעמאלט האט דער בעש״ט איבערגעגעבן דאס קינד צום אורח און אים געזאגט: איך גיב דיר מיט מיין שטעקן פאר א שמירה. גיי צו דער פור, דארט וואו דו האסט געהערט דאס געוויין פון א קימפעט-קינד אויפן שפיץ בוים. מיט איין האנט זאלסטו אויפהייבן מיין שטעקן צום בוים, און מיט דער צווייטער האנט זאלסטו שלאגן דאס קינד. אז וועסט הערן א רעש פונעם בוים, זאלסטו זאגן: „גיט מיר אפ מיין קינד לעבעדיק, וועל איך אייך אפגעבן אייערס. איך זאג דאס אין שליחות פון ר׳ ישראל בעש״ט". וועט מען דיר אפגעבן דאס אמתע קינד. נאכדעם זאלסטו אויפזיצן אויף דער

פור און קומען מיטן קינד, אויך מיט אלעקסעיז, אהער. מיט עטלעכע מינוט שפעטער איז דער אורח געקומען אין קרעטשמע מיט א קינד אויף די הענט. דער בעש״ט האט עס געהייסן געבן דער יולדת. זי האט עס דערקענט, און ס׳איז געווארן אין קרעטשמע א שמחה שלימה.

ווי גליקלעך האבן זיך געפילט דער קרעטשמער מיטן בני בית, אויך דאס גאנצע מנין ידין, ווען זיי האבן זיך דערוואוסט, אז דער בעש״ט, וואס זיי האבן געהערט וועגן זיין שם טוב נאר פון ווייטנס, געפינט זיך איצט צווישן זיי און האט נאך אפגעראטעוועט דאס קינד מיט אזא וואונדערלעכן גרויסן מופת. האבן זיי אים שטארק געבעטן, ער זאל זיך פארהאלטן דא ביי זיי ביז מארגן אינדערפרי איבערן ברית. דער בעש״ט האט זיי געענטפערט: היינ־טיקע נאכט האב איך א וויכטיקן ענין צו פארזארגן און מקדש זיין מיט דעם שם שמים. איר, אבער, זאלטווארטן מארגן אויף מיר מיטן ברית. איך זאג אייך צו, אז איך וועל, אם ירצה השם, קומען צו דער צייט.

דער בעש״ט מיטן אורח זענען ווידער אויפגעזעסן אויף אלעקסעיס פורל, און די פערד זיינען ווידער געפלויגן ווי פריער, ביז זיי האבן זיך אפגעשטעלט אין טיף דייטשלאנד, ביי דעם הויז פונעם רייכן ייִדן. אריינקומענדיק אין הויז, האבן זיי נאך געטראפן די צוויי אייניקלעך — מאן און ווייב — ווייגען ביי דעם זיידן, ווי אלע שבת־צו־נאכטס. א גרויסע שמחה האט ארומגענומען דעם זיידן מיט די אייניקלעך, דערזעענדיק ביי זיך דעם באקאנטן אורח מיטן אומבאקאנטן בעש״ט. דער זיידע האט געפרעגט אויפן בעל עגלה, וואס ער האט מיטגעשיקט. דער אורח האט געענטפערט: „דער בעל עגלה פארט דאך על פי דרך הטבע, וועט ער ערשט קומען, מסתמא, צו דער אויסגערעכנטער צייט, אבער מיר זענען געקומען בדרך נס. מיר זענען ערשט היינטיקן תחילת אונטן ארויסגעפארן פון מעזשיבעזש, און אויך אין מיטן וועג איז געשען א נס. (די פאסירונג מיטן אפגעראטעוועטן קינד).

דער בעש״ט האט געשיקט רופן דעם שטאט־שמש (וואס איז אגב אויך געווען דער שמש פון חברה־קדושה און חברה־נושאים און עוסק געווען מיט קבורת מתים, איז ער ממילא נישט געווען קיין בעל־פחד.) און אים באפוילן אנצינדן זיין גרויסן לאמטערן און גיין אין באד אריין. אין מקוה־חדר אריין זאל ער מיטנעמען מיט זיך זיין — דעם בעשט״ס — שטעקן, און דארט זאגן הויך: „דער בעש״ט איז דא אין דער היגער שטאט און ער איז גוזר אויף אייך, איר זאלט ארויס פון דער היגער מקוה״. דער שמש האט געפאלגט. אבער, זאגנדיק די אויבנדערמאנטע ווערטער איז געווארן א גרויסער רעש אין מקוה־חדר און א קול האט אים געענטפערט: „עס איז נאך ווינציק פאר ר׳ ישראל בעש״ט, וואס ער האט אונז פארטריבן פון פוילן, וויל ער אונז נאך פארטרייבן אויך פון דייטשלאנד״ און עס איז געווארן א גרויסער ווינט

און פארלאשן דעם לאמטערן. דער שמש האט זיך דערשראקן, און איז קוים מיטן לעבן אנטלאפן צוריק צום בעש״ט.

דעמאלט איז דער בעש״ט שוין אליין געגאנגען, און מיטגענומען דיים שמש מיטן אורח. ער איז געבליבן שטיין מיטן לאמטערן אין מקוה־חדר און געהייסן דעם שמש מיטן אורח אראפגיין אין מקוה אריין, און דער שמש זאל מיטן בעשט״ס שטעקן געבן א קלאפ מיטן גאנצן כח אויפן אויבערפלאך פון געם מקוה־וואסער. דער שמש האט אזוי געטאן. האט זיך דערהערט א שווערער קרעכץ פון מקוה, ווי פון א געהרגעטן. דער בעש״ט האט געלויכטן מיטן לאמטערן איבער דער מקוה, האבן זיי געזען, אז דאס וואסער איז געווארן רויט, ווי א קאליר פון בלוט. נאכדעם האט דער בעש״ט געשיקט נאכן רב פון שטאט, אים געהייסן לאזן אויסשעפן די מקוה און כשרן זי מיט מילך על פי דת; און צוגעזאגט, אז פון איצט אן, וועט זיך דאס אייניקל שוין קענען מטהר זיין כדת משה וישראל און זיי וועלן האבן קינדער צום לעבן.

דער זיידע האט געפרעגט: „וויפל דארף איך געבן פאר דער טירחא?״ האט דער בעש״ט געענטפערט: „מיר קומט גאר נישט. איך בין געפארן לשם שמים, מרבה צו זיין כבוד שמים. נאר דעם אורח דארפט איר באלוינען.״ — „וויפל זאל איך אים געבן?״ פרעגט דער זיידע. דער בעש״ט ענטפערט: „איר דארפט אים אפגעבן זיינס. איר האנדלט דאך אויך מיט ארויסציען דערטרונקענע שיפן פונעם ים, און צוריק מיט א צייט האט איר ארויסגעצויגן צוויי שיפן פול מיט סחורות, און געמאכט פון זיי א הון רב. זיי זענען דעם אורחס. שלאגט אייך אפ די הוצאות און דאס איבעריקע גיט אים אפ״. דער זיידע ענטפערט: „רבי, איך וועל זיין מילדער. די הוצאות וועל איך לײדן. איך וועל נאך אים צוגעבן אלע פארדינסטן, וואס איך האב פארדינט מיט זיין געלט״. און טאקע באלד האט דער זיידע באפוילן די אייניקלעך ארויסצוגעבן דעם חשבון פון די ביכער, און אויפן ארט אויסגעצאלט דעם אורח מיט מזומן געלט. דער בעש״ט מיטן אורח, רב, שמש, זיידע און אייניקלעך, האבן אינאיינעם געגעסן א פריילעכע מלוה־מלכה. דער בעש״ט האט זיך אפגעזעגנט און איז נאך אנגעקומען אין צייט אין קרעטשמע אריין אויפן ברית. דער קרעטשמער, דער זיידע און אייניקלעך, אויך דער אורח זענען מיטאמאל געהאלפן געווארן דורך די תפילות פונעם בעש״ט זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

## סיפור נומער 5

דער בעש״ט האט אמאל מיטגענומען אביסל בראנפן און איז ארויסגעגאנגען שפאצירן אין א וואלד מיט דער חבריא קדישא. דארט האט ער געטרונקען לחיים מיט דער חבריא און געהייסן איינעם פון זיי צוגיין צו א

לאַך פון אַ בוים און זאָגן: „עס קומט דעם דזשאַד אויך אַביסל בראָנפן". נאָכדעם האָט ער דערציילט דער חבריא: ס'איז אַמאָל געווען אַ ייד אַן עושר, וואָס האָט געהאַט אַ בת יחידה. איז ער געפאָרן אין אַ ישיבה אַריין, אויס־געקליבן דעם בעסטן ישיבה בחור און אים גענומען פאַר אַן איידעם. אַז דער עושר איז שוואַך געוואָרן פון עלטערקייט, האָט ער געבעטן דעם איידעם: ער זאָל אַלע טאָג אָפּרייסן זיך פון לערנען אויף עטלעכע שעה, און צו העלפן זיין ווייב — די בת יחידה — אין זייער גרויסן מאַניפאַקטור-האַנדל. ביסלעכ־וויין האָט זיך דער איידעם אָפּגעריסן פונעם לערנען. אַז דער שווער איז געדר געוואָרן, האָט זיך דער איידעם שוין אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין האַנדל. די סחורות פלעגן אַריינקומען דורך באַשטעלונגען פון אַ מאָסקווער פאַבריקאַנט, אַ קאַצאַפּ, וואָס האָט אויך נאָר געהאַט אַ בת יחידה — אַ געלערנטע, וואָס האָט געפירט די חשבונות פון די פאַבריק-באַשטעלונגען. אַז עס איז געקומען די צייט פון אָפּרעכענען זיך מיטן פאַבריקאַנט, איז דער איידעם געפאָרן קיין מאָסקווע זיך אָפּרעכענען. דאָרט האָט די בת־יחידה
איס נישט געלאָזט אַהיימפאָרן. די יידישע בת־יחידה האָט אָנגעפרעגט ביי דעם קאַצאַפּס טאָכטער אויף איר מאַן. האָט זי געענטפערט, אַז ער האָט געמוזט אויפן וועג אומקומען; און פאַר רחמנות אויף אַ יונגער אלמנה מיט יתומים, שענקט זי איר אַלע ביז איצטיקע חובות, און וועט איר אויך צושיקן פרישע באַשטעלונגען אויף אַ גאַר ביליקער פּרייז, אונטער דעם חשבון וואָס זי רעכנט אַלע סוחרים.

די כלומרשטע אַלמנה האָט זיך צו ביסלעך צוגעוואוינט צו איר לאַגע. פון טאָג צו טאָג איז זי רייכער געוואָרן, און מגדל געווען די קינדער אויפן בעסטן יידישן אופן. דער יונגערמאַן אין מאָסקווע איז געווען צופרידן פון דער קאַצאַפּקע און מיט איר געהאַט צוויי קינדער. מיט דער צייט איז ער אין אַן אָוונט אַרויסגעגאַנגען אין זיין שפּאַציר־גאָרטן איינער אַליין, און דער־הערט אַ שטיל יאָמערלעך קול פון צווישן די ביימער. איז ער נאָכגעגאַנגען נאָכן קול און געטראָפן גאָר אַן אַלטן דזשאַד, וואָס איז געווען שטאַרק פאַר־טאָן אין וויינען און פון זיין מויל זענען אַרויסגערעדט געוואָרן יידישע תפילות פון יום-כפור ביינאַכט. איז דעם יונגערמאַנס האַרץ צעבראָכן געוואָרן. האָט ער געפרעגט ביי דעם דזשאַד וועגן דער סיבה פון זיין וויינען. דער לעצטער האָט געענטפערט, אַז ער האָט זיך אַמאָל געשמדט. איצט האָט ער חרטה. נאָר ווייל ער ווייסט, אַז איצט זענען יידן פאַרזאַמלט אין די שולן צו כל נדרי, און ער קען נישט קומען אַהין, (כדי נישט צו ברענגען אויף יידן קיין אומגליק, אויב דער פּראַוואָסלאַוונער סינאָד פון מאָסקווע וועט זיך דערפון דערוויסן.) וויינט ער זיך אויס דאָס האַרץ פאַרן רבונו של עולם, און נעמט אויף זיך פון איצט אָן צו ווערן צוריק אַ ייד, וואָס עס זאָל מיט אים נישט פאָרקומען. דער

יונגערמאַן האָט זיך אויך צעוויינט מיט ביטערקייט און דערציילט פאַרן דזשאַד, וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען. דער דזשאַד האָט אים געעצהט, ער זאָל שוין נישט אַריינגיין אין הויז, נאָר אַנטלויפן (צוריק אַהיים צווישן יידן) דורך אַ הינטער־טירל פונעם סאַד און שפּאַציר־גאָרטן.

דער יונגערמאַן האָט ביי זיך געהאַט אַ היפּשע סומע געלט. איז ער צוריק־געפאָרן צום יידישן ווייב אַהיים און האָט פאַר איר אויסגעטראַכט, אַז ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ ווייטער מדינה, און האָט דאָרט פיל פיל געזינדיקט. וויל ער איצט ווערן אַ בעל תשובה. זאָל זי אים נישט שטערן אין זיין תשובה. איז ער אַ גאַנצע וואָך געזעסן אין בית־המדרש, געדאַוונט און געלערנט, גע־שלאָפן אויף אַ הוילער באַנק און אונטערגעלייגט אַ שטיין צוקאָפּנס. נאָר פרייטיק פלעגט ער גיין אין מקוה אַריין. דאָרט האָט ער געביטן די וועש און דערנאָך אויף שבת געגאַנגען אַהיים.

די קאַצאַפּקע האָט אָבער נישט גערוט. אין געהיים איז זי געקומען אין זיין היים־שטאָט און אים באַגעגנט פרייטאָג צוריקגייענדיק פון דער מקוה. האָט זי אים איינגעלאַדן צו אַ דין־תורה, אין געהיים, ביי דעם שטאָט־רב. ביי דעם רב האָט זי אַלץ דערציילט און געזאָגט, אַז זי וועט נישט שווייגן. אויך, האָט זי פאַרזיכערט, אַז זי איז וויליק זיך מגייר צו זיין צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדער און זי וועט געבן דעם יידישן ווייב וויפיל זי וועט וועלן פאַר נעמען אַ גט. דערנאָך וויל זי אַריינפאָרן אין אַ צווייט יידיש שטעטל און פירן מיט אים אַן עפנטלעך יידיש לעבן מיט אַלע פּרטים. דער רב האָט גע־רופן דאָס יידישע ווייב און איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי האָט קיין אַנדערע ברירה נישט — נאָר צונעמען אַ גט. כדי עס זאָל נישט אַרויסקומען אין דער עפנטלעכקייט און זי זאָל נישט ווערן צו שאַנד מיט אירע גראַטענע יידישע קינדער. די קאַצאַפּקע האָט איר געגעבן פיל געלט — זי זאָל קענען חתונה מאַכן אירע קינדער בכבוד והרחבה, — און זי איז איינגעגאַנגען צו נעמען אַ גט.

די קאַצאַפּקע מיט די קינדער האָבן זיך מגייר געווען. דער יונגערמאַן האָט מיט איר חתונה געהאַט כדת משה וישראל, זיך אַריינגעצויגן אין אַ קליין יידיש שטעטל, וואו קיינער האָט זיי נישט געקענט, און געפירט אַ יידיש לעבן. דער אַלטער קאַצאַפּ מיט זיין אַלטער פרוי האָבן זיך אין געהיים דערפון דערוואוסט, האָבן זיי ליקווידירט די פאַבריק אין מאָסקווע, זיך אויך מגייר געווען, און גע־קומען אין דעם שטעטל אַריין און אויסגעפירט זייער וועלט מיט אַ יידיש לעבן ביי די יידישע קינדער און איניקלעך.

נאָכדעם האָט דער בעש״ט אויסגעפירט צו דער חבריא: „דער דזשאַד איז מגולגל געוואָרן אין דעם לאַך פון דעם בוים. אַז דער בוים פלעגט זיך טאָן אַ שאָקל, פלעגט דער דזשאַד פילן צער, גלייך ווי מען וואַרפט אים אין כף־הקלע. אַז ס׳האָט זיך אָפּגעריסן אַ בלעטל, וועגר שמועסט נאָך אַ צווייג פונעם

בוים, האָט ער געפילט צער מיתה. נו!, ווי זאָגט איר, חבריא קדישא? דאַכט זיך, אַז נאָכדעם ווי דער דזשאַד האָט געברענגט אַ ייד צו אמתער תשובה און גורם געווען ס׳זאָלן זיך מגייר זיין פינף גרים, קומט אים שוין צו האָבן אַ תיקון. טרינקט זשע לחיים און ווינטשט אים אַ תיקון נשמה בגוף ונפש״.

## סיפור נומער 6

דער זלאָטשעווער מגיד — רבי ר׳ מעכעלע — איז נאָך געווען רבי און מוכיח (מוסר-זאָגער), איידער ער איז נתקרב געוואָרן צום בעש״ט. אַמאָל איז צו אים געקומען אַ ייד אַ סוחר, אַרויסנעמען אַ תשובה אויף דעם, וואָס ער האָט פרייטאָג פאַרשפּעטיקט און איז אַריינגעקומען מיטן וואָגן סחורה אין שטאָט אַריין נאָך ליכט־בענטשן. ר׳ מעכעלע האָט אים געהייסן פאַסטן פערציק תעניתים און טאָן נאָך סיגופים. דער בעל־תשובה האָט אָנגעהויבן פאַסטן און געפילט, אַז ער קען נישט אויסהאַלטן די סיגופים. דערווייל איז געקומען דער בעש״ט אין דער סביבה פונעם בעל-תשובה. דער לעצטער האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט. האָט דער בעש״ט אים געהייסן אַריינטראָגן פרייטאָג בייטאָג אַ האַלב פונט חלבנע ליכט אין שול אריין — דאָס וועט זיין זיין תיקון. דער ייד האָט פרייטאָג אַריינגעטראָגן די ליכט אין שול אַריין און אויפגע-האַנגען זיי אויף אַ הענגל-לייכטער. אים אין די אויגן איז אַ כלב אַריין אין שול, איז אונטערגעשפּרונגען און אַראָפּגעכאַפּט די ליכט און זיי אויפגעגעסן. דער בעל-תשובה איז אַ צווייט מאָל געקומען צום בעש״ט מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ווייל דאָס מיינט, אַז מען האָט אין הימל נישט אָנגענומען זיין תשובה. דער בעש״ט האָט אים געהייסן דעם צווייטן פרייטאָג ווידער געבן אַ האַלב פונט ליכט און צוגעזאָגט, אַז קיין כלב וועט עס שוין נישט אויסכאַפּן. און אויסגעפירט האָט דער בעש״ט, אַז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער כלב האָט אויסגעכאַפּט די ליכט, איז געווען די סיבה, וואָס ר׳ מעכעלע האָט זיך דער־וואוסט פונעם גרינגן תיקון תשובה זיינעם און האָט געהאַט דערפון חולשת־הדעת. דער בעש״ט האָט באַפוילן צו זאָגן ר׳ מעכעלען: „אַ ייד וואָס האָט נאָך ביי זיין לעבן נישט עובר געווען קיין עבירה, קען נישט פילן דאָס שבירות־הלב פון חרטה, וואָס אַ ייד האָט נאָכן עובר זיין אַן עבירה. ווי אַזוי זשע קען ער זיך אונטערנעמען אַרויסצוגעבן תיקוני-תשובה? דער בעל-תשובה האָט שוין מיט זיין שבירות־הלב אַלץ מתקן געווען.

## סיפור נומער 7

ר׳ הירשל בראָון פון טישוויץ, ד׳ ינקום דמו, האָט מיר דערציילט וואָס ער האָט געהערט פונעם קאַלישינער רבין — אַ זון פון ר׳ מאיר שלום ז״ל — דערציילן ביי אַ סעודת מלוה־מלכה. ר׳ מעכעלע האָט געהאַט אַן אייגענע

פערד און בודקע מיט אַ שטענדיקן בעל־עגלה, און אַרומגעפאָרן מעיר לעיר מוסר זאָגן. דער בעש״ט האָט אים געוואָלט צוציען צו זיך — אים אויסצו־לערנען זיין דרך אין עבודות ד׳. איז ער נאָכגעפאָרן ר׳ מעכעלען, כדי זיך מיט אים צו באַגעגענען. אָבער, ר׳ מעכעלע האָט אים אויסגעמיטן, האָט דער בעש״ט מתפלל געווען: ר׳ מעכעלע זאָל פאַרבלאָנדזשען אין אַ וואַלד, און אַזוי איז געווען. ר׳ מעכעלעס בעל־עגלה איז אין אַ וואַלד פאַרפאָרן אין אַ שמאָלן וואַלד־וועגל, און איז אַזוי געפאָרן אין דעם שמאָלן וועגל איבער אַ מעת לעת, ביז דאָס וועגל האָט זיך אויסגעלאָזט. דער בעל־עגלה האָט גע־פרעגט ר׳ מעכעלען: „וואָס וועלן מיר ווייטער טאָן? נישט מיר, נישט, להבֿ־דיל, דאָס פערד האָבן וואָס צו עסן און טרינקען״. ר׳ מעכעלע האָט אים גע־שטאַרקט און געזאָגט: „הכל בידי שמים, והבוטח בד׳ חסד יסובבנהו — אַלץ קומט פון השם־יתברכס רצון, און אַז מען האָט אין אים בטחון, העלפט ער אַרויס מיט זיינע גוטע חסדים.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט פון ווייטנס דאָס אָנקומען פון אַ צוויי־טער פערד און בודקע. אַז די לעצטע איז צוגעקומען, איז אַ ייד אַראָפּגע־גאַנגען פון איר און געזאָגט ר׳ מעכעלען: איך בין ישראל בעש״ט. אויב איר ווילט, וועל איך גוזר זיין אויפן שר של יער, (דער מלאך וואָס האָט צו שאַפן איבער די וועלדער), ער זאָל פאַר אונז עפענען אַ וועג אַרויסצוקומען אויפן טראַקט״. ר׳ מעכעלע האָט געענטפערט: „מיט דעם וועט איר מיך נישט נעמען, ווייל מיין טאַטע — ר׳ יצחק דראָביטשער — קען אויך דאָס זעלבע״. אָבער, באַלד האָבן זיך די ביימער צוזאַמענגעדריקט, און עס איז געוואָרן אַן אָפענער וועג נאָענט צום טראַקט. ר׳ מעכעלע איז גלייך אַדורכגעפאָרן, אָבער, דער בעש״ט איז נאָך פאַרבליבן אין וואַלד, כלומרשט, צו פאַרפאַסען דאָס פערד.

ר׳ מעכעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ערשטער קרעטשמע, דער קרעטשמער, אַ מכניס־אורח און אַ תלמיד־חכם, האָט אים מקבל געווען בכבוד גדול און אַריינגעפירט אין בעסטן חדר, וואָס איז אויך געווען דאָס עקסטע חדר אין קרעטשמע. ער האָט אויך געגעבן דעם פערד צו עסן און געגרייט אַ סעודה פאַרן רבין מיט זיין בעל־עגלה. שפּעטער מיט אַ שעה איז צוגעפאָרן דער בעש״ט צו דער זעלבער קרעטשמע. דער קרעטשמער האָט אים אויך אָנערקענט פאַר אַ גרויסן רבין און אים איבערגעגעבן דאָס צווייטע בעסטע חדר נאָכן ערשטן; און אים געבעטן מוחל צו זיין דאָס, וואָס ער וועט מוזן אַדורכגיין זיין חדר, ווען ער וועט באַדינען דעם ערשטן רבין. אַ גאַנצן טאָג האָט דער קרעטשמער מיטן ווייב און קינדער באַדינט די צוויי אורחים.

אָונט צו האָט דעם קרעטשמערס ווייב אָנגעהויבן גיין צו קינד. די אויף גיך גערופענע באָבע האָט, אָבער, אָנערקענט, אַז דאָס קינד גייט נישט מיטן

ריכטיקן געבורט און געהייסן פאָרן אין שטאָט אַריין ברענגען אַן אָקאָשאָר־דאָקטער. איז אין הויז צווישן די קינדער געוואָרן אַ גרויס יאָמעריי. איז דער קרעטשמער אַריינגעלאָפן צום ערשטן אָנגעקומענעם רבין און געבעטן: ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין ווייב. דער רבי — ר׳ מעכעלע — האָט אים געענטפערט: „איר דאַרפט נישט פאָרן נאָך קיין קיין דאָקטער, נאָר אַריינברענגען די יולדת מיטן בעט אין מיין חדר אַריין, וועט זי אי״ה באַלד געהאָלפן ווערן“. דער קרעטשמער האָט דאָך געמוזט אַדורכגיין דעם צווייטן רבינס חדר, האָט אים דער לעצטער געפרעגט: „וואָס האָט אייך געענטפערט דער רבי?“ דער קרעטשמער האָט אים דערציילט, אַז ער הייסט אַריינברענגען די יולדת מיטן בעט צו אים אין חדר. האָט אים דער צווייטער געזאָגט: „ניט צו אים אין חדר, נאָר אין מיין חדר אַריין זאָלט איר די יולדת מיטן בעט אַריינברענגען. איך בין דער בעש״ט. גייט אַריין צום רבין פונעם ערשטן חדר און זאָגט אים אין מיין נאָמען, אַז דער רבי פונעם צווייטן חדר האָט היינט געהערט די שירה פון קדושה פונעם מויל פון די מלאכים אין הימל“. באין ברירה איז דער קרעטשמער געוואָרן דער שליח און איבערגעגעבן די ווערטער דעם רבין פון ערשטן חדר. דער לעצטער האָט אָבער אָפּגעענטפערט: גייט, זאָגט אים, אַז אויך איך האָב היינט געהערט די שירת הקדושה פון די מלאכימס מויל“.

אַ צעטומלטער איז דער קרעטשמער אַריין צום בעש״ט, און מיט אַ געוויין אים געזאָגט: „אויב איר ביידע זענט צווישן אייך נישט שוה בשוה — נישט אויסגעגליכט איינער מיטן צווייטן — וואָס בין איך מיטן ווייב און קינדער שולדיק“. דער בעש״ט האָט אים באַרואיקט און געזאָגט: גייט נאָך אַ מאָל אַריין צום רבין פון ערשטן חדר און זאָגט אים: „דער רבי פון צווייטן חדר הערט אַלע טאָג די שירה פון די מלאכים, אָבער, איר האָט נאָר געהערט היינט, ווייל איר האָט געדאַוונט מיט אים אונטער איין דאַך, און איר זענט אַ גרויסער צדיק, און איר האָט אָפענע אויערן, האָט איר אויך געהערט. אַז איר וועט אים דאָס זאָגן וועט ער שוין מסכים זיין אַריינצוברענגען די יולדת אין מיין חדר אַריין“. אַז ר׳ מעכעלע האָט דאָס געהערט, האָט ער מודה געווען על האמת, און איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין צווייטן חדר, און געבעטן דעם בעש״ט צוצונעמען אים צו זיך פאַר אַ תלמיד, און אים אויסלערנען דעם נייעם דרך אין עבודת ד׳ בדבקות ואהבה. די יולדת איז איבערגעטראָגן געוואָרן מיטן בעטל אין בעשט״ס חדר אַריין, און איז גלייך געהאָלפן געוואָרן. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## סיפור נומער 8

דער צווייטער הוסיאַטינער רבי — וואָס איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב

— איז אַמאָל שבת־צו־נאַכטס אַדורכגעגאַנגען (אין ווין) דאָס חדר, וואו חסי־דים זענען געזעסן אינאיינעם ביי מלוה-מלכה און געשוויגן. האָט ער זיי איבערגעפרעגט, פאַר וואָס זיי זינגען נישט קיין זמירות און שמועסן אויך נישט פון צדיקים. האָבן זיי געענטפערט : מיר וואַרטן ביז עמיצער פון אונדז, וועט זיך דערמאָנען אַ מעשה פון בעש״ט. האָט זיך אדומו״ר זללה״ה אָפּגע-רופן : איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה פון בעש״ט. ער איז אַמאָל געווען אין בראָד אום סוכות. איז ער דעם ערשטן טאָג סוכות אינדערפרי געגאַנגען פון מקוה, און זיך באַגעגנט מיט ר׳ חיים סאַנצער. — איינער פון די גדולי חכמי־הקלויז פון בראָד. — ר׳ חיים איז ערשט געגאַנגען אין מקוה אַריין. דער בעש״ט האָט אים אָפּגעשטעלט און אים געזאָגט : ״ר׳ חיים, וואָס האָט איר צו מיר, וואָס איר האָט נעכטן ביינאַכט גערעדט אויף מיר אין אייער סוכה?״ ר׳ חיים האָט אים געענטפערט : ״אין סוכה איז נישט געווען מער ווי איך מיט מיין זון. ווער זשע האָט אייך דערציילט? איז דאָך נאָר — אַ מלאך. איז, אויב, אַ מלאך מעג דערציילן לשון־הרע, האָב איך געמעגט רעדן לשון הרע״. האָט אים דער בעש״ט געזאָגט : ״טאַקע דער מלאך, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון אייער לשון הרע, איז געקומען ביי מיר בעטן אַ תיקון.״ פון דעמאָלט אָן איז ר׳ חיים נתקרב געוואָרן צום בעש״ט.

## סיפור נומער 9

ר׳ יעקב יוסף הכהן זללה״ה — דער מחבר פון ספר הקדוש תולדות און נאָך ספרים — ווי אַזוי ער איז נתקרב געוואָרן צום בעש״ט, דערציילט זיך צווישן חסידים וועגן דעם צוויי נוסחאות. דער ערשטער נוסח איז : ווען דער בעש״ט האָט געוואָלט דעם תולדות צוציען צו זיך פאַר אַ תלמיד, האָט ער געשריבן אַ בריוו צו ר׳ יעקב יוספס שווער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פּרנס חודש אין זיין שטעטל, אַז ער וויל קומען אין שטעטל אַריין אויף שבת. נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער פונעם פּרנס, איז ער גלייך צוגעפאָרן צום פּרנס חודשס הויז. אַריינקומענדיק אינעם הויז האָט ער גלייך געפרעגט דעם פּרנס : ״וואו איז אייער איידעם ?״ דער פּרנס, אַן איבערגעשראָקענער, האָט געשוויגן. דער פּרנס אַלס אַ גרויסער עושר האָט אויסגעקליבן זיין איידעם פון אַ גרויסער ישיבה אַלס דעם בעסטן ישיבה בחור און אַן עילוי, און האָט פון אים זייער געהאַלטן, אַזוי, אַז דערהאַלטנדיק דעם בריוו פון בעש״ט, האָט דער פּרנס אַנגעפרעגט ביי דעם איידעם, צי ער זאָל אויפנעמען דעם בעש״ט בכבוד. — אין יענער צייט האָט דער בעש״ט געהאַט פיל מתנגדים קעגן זיך. — דער איידעם האָט געהייסן וואַרטן אויף אַ תשובה איבער דער נאַכט. דער שווער האָט געגלויבט, אַז זיין איידעם, אַלס גרויסער תלמיד־חכם און ירא־שמים, וועט מאַכן ביינאַכט אַ שאלת־חלום. אינדערפרי האָט דער איי־

דעם געגנטפערט: „מען האט מיר געזאגט: „אל תביט אל מראהו", דאס מיינט — מען טאר נישט אנקוקן זיין פנים.

נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף דעם פרנסעס תשובה, איז דער בעש"ט אליין געגאנגען מחדר לחדר, ביז ער איז אריינגעקומען אינעם איי־דעמס חדר. דער אידעם, ווידער, האט איינגעבויגן זיין קאפ אין בעט אריין מיטן פנים אראפ, כדי נישט צו זען דעם בעש"טס צורה. דער פרנס מיט אלע מענטשן וואס זענען געווען אין הויז זענען נאכגעגאנגען דעם בעש"ט, פאר נייגיריקייט וועגן, צו זען ווי אזוי עס וועט פארקומען דער קבלת־פנים. ווי דערשטוינט זענען זיי, אבער, געווארן הערנדיק דעם בעש"ט זאגן צום אידעם: „יונגערמאן! איך בין געקומען ראטעווען דיין נשמה. דו האסט א מלאך, א מגיד, וואס לערנט מיט דיר יעדע נאכט. אבער, דארפסט וויסן פון וואנען דער מגיד איז צו דיר געקומען. איך בין דיר מגלה סוד. ווען דו ביסט נאך געווען גאר יונג, אידער ביסט אריין אין ישיבה, האסטו מיט א חבר געלערנט בהתבודדות אויפן שול־בוידעם א שיעור קבוע. איינמאל האסטו א פרעג געטאן דיין חבר: „פארוואס האב איך הייגט נישט געהערט דאס בת־קולז" דיין חבר האט דיך דעמאלט פארוואונדערט אנגעקוקט און געזאגט: „וואס מיר בת־קול, ווען בת־קול, ביזטו געווארן ח"ו משוגעז" דו האסט אים, אבער, געענטפערט בתמימות: „ס'שטייט אין אבות — פרק שנו חכמים, משנה ב': בכל יום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה. — יעדן טאג גייט ארויס א בת־קול פונעם בארג סיני (וואס אויף אים האט זיך השי"ת אנטפלעקט צו די יידן און זיי געגעבן די תורה.) און רופט אויס: ווי צו די מענטשן, וואס פארשעמען די תורה. — און אז עס שטייט אזוי אין דער משנה, איז עס דאך אמת. טא, באדארף דאך עס עמיצער הערן".

ביז דעמאלט האסטו געמיינט, אז יעדער ייד הערט דאס בת־קול. פון דעמאלט אן האסטו פארשטאנען, אז הערן דאס בת־קול איז א מדריגה, און אז דיין חבר האלט נאך נישט דערביי. אבער, דו, ביסט שוין א בעל־מדריגה — ביסטו אריינגעפאלן אין התנשאות, זיך אפגעטיילט פונעם חבר. די זעלבע נאכט האט דיין מלאך, דער מגיד, אנגעהויבן מיט דיר לערנען. דארפסטו באַרעכענען: די משנה זאגט אין אבות — פרק ד', משנה י"ג: „כל העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד, והעובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד. — פון יעדער מצוה ווערט באשאפן א הייליקער מלאך, אבער פון אן עבירה — רחמנא ליצלן — ווערט באשאפן א מלאך־חבלה פון סיטרא אחרא.— פון דער קליפה פון גאוה קומט ארויס דיין מגיד און רעדט דיר איין, אז האסט זוכה געווען צו א מלאך א מגיד, גלייך ווי דער הייליקער בית יוסף. — וואס האט פון זיין מגידס תורות מחבר געווען דאס הייליקע ספר „מגיד מישרים".—

איצט, קענסטו פאַרשטיין, פאַר וואָס דיין מגיד האָט דיר געזאָגט אויף מיר „אל תביט אל מראהו". יונגערמאַן! הויב זשע אויף דיין קאָפּ און קוק דווקא אָן מיין צורה. געדענקסט געוויס די גמרא אין חגיגה ה׳ ב׳, און דאָרט אויך אין מהרש"א: „המקבל פני חכם כמקבל פני שכינה". — עס איז אַ זכות איינצוקוקן זיך אין צלם אלקים, וואָס שיינט אויפן פּנים פון אַ חכם, אַ צדיק אמת. וועל איך פון דיר די קליפּה גליך פאַרטרייבן און דיך לערנען מיין נייעם דרך אין עבודות ד׳. איז, אויב דו וועסט זוכה זיין, וועלן צו דיר קומען מלאכים מסיטרא דקדושה.

ווייסנדיק ביי זיך, אַז אַלץ וואָס דער בעש"ט האָט געזאָגט איז אמת, האָט ר׳ יעקב יוסף אויפגעהויבן דעם קאָפּ, צוגעגאַנגען צום בעש"ט, און געגעבן אים שלום־עליכם מיט גרויס הכנעה, און אויך געבעטן ער זאָל אים צונעמען פאַר אַ תלמיד. דער בעש"ט האָט אים געשטאַרקט און געזאָגט: ווייל מען האָט אין הימל רחמנות געהאַט אויף דיין יראת־שמים, האָט מען נאָר געגעבן דעם חלק הרע שליטה צוצושיקן צו דיר אַ מגיד פון קליפּת נוגה, וואָס פאַר אַ צדיק-אמת איז גרינג פון דאָרט מברר צו זיין דעם חלק הטוב. ממילא, זייענדיק פון היינט אָן מיינס אַ תלמיד, וועט דיר גרינגער זיין צוצוקומען צום שלימות הטוב והאמת.

אָבער פונעם אַלטן טישעוויצער רב, ר׳ שמשון מרדכי יוסף גלאַנץ ז"ל, האָב איך געהערט אַ צווייטן נוסח: אַז ר׳ יעקב־יוסף האָט זיך געהאַלטן אין התנגדות צום בעש"ט אויך אין די שפּעטערע יאָרן, ווען ער איז שוין געווען שאַריגראָדער רב. אָבער מיט דער צייט האָט אַ שאַריגראָדער עושר זיך משדך געווען מיט אַ מעזשיבעזשער גביר. די חתונה איז געווען אין מעזשיבעזש. דער שאַריגראָדער מחותן האָט מיטגענומען מיט זיך דעם רב. דער מעזשיבעזשער מחותן האָט דעם רב מקבל געווען בכבוד גדול, ווי ס׳קומט אַזאַ גרויסן גאון. אים אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר פול מיט ספרים, כדי ער זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו פאַרנעמען, ביז די מחותנים און געבעטענע געסט וועלן זיך צוזאַמענקומען און פירן חתן-כלה צו דער חופּה. דער מעזשיבעזשער מחותן האָט אויך פאַרבעטן דעם בעש"ט אויף דער חתונה און אים געזעצט לעבן חתן אויבנאָן. דער בעש"ט האָט באַלד אָנגעהויבן צו דערציילן מעשיות, וואָס האָבן צוגעצויגן די הערצער פון אַלע מחותנים און געסט, אַזוי, אַז קיינער האָט נישט פאַרזוכט פון די חתונה־מאכלים און משקאות. זיי האָבן כמעט פאַרגעסן אין דער חתונה. איז דעם שאַריגראָדער רב געוואָרן לאַנגווייליק צו זיצן אַליין אין זיין חדר. איז ער צוגעגאַנגען צום נאָענטן הויז, וואו ס׳איז פאַרגעקומען דער קבלת-פּנים פונעם חתן, און זיך אַנידערגעשטעלט אין אַ זייט פונעם פענצטער אַזוי, אַז ער זאָל הערן וואָס אין הויז קומט פאָר און ער זאָל נישט באַמערקט ווערן.

דער בעש״ט האָט אים אָבער דערפילט ברוח הקודש, און איבערגעהאַקט דאָס דערציילן די מעשיות און געזאָגט הויך, כדי דער שאַריגראָדער רב זאָל דערהערן אונטערן פענצטער: „שאַריגראָדער מחותנים! איר האָט אַ רב, איז ער אַ גרויסער ירא שמים אויך אַ גרויסער גאון. ער איז אָבער אַ קפדן, היינטיקן פאַר פסח האָט ער זיך אַ שטאַרק־צעטראָגענער אַרומגעדרייט אויפן שול־הויף, ווייל ער האָט זיך צוגעגרייט אַ שאַרפן פילפול צו זאָגן פאַר די שטאָט-לומדים אין דער שבת־הגדולדיקער דרשה. אינמיטן האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער דאַרשט. פונקט איז אַדורכגעגאַנגען אַ וואַסערטרעגער מיט צוויי קאַנען וואַסער אויף די פּלייצעס. דער רב האָט צו אים געוואונקען זיך אָפּצושטעלן. אָבער, יענער איז זיך געלאָפן זיין וועג. דער רב איז אַריין אין קפדנות — יענעם איבערגעיאָגט, אָפּגעשטעלט און געטרונקען. דערצו יענעם נאָך דערלאַנגט אַ קלאַפּ פאַר ביזוי כבוד פונעם רב מרא־דאתרא.

דאַרפט איר, שאַריגראָדער מחותנים, מודיע זיין דעם רב, אַז דער וואַסערטרעגער איז איינער פון די ל״ו צדיקים נסתרים שבכל דור ודור און האָט דעמאָלט געטראָגן „מים שלנו״ צו אַ מצות בעקעריי, וואָס על פי שולחן ערוך, דאַרף מען עס שעפּן פינקטלעך צווישן טאָג און נאַכט: נישט צו פרי— נישט צו שפּעט. איז ער געווען מוטרד און האָט נישט באַמערקט דאָס ווינקען פונעם רב.

הערנדיק די ווערטער איז דער רב אַ ברוגזער געגאַנגען צוריק צו זיין חדר, ווייל אַלס מתנגד האָט ער אָנגענומען, אַז דער בעש״ט האָט אים באַמערקט אונטערן פענסטער; און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז די מעשה פונעם וואַסערטרעגער איז אמת, האָט ער גערעכנט, אַז דער וואַסערטרעגער, אַן אדם פשוט איז אַ גלויביקער אינעם בעל-שם־טוב, און איז נאָך דעם קלאַפּ געלאָפן קיין מעזשיבעזש און אים פאַרקלאָגט פאַרן בעש״ט.

דער בעש״ט האָט אָנגעהויבן גומר זיין די פריערדיקע מעשה און ווידער דערציילט פרישע מעשות. דער עולם צוהערער איז געווען נייגעריק און גאָר נישט געפילט, אַז עס ווערט שפּעט. אָבער, דער רב זיצנדיק איינער אַליין האָט עס באַמערקט, איז ער נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום פענצטער פונעם הויז פון חתן און זיך באַהאַלטן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל אים קיינער נישט קענען באַמערקן. דער בעש״ט האָט ווידער מפסיק געווען אין מיטן אַ מעשה און געזאָגט הויך: „שאַריגראָדער מחותנים! אייער רב איז אַ גרויסער ערל/בער ייד. היינטיקן תשעה-באב ביינאַכט האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט ביים זאָגן איכה און קינות. אַהיימקומענדיק פון שול האָט ער געלערנט קמצא ובר קמצא״ אויך מדרש רבה פון איכה. דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט אין הייליקע מחשבות וועגן גלות און גאולת ישראל און אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ס׳איז תשעה־באב ביינאַכט. האָט ער גענומען וואַסער צו טרינקען און אויך

געמאַכט אַ ברכה שהכל נהיה בדברו. אָבער אײדער ער האָט דאָס װאַסער גענומען צום מויל, האָט ער זיך דערמאָנט אינעם תשעה באב. האָט ער טאַקע נישט געטרונקען, אָבער, ער איז געװאָרן זײער פאַרביטערט, װײל ער האָט דאָך געמאַכט אַ ברכה לבטלה. מיט דער פאַרביטערונג איז ער אײנגעשלאָפן. האָט זיך אים געחלומט: ער גײט אַרױס פון שטאָט שפּאַצירן, װי ער פלעגט געװױנט זײן אַרױסצוגײן אין די הײסע זומער־טעג שפּאַצירן אױסערן שטעטל שאַריגראָד. צו זײן פאַרװאונדערונג האָט ער דערזען אױפן פעלד נאָענט פון שטעטל שטײן אַ שײנעם און גרױסן, הערלעכן פּאַלאַץ אַרומגערינגלט מיט אַ שפּאַציר־גאָרטן פון אַלערלײ פּרוכטן און גוט שמעקנדיקע בלומען. איז ער צוגעגאַנגען צום טירל פון סאָד און געפרעגט דעם װעכטער: „װעמענס איז דער פּאַלאַץ מיטן גאָרטן?" יענער האָט געענטפערט: „אַלץ איז אײערס. פון דער ברכה לבטלה װאָס איר האָט געמאַכט איז דאָס אַלץ אין אײן רגע באַשאַפן געװאָרן. דאָס זײנען אַלץ קליפּות. איך בין אױך אײנער פון זײ. רבי! גײט אַרײן אין גאָרטן און האָט הנאה פון דער װעלט. װעלן מיר אַלע אױפלעבן, און דער פּאַלאַץ מיטן גאָרטן װעלן פאַרגרעסערט און פאַרשענערט װערן." דער רב האָט אין חלום גענומען אַנטלױפן פונעם סאָד. אָבער, אין מיטן אַנטלױפן האָט ער זיך אױפגעכאַפּט.

דער רב האָט זיך שטאַרק צעװײנט אױף תשובה, ביז ער איז װידער אײנגעשלאָפן און דערזען דעם גאָרטן. אָבער, שױן אָן אַ פּאַלאַץ אין מיטן און אָן אַ גדר — אַ פּלױט — אַרום, אױך אָן אַ װעכטער, און זיך װידער אױפגעכאַפּט. האָט ער װײטער פאַרברענגט מיט בכיות פון תשובה, ביז ער איז נאָכאַמאָל אײנגעשלאָפן. האָט ער אין חלום נאָר דערקענט דאָס אָרט פונעם גאָרטן און די שרשים — פּניאַקעס — פון די בײמער. שאַריגראָדער מחותנים זאָגט אײער רב, ער זאָל װערן מײנס אַ תלמיד. איך װעל שױן אױסרײסן די שרשים אױך". אַז ר' יעקב יוסף האָט דאָס דערהערט, איז ער גלײך צוגעלאָפן צום בעש"ט און געזאָגט: איצט זע איך, אַז איר װײסט אפילו מחשבה שבלב ובמוח. בעט איך אײך איבער פאַר מײן התנגדות צו אײך ביז איצט און אױף װײטער בעט איך אײך מיך צוצונעמען פאַר אַ תלמיד. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.

## סיפור נומער 10

דער גרױסער מגיד פון מעזריטש, — רבי ר' בער זללה"ה, — װי אַזױ ער איז נתקרב געװאָרן צום בעש"ט זללה"ה, איז אױך דאָ װעגן דעם צװײ נוסחאות. די ערשטע נוסחא פון רוב חסידים איז אַזאַ. ער איז געװען אַן אָרימער מלמד אין אַ שטעטל טאָרטשין — װאָלינער גובערניע, נישט װײט פון לודמיר און קאָװלע — יענע צײט איז געװען די תקופה פון מגידים. מוכיחים פלעגן

אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט זאָגן פאַר יידן מוסר. ר׳ מענדעלע וויטעבס־קערס פאָטער איז געווען איינער פון די מוכיחים. איז ער אַמאָל געקומען קיין טאָרטשין און זיך צוגעהערט ווי ר׳ בער לערנט מיט זיינע תלמידים. דער מוכיח איז געווען אַ בעל־מדריגה והשגה. האָט ער משיג געווען ברוח הקודש, אַז ר׳ בער לערנט מער מיט די נשמות פון זיינע תלמידים ווי מיט זייערע גופים. האָט ער זיך ביי אים איינגעבעטן, אַז ער זאָל אָננעמען זיין בחור, דעם יונגן עילוי ר׳ מענדעלען, צווישן זיינע תלמידים. דער מלמד האָט מסכים געווען, און ר׳ מענדעלע איז ביי אים געוואָרן דער געליבטסטער תלמיד. אַזוי, אַז ווען דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן, האָט ר׳ בער אים געשיקט צום בעש״ט אויסצופּרוּוון — צי עס לוינט זיך צו פאָרן צו אים.

דער בעש״ט האָט דערציילט ר׳ מענדעלען אַ וואַכעדיקע, וועלטלעכע מעשה און דערנאָך איבערגעפרעגט ר׳ מענדעלען, צי ער פאַרשטייט זי. — „ניין.״ — האָט ר׳ מענדעלע געענטפערט. דער בעש״ט האָט די זעלבע מעשה נאָכאַמאָל איבערדערציילט וואָרט ביי וואָרט און ווידער געפרעגט ר׳ מענדעלען, צי ער פאַרשטייט שוין. — „אַביסל״. — האָט ר׳ מענדעלע געענטפערט. דער בעש״ט האָט, נישט פאַרפעלנדיק קיין וואָרט, איבערדערציילט די מעשה צום דריטן מאָל. — ׳,איך פאַרשטיי שוין גוט.״ — זאָגט ר׳ מענדעלע; און צוריק־קומענדיק צו זיין רבין — ר׳ בער — האָט ער אים איבערגעגעבן וועגן דער גרויסער הייליקייט און שאַרפן מוח פונעם בעש״ט. אַז ר׳ בער איז געקומען צום בעש״ט, האָט דער בעש״ט געפרעגט ר׳ בערן, צי ער האָט אַ ידיעה אין חכמת הקבלה. ר׳ בער האָט געענטפערט: „יאָ״. האָט אים דער בעש״ט געוויזן אַ טיפן מאמר אין הייליקן ספר עץ־חיים. ר׳ בער האָט גלייך געזאָגט דעם אמתן פשט. דער בעש״ט זאָגט אים: „אָבער, אַזאַ לערנען איז אַ גוף אָן אַ נשמה.״ — און אַליין איבערגעזאָגט דעם מאמר אין עץ־חיים. האָט ר׳ בער דערזען, ממש, ווי אַ פייער פון הימל האָט זיי אַרומגערינגלט און מלאכים זענען אַרומגעפלויגן אינעם חדר. דעמאָלט האָט ר׳ בער מקבל געווען דעם בעש״ט פאַר אַ רבין. (דער אויספיר געפינט זיך אין ספר כתר שם טוב.)

חסידים גיבן צו, אַז נאָך אַ לענגערע צייט שפּעטער, שוין נאָכן הסתלקות פונעם בעש״ט און אויך פונעם רבין ר׳ בער, ווען ר׳ מענדעלע איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, און אַרומגעפאָרן זיך געזעגענען מיט אַלע צדיקי־הדור, תלמידי הבעש״ט, און איז געקומען צו ר׳ פינחס קאָריצער זללה״ה, האָט ר׳ פינחס אים געזאָגט: „איך האָב חשק צו רעדן לשון הרע״. ר׳ מענדעלע האָט געענטפערט: „און איך בין מסכים״. ר׳ פינחס האָט אים געפרעגט: „וועמענס וועט אָנהויבן?״. — „טאָקע איר״. — ענטפערט ר׳ מענדעלע. — „אַזוי?״ — זאָגט ר׳ פינחס: „וועל איך זיין דער הולך־רכיל, מגלה־סוד און אויסזאָגן דעם סוד, אַז דער תולדות איז אַ תורה חדשה — אַ באַנייאונג פון דער תורה —

פונעם גן עדן." — דעמאָלט איז ארויס פון דרוק דאָס ערשטע ספר פון תורות הבעש"ט און פון זיינע תלמידים מיטן נאָמען „תולדות יעקב־יוסף".

דער ריזשענער זללה"ה איז אַמאָל געווען אין וועג. האָט ער געבעטן דעם בעל-אכסניא, ער זאָל אים צוברענגען אַ חסידיש ספר. האָט ער אים דערלאַנגט דאָס ספר „אור המאיר". האָט דער ריזשענער געזאָגט: „דאָס איז נישט קיין חסידיש ספר, ווייל אַזוי דאַרף זיך יעדער ייד צו פירן". האָט מען אים צוגעברענגט דאָס ספר „חסד לאברהם" פונעם מלאך. האָט ער געזאָגט: „דאָס איז אַזאַ ספר וואָס ווייזט, אַז נאָר דער וואָס קען מאַכן אַזאַ הקדמה, דער מעג מאַכן אַ ספר". האָט מען צוגעברענגט דעם „מאור עינים". — „דאָס איז העכער פון ספר. פונעם „מאור עינים" קען מען פון יעדן וואָרט מאַכן אַ ספר". — האָט ער געזאָגט. אַז מען האָט אים צוגעברענגט דעם „תולדות", האָט ער געזאָגט: „אָט דאָס איז אַ חסידיש ספר".

ווען ר' מענדעלע איז געקומען זיך געזעגענען צו ר' יעקב־יוספן (דער מחבר פונעם תולדות.) האָט אים דער לעצטער געפרעגט: „צי געדענקט איר נאָך און ווייסט ביי וועלכן וואָרט איר האָלט אינעם סיפור פונם בעש"ט ז" — ר' יעקב יוסף איז שוין געווען פון בעש"טס תלמידים ווען ער האָט דערציילט ר' מענדעלען די מעשה און איז געווען ביי דעם דערציילן. — האָט אים ר' מענדעלע געענטפערט: „פון וואַנען דען וואָלט איך געוואוסט, אַז איך דאַרף פאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרט זיך באַזעצן ?"

עס איז אָבער דאָ אַ צווייטער נוסח, ווי אַזוי דער גרויסער מגיד איז נתקרב געוואָרן צום בעש"ט. צו דעם צווייטן נוסח מוז מען מקדים זיין אַ באַוואוסטע חסידישע מעשה פונעם בעש"ט. איידער ער איז נתגלה געוואָרן, איז דער בעש"ט געווען אַ דאָרפס מלמד אין דער לעמבערגער סביבה. אַז עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים-נוראים — ר"ה און יום כיפור — האָט ער פאַרגעלייגט די דאָרפס יידן, צו מאַכן פאַר זיך אַ מנין אין דאָרף, און ער אַליין וועט זיין דער בעל־תפלה, בעל תוקע און בעל קורא. די דאָרפס יידן האָבן זייער גערן מסכים געווען. (צו יענער צייט איז געווען דער מנהג, אַז אַלע דאָרפס יידן פלעגן קומען אויף ימים־נוראים אין זייערע נאָענטע שטעט אַריין. ווייל מערסטנטייל זענען זיי געווען פראָסטע מענטשן, אָבער פרום און ערלעך, און געוואָלט יוצא זיין מיט די תפילות, תקיעות און קריאות פון די איידעלע שטאָט־יידן. די שטאָטישע ראשי־הקהל פלעגן האָבן פון די דאָרפס יידן געוויסע הכנסות. דעמאָלט פלעגן זיי אויך איינמאָנען ביי זיי פאַרן גאַנצן יאָר אַלע ציווילע און רעגירונגס שטייערן.) ווען די ראשי־הקהל פון לעמבערג האָבן זיך דערוואוסט נאָך ימים-נוראים פון דעם דאָרפס מנין, האָבן זיי די דאָרפס יידן פאַרקלאָגט פאַרן לעמבערגער בית־דין אַלס פורצי־גדר־הדת. דאָס בית-דין האָט געהייסן ברענגען צו זיך דאָס מנין מיטן מלמד: צום ערשטן פאַרהערן

דעם מלמד, צי ער קען נוסח התפילה און די טייטש פון די פיוטים, נאכדעם װעלן זיי װיסן װאס פאר אשטראף זיי צו געבן.

אלס אן אפטיילונג פון װעד ד׳ ארצות — יידישע רעליגיעזע אויטאנאמיע אין פוילן — האבן די ראשי־הקהל געהאט רעגירונגס רעכט. איז באלד דעם צווייטן טאג נאך יום הקדוש האבן געמוזט קומען די אלע יידן פונעם דארפס מנין מיטן מלמד אין בית־דין שטוב אין די זאקן, און דער מלמד האט גע־מוזט זאגן הויך פון „המלך״ ביז „שמונה־עשרה״. אלע צוהערער האבן מסכים געװען, אז דער מלמד קען דעם נוסח און װייסט פירוש המלות. די ראשי הקהל האבן אבער געפאדערט פונעם מלמד צו זאגן הויך אויך די „שמונה־עשרה״. האט דער מלמד זיך אפגערופן: „װער עס װייסט ביי זיך, אז ער האט נאכנישט מתקן געװען זיינע חטאת־נעורים, דער זאל ארויסגיין פון בית־דין שטוב. די ראשי־הקהל און זייטיקע צוהערער האבן זיך צעלאכט און געהייסן װייטער זאגן. אבער, גלייך װי דער מלמד האט ארויסגעלאזט פונעם מויל די ערשטע צוויי װערטער פון שמונה-עשרה „ברוך אתה״ מיטן ימים־נוראימדיקן ניגון, איז די מערהייט פון די צוהערער — אויסער די דארפס יידן — געפאלן אין חלשות. אין שול איז געװארן א גרויסער רעש. מען האט געמוזט ארויסרופן דאקטוירים זיי צו דערמונטערן.

די דיינים האבן געבעטן דעם מלמד מיטצוגיין מיט זיי צום דעמאלטדיקן רב הגאון ר׳ יעקב יושע ז״ל. — דער מחבר פון פני יהושע. — דער רב איז געװען פארהילט אין טלית און אנגעטאן אין רבינו־תמ׳ס תפילין, פארטיפט אין לערנען. אלס א הייליקער מאן און א גרויסער בעל־השגה, איז געװען, װי נאר ער האט אנגעקוקט דעם מלמדס צורה — דער שפעטערדיקער בעש״ט — האט ער גלייך געגעבן די דיינים א װאונק פון „פטרום לשלום״. מען האט טאקע באלד באפרייט דעם מלמד מיט זיין דארפס מנין. חסידים גיבן צו, אז װען דער מלמד איז ארויסגעגאנגען פונעם רבס חדר, האט ער געקוקט אויף דער מזוזה, אבער זי נישט געקושט. דער רב האט באלד אפגעריסן די מזוזה, געפונען אין איר א פסול, און תיכף אנגעקלאפט א צווייטע כשרע מזוזה. פון דעם האט זיך גענומען, אז שפעטער, װען דער מלמד איז נתגלה געװארן אלס „בעל שם טוב״, איז ר׳ יעקב יושע נישט געװען צווישן זיינע מתנגדים.

איצט צוריק צום צווייטן נוסח. די ראשי־ הקהל פון פראנקפורט האבן אויסגעהאלטן גאר א גרויסע ישיבה. האבן זיי פארבעטן ר׳ יעקב יושען צו זיך אלס רב און אויך אלס ראש־ישיבה. לעמבערגער ראשי־הקהל האבן אים נישט ארויסגעלאזט ביז ער האט געמוזט ביי זיי איבערלאזן זיינע צוויי קינדער: א זון און אן איידעם אלס ראשי-בית־דין. דער עלטערער פון זיי מיטן נאמען ר׳ בעריש איז געקרוינט געװארן מיטן כתר הרבנות. דער יינגערער — אלס אב בית־דין. דער פני־יהושע האט אנגעזאגט ר׳ בערישן: אויב ס׳װעט זיך

טרעפֿן ביי אים אַ שווערע שאלה, און ער וועט זיך נישט קענען דערוואַרטן ביז עס וועט אָנקומען אַ תשובה פֿון אים, אַזש פֿונעם ווייטן פֿראַנקפֿורט, — לויט יענע־צייטיקע טראַנספּאָרט־באַדינגונגען —, זאָל ער צופֿאָרן צום מלמד, ר׳ בער, זיך מיט אים מיישב זיין, ווייל ער — דער פּני יהושע — אַנערקענט אים פֿאַרן גרעסטן גאון אין דער לעמבערגער סביבה. אַזויערנאָך איז ר׳ בעריש געוואָרן אַן אָפֿטער גאַסט ביי דעם טאַרטשינער מלמד, ר׳ בער.

מיט אַמאָל איז ר׳ בער שלאַף געוואָרן און דאָקטוירים האָבן נישט גע־קענט צוטרעפֿן קיין רפֿואה. איז דער לעמבערגער רב ר׳ בעריש, געקומען אים מבקר־חולה זיין. די רביצין פֿון ר׳ בערן האָט געזאָגט דעם לעמבערגער רב, אַז זי רעכנט די שלאַפֿקייט פֿון איר מאַן פֿאַר אַן עונש פֿונעם בעש״ט, — וואָס איז שוין דעמאָלט נתגלה געוואָרן —, ווייל ער האָט איר מאַן שוין עט־לעכע מאָל באַפֿוילן צו קומען צו אים, זיך אויסלערנען זיין נייעם דרך אין עבֿודת ד׳, און איר מאַן האָט דערפֿון נישט געוואָלט הערן. ר׳ בעריש האָט דאָך געוואוסט די מעשה פֿונעם דאָרפֿס מלמד — דער איצטיקער בעש״ט — מיט זיין פֿאָטער, — דער פּני יהושע, — האָט ער עס אָנגענומען פֿאַר אַן אמת. איז ער אַריין מיט אַ בקשה צו ר׳ בערן, ער זאָל נאָכקומען דעם פֿאַרלאַנג פֿונעם בעש״ט. ר׳ בער האָט אים אָבער געענטפֿערט: איך האָב ת״ק — פֿינף הונדערט — טעמים על פּי הלכה ברורה, אַז מען טאָר נישט (חס ושלום) אָנקוקן דאָס פּנים פֿונעם בעש״ט. ר׳ בעריש האָט אים אָפּגעלאָזט, זיך אָפּגעזעגנט און אַהיימגעפֿאָרן. אָבער, ר׳ בערן איז דאָ ערגער געוואָרן, און ער האָט באַקומען גרויס היץ־פֿיבער, — אַזוי, אַז די רביצין האָט אים נישט געפֿרעגט און אים אָפּגעפֿירט צום בעש״ט. דאָרט איז ער טאַקע גלייך געזונט געוואָרן, און אַזוי צוגעצויגן געוואָרן צום בעש״ט, אַז ער איז געוואָרן זיין גרעסטער אָנהענגער.

ווען ר׳ בער איז אַהיימגעקומען קיין טאַרטשין שוין אַלס חסיד, און ר׳ בעריש איז ווידער געקומען צו אים זיך מיישב זיין וועגן אַ שווערער שאלה, האָט אים ר׳ בעריש געפֿרעגט: „רבי! איך ווייס, ווי שווער עס איז אָפּצו־ווענדן אייערס איין טעם אין הלכה, און איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר האָט ת״ק טעמים על פּי הלכה, אַז מען טאָר (ח״ו) נישט רואה זיין פּני הבעש״ט; טאָ, ווי קומט עס וואָס איר זענט געוואָרן זיינס אַ חסיד״? ר׳ בער האָט אים געענטפֿערט: לעמבערגער רב! גלויבט מיר, אַז איך האָב געזען ביי מיין איצטיקן רבין — דער בעש״ט — אַזאַ הויכע מדרגה אין עבֿודת ד׳, אַז עס איז מיר געוואָרן אַ ספֿק, צי ער איז אַ ילוד־אשה; און איך האָב אים נאָכדעם אַליין איבערגעפֿרעגט: רבי! זענט איר אַ ילוד־אשה? אַז ער האָט מיר געענטפֿערט: „יאָ, איך בין אַ ילוד־אשה, מיין מוטער האָט געהייסן שרה. מיין פֿאָטער — אליעזר״, גלויב איך אים. איצט, לעמבערגער רב, באַרעכנט זשע, אויף אַ מענטש וואָס עס קען איינפֿאַלן אויף אים אַ ספֿק, צי ער איז אַ ילוד־

אשה, קענען עפעס העלפן מיינע טעמים? זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל ונזכה לגאולה שלימה בנחמת ציון וירושלים בב"א.

## סיפור נומער 11

מיין פאטער עליו השלום ר' ישכר שו"ב פון טישעוויץ, לובלינער גובערניע, האט דערציילט, אז דער טריסקער מגיד זללה"ה — דער מחבר פון מגן-אברהם — האט אום אחרון של פסח — דער טאג פון ר' דוד לאהקעס יארצייט — דערציילט: אז ר' דוד לאהקעס און ר' דוד פערקיס האבן ביידע געוואוינט אין איין שטאט. אלס די שענסטע לייט פון שטאט האט מען זיי איינעם לעבן צווייטן אפגעגעבן זייער ארט צום דאווענען ביי דער מזרח וואנט. ר' דוד לאהקעס איז געווארן א תלמיד ביי דעם בעש"ט און אנגעהויבן שמעקן טאבאק. אמאל האט ר' דוד פערקיס דערזען, ווי פון ר' דוד לאהקעס האנט איז ארויסגעפאלן דאס פושקעלע טאבאק אין מיטן שמונה עשרה, און דער לעצטער האט זיך איינגעבויגן, און עס אויפגעהויבן און דערפון געשמעקט. ביי ר' דוד פערקיס איז אויסגעקומען על פי שולחן ערוך, אז עס הייסט א הפסק אין מיטן שמונה עשרה. האט ער אין גדאנק באשולדיקט ר' דור לאהקעס און אנגענומען, אז חסידים גייען קעגן שולחן ערוך.

ר' דוד לאהקעס פלעגט אלע יאר קומען צום בעש"ט אויף ראש השנה, יום כיפור און סוכות. נאך דער מעשה מיטן פושקעלע טאבאק איז ער קראנק געווארן און נישט געקומען אויף ראש השנה. דער בעש"ט האט זיך נאכגע־פרעגט און געוואר געווארן פון זיין שלאפקייט. האט ער איבער יום הקדוש געשטורעמט אין הימל, פאר וואס מען האט באשטראפט זיינס א תלמיד אן זיין וויסן. האט מען אים פון הימל מודיע געווען די גרויסקייט פון ר' דוד פערקיס און אז זיינע תרעומות אויף ר' דוד לאהקעס, נאר במחשבה, האבן גורם געווען דעם לעצטנס שלאפקייט; אויך — אז עס איז נישטא קיין שום עצה דער לעצ־טער זאל געזונט ווערן, סיידן ר' דוד פערקיס אליין וועט אויף אים ממליץ זיין. האט דער בעש"ט געפועלט אין הימל: צו קענען צונעמען ביי ר' דוד פערקיס די מדריגות. אז עס איז געקומען הושענא-רבה ביינאכט צום זאגן משנה־תורה, האט דער בעש"ט צוגענומען ביי ר' דוד פערקיס די מדריגות. ווען דער לעצ־טער האט אנגעהויבן זאגן משנה-תורה און געפילט, אז עס זאגט זיך נישט ווי זיין געוואוינהייט, האט ער פארמאכט דעם תיקון, און שפאצירט אין בית־המדרש אהין און צוריק און מהרהר בתשובה געווען. אזוי האט ער געטאן עטלעכע מאל: געעפנט דעם תיקון און ווידער פארמאכט. ביז עס איז אנ־געקומען אין בית־המדרש אריין א ייד, וואס האט פאר זיך געהאלטן פאר א מצוה ארומצוגיין ארום די טישן און טיילן יעדן מיט א ברייטער האנט א שמעק טאבאק.

ר׳ דוד פערקיס האט אויך גענומען שמעקן טאבאק, און באלד איז אים דער מוח לויטער געווארן און באקומען צוריק אלע השגות ומדריגות. האט ער ווידער צוגעמאכט דעם תיקון און שפאצירט איבערן בית המדרש, אריינ-טראכטנדיק זיך: פארוואס די חכמי־הדור האבן נישט מתקן געווען קיין ברכה אויף טאבאק-שמעקן און רויכערן. איז אים איינגעפאלן א געדאנק, אז די עיקר ברכה איז דאך — מעלה ומברר צו זיין די ניצוצות הקדושות, וואס געפינען זיך אין דעם מאכל ומשקה, אדער בשמים. אבער, טאבאק און טיטון האבן אין זיך אזעלכע איידעלע ניצוצות, וואס מען קען זיי נישט מעלה זיין בדיבור נאר במחשבה, און דאס קענען נאר די יחידי־סגולה פונם דור. איז אים איצט פאר־ענטפערט געווארן, פארוואס ר׳ דוד לאהקעס האט געשמעקט טאבאק אינמיטן שמונה עשרה: צו אים קער דאך דאס, ווייל ער איז איינער פון די יחידי סגולה״.

תיכף נאך דעם מליצה־געדאנק, פון ר׳ דוד פערקיס אויף ר׳ דוד לאהקעס, האט דער לעצטער אנגעהויבן צו שוויצן, און די געפאר פון דער שלאפקייט איז אוועק און זיך ביסלעכווייז געבעסערט; אזוי, אז נאך סוכות איז אים שוין דער בעש״ט געקומען פון מעזשיבעזש מבקר חולה זיין. דער בעש״ט, זיצנדיק ביי דעם בעט פון ר׳ דוד לאהקעס, האט גליך געשיקט רופן ר׳ דוד פערקיס און אים געפרעגט: ״וואס איז מיט אייך פארגעקומען הושענה־רבה ביינאכט?״ ר׳ דוד פערקיס איז דערשטוינט געווארן פון דער פראגע, און זיך דערפון דערוואוסט די גרויסקייט פון בעש״ט, וואס האט פונווייטנס מרגיש געווען זיינע מחשבות. דער בעש״ט האט אים אלץ דערציילט און פארזאגט, ער זאל זיך פון איצט אן היטן מקטרג צו זיין אויף א ייד אפילו במחשבה, ווייל א צדיק דארף נאר זוכן זכותים אויף יידן. פון דעמאלט אן איז ר׳ דוד פערקיס אויך נתקרב געווארן צום בעל שם טוב. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## סיפור נומער 12

דער בעש״ט זלה״ה איז אמאל געפארן קיין ארץ ישראל. חסידים זאגן, אז די עיקר כוונה פון זיין נסיעה איז געווען זיך צו טרעפן מיטן אור־החיים פנים אל פנים, ווייל איינער פון זיי האט געהאט אין זיך דאס נפש פון משיחן און דער צווייטער די בחינה פון רוח פון משיחן. איז, ווען זייער דור זאל געווען זוכה זיין, וואלטן זיי זיך געווען צוזאמענגעקומען — דער נפש מיטן רוח, וואלטן זיי ממילא נתעבר געווארן מיט בחינת נשמה פון משיחן, און עס וואלט אין זייער צייט געווען געקומען די גאולה שלימה. (אין אלטע ספרים ווערט דאס אייגענע געברענגט וועגן בעל ראשית-חכמה מיטן בעל שבט־מוסר און בעל ספר־חרדים אין זייער צייט, אז ס׳איז אויך געווען אן עיכוב מן השמים, זיי זאלן זיך נישט צוזאמענטרעפן.) וואס עס האט געטראפן דעם בעש״ט אין וועג פון זיין נסיעה איז שוין באוואוסט און באשריבן; אז ים־רויבער האבן

געפֿאַנגען אים מיט זיינע צווי באַגלייטער, זיין בת יחידה אַדיל, און זיין תלמיד ר׳ הירש סופֿר, און זיי געבונדן צייטווייליק, ביז זיי וועלן צוברענגען די איבריקע געפֿאַנגענע מיטן רויב. ר׳ הירש האָט דעמאָלט געזאָגט צום בעש״ט: „רבי! וואָס שווייגט איר? מיר זענען דאָך אין דער גרעסטער סכנה״. דער בעש״ט האָט אים געענטפֿערט: וואָס קען איך טאָן, אַז אַלע מדריגות האָט מען מיר צוגענומען מן השמים, און איך געדענק נישט קיין שום פּסוק, אויך קיין שום הייליק וואָרט. אפֿשר געדענקט איר, ר׳ הערש, כאָטש איין וואָרט, וואָס איך האָב מיט אייך אַמאָל געלערנט?״ ר׳ הירש האָט זיך דערמאָנט אין צווי אותיות: „אלף־בית״ און געזאָגט צום בעש״ט: „רבי! איך האָב זיך דערמאָנט, איר האָט מיט מיר אַמאָל געלערנט „אלף בית״. דער בעש״ט האָט אים געענטפֿערט: גוט, לאָמיר זיך באַהעפֿטן אין דער קדושה פֿון די אותיות און אַלע דריי שרייען מיט אַמאָל: „אלף־בית!״ דעמאָלט האָבן זיך זייערע שטריק מיטאַמאָל איבערגעריסן, און דער בעש״ט האָט צוריק באַקומען אַלע מדריגות. אַ שיף האָט זיך דערנעענטערט, זיי אויפֿגענומען און אָפּגעפֿירט קיין סטאַמבול (קאָנסטאַנטינאָפּאָל).

דאָרט האָט זיך דער בעש״ט נישט אויסגעגעבן ווער ער איז, און ממילא געליטן פֿון גרויס דחקות. נאָענט צו פּסח האָט אַדיל אַליין ביי דעם ברעג־ים געוואַשן פֿאַרן פֿאָטער, ר׳ הירשן און פֿאַר זיך וועש אויף פּסח. איז איר געקומען אין זכרון דער גרויסער תענוג רוחני וואָס זי האָט געפֿילט ביי דער הנהגה פֿון די פּסח־סדרים אין מעזשיבעזש, ווען ביי איר פֿאָטערס טיש זענען געזעסן און געשטאַנען די גרעסטע צדיקי־הדור בעלי־רוח־הקודש, און איצט דאָ זענען זיי דריי אַליין, איינזאַם און עלנט; האָבן נישט קיין מצה־שמורה, קיין כשרן וויין און נאָך אַלע אנדערע הצטרכותן אויף פּסח, און נישט ווילנדיק האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ קוואַל טרערן פֿון אירע אויגן. אין דער רגע האָט די השגחה פֿון השי״ת צוגעשיקט אַ סטאַמבולער ערלעכן ייד, אַן עושר און אַ גרויסער מכניס־אורח, וואָס איז געקומען צום פֿאַרט איינקויפֿן פֿיש אויף פּסח פֿאַר זיך און די אורחים, און באַמערקט אַדילס שטילע הייסע טרערן. דער מכניס־אורח האָט איר געפֿרעגט אויף דער סיבה פֿון איר געוויין. האָט זי אים דערציילט, אַז איר פֿאָטער מיט ר׳ הירשן זענען צווי גרויסע רבנים, אַנגעזעענע אין פּוילן, און דאָ געפֿונען זיי זיך בעירום ובחוסר כל. דער עושר האָט איר גלייך געגעבן אַ גרויסע נדבה און אויך אַ וויזיט־קאַרטע; און אויך זיי פֿאַרבעטן צו זיך און אַנגעזאָגט, אַז שוין היינט זאָלן זיי אַלע דריי זיך אַריבערציען אין זיין הויז אַריין, און ער וועט שוין פֿאַרזאָרגן יעדן פֿון זיי מיט אַ באַזונדערן צימער און נייע מלבושים לכבוד יום טוב — מצה שמורה און כשרן וויין. ער וועט זיי האַלטן איבער יום־טוב און אויך דערנאָך, ווי לאַנג זיי וועלן זיין אין סטאַמבול.

דער בעש״ט האָט די איינלאַדונג אַנגענומען. אַז עס איז געקומען ערב־פּסח נאָך שריפֿת־חמץ, און דער בעש״ט האָט זיך טובל געווען אין אַ מקוה כשרה

לכבוד טהרת הרגל, האָט ער געבעטן ביי דעם בעל-הבית צו לאָזן אים — דעם בעש"ט — איבער אינדערהיים מתפלל צו זיין ביחידות — פאַר זיך — מנחה אין זיין חדר, און ער — דער בעל הבית — זאָל זיך גיין אין שול אַריין מיט זיין בני־בית און אורחים, ווייל ער — דער בעש"ט — וויל זיך צולייגן אָפּרוען פאַרן סדר; און ווען דער בעל־הבית וועט צוריקקומען פון שול, זאָל מען אים — דעם בעש"ט — אויפוועקן, וועט ער דאַוונען מעריב און אויך גיין צום סדר. דער בעל-הבית איז געקומען פון שול און איז אריין אין בעשט"ס חדר אים אויפצווועקן, איז ער זייער איבערגעשראָקן געוואָרן: זעענדיק דעם אורח ליגן די ז ייגן פאַרגלייצט און הערנדיק ווי פון זיין טיפן האַרץ רייסן זיך אַרויס קרעכצן. יון די ליפּן פונם מויל שאַקלען זיך. האָט ער גיך אַריינגערופן זיין טאָכטער ז.״יל, אויך זיין תלמיד ר׳ הירש. זיי האָבן אים געמוזט אויסזאָגן דעם אמת, אַז דער אורח איז דער בעש"ט, און אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער שלאָף, נאָר אַן עליית נשמה. (דעם אורחס נשמה, געפינט זיך איצט אין הימל אין די הויכע וועלטן.) האָט זיך דער מכניס־אורח צוגעבויגן צו די ליפּן פונם אורח און געהערט, ווי ער חזרט פיל מאָל איבער דעם פסוק „לעושה נפלאות גדולות לבדו, כי לעולם חסדו". — השי"ת טוט איינער אַליין וואונדערלעכע גרויסע חסדים מיט זיין פאָלק ישראל.

דער בעל־הבית האָט שוין אויפגעהאַלטן דעם סדר ביז דער אורח האָט זיך אַליין אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף, געדאַוונט מעריב און אָנגעהויבן פירן דעם סדר. פאַר הלל האָט דער בעש"ט מפסיק געווען די הגדה און דערציילט פאַר אַלע מסובין, וואָס איז איצט פאָרגעקומען אין סולטאַנס פּאַלאַץ. דער גרויס-וויזיר — פּרעמיער מיניסטער — האָט צוגעטראָגן אַ שווער מלשינות אויף די יידן. האָט עס אַזוי שלעכט געווירקט אויפן סולטאַן, אַז ער האָט אויסגעטאָן זיין פינגערל מיטן חותם־המלך און עס איבערגעגעבן דעם גרויס־וויזיר. דער לעצטער, אַלס גרויסער שונא ישראל, האָט עס אויסגענוצט, באַלד אָנגעשריבן אַ דעקרעט און אָפּגעחתמעט: אַרויסצוטרייבן אַלע יידן פון דעם סולטאַנס מדינות.

אים — דעם בעש"ט — האָט מען מודיע געווען מנחה-צייט פון דער שווערער גזירה אויף יידן מן השמים. האָט ער ביי מנחה מתפלל געווען, און נאָכדעם געמאַכט אַן עליית נשמה און שטאַרק מרעיש געווען אין די עולמות עליונים, ביז מען האָט מבטל געווען די גזירה אויפן אָרט. אויף דער וועלט פירט זיך דאָך, אָבער, אַלץ בדרך הטבע. האָט דער סולטאַן שטאַרק חרטה באַקומען אויף די שווערע גזירות, וואָס דער גרויס-וויזיר האָט געוויס אַרויס־געגעבן אין סולטאַנס נאָמען אויף די יידן. האָט ער אין געהיים גענומען אַן עצה ביי זיין מוטער, די קעניגין פונעם אַלטן סולטאַן. (זיין פאָטער.) האָט זי אים געראָטן צו מאַכן אַ רעש אין הויף, אַז מען האָט ביי אים צוגעגנבעט זיין

חתימה-פינגערל, און דער חשד זאָל גלייך פאַלן אויפן גרויס-וויזיר, און מען וועט עס דאָך טאַקע דאָרט געפינען, וועט מען אים גלייך הענגען. דער סולטאַן וועט שוין קענען צערייסן אַלע דעקרעטן, וואָס דער גרויסוויזיר האָט געחתמעט מיטן כלומרשט געגנבעטן פינגערל; און קיינער וועט נישט וויסן, אַז דער סולטאַן האָט פריער מסכים געווען און שפּעטער חרטה באַקומען, וואָס דאָס איז קעגן כבוד פונעם סולטאַן. דאָס איז באַלד אָפּגעטאָן געוואָרן, און דאַנקען השי״ת זענען יידן שוין געהאָלפן. דער גזירה־דעקרעט איז שוין איצט צעריסן. נאָכן דערציילן האָט דער בעש״ט געהייסן זאָגן הלל און גומר זיין די הגדה מיט גרויס שמחה.

נאָך דעם ווי מען האָט דעם גרויס-וויזיר געהאָנגען און צעריסן זיין גירוש־דעקרעט, האָט די קעניגן-מוטער געשיקט צו זיך ברענגען דעם פּרנס-חודש פון סטאַמבול — דער פאָרשטייער פון דער יידישער קהלה ביי דער רעגירונג — און אים איבערגעגעבן די נסים, וואָס השי״ת האָט מיט זיי געטאָן אינגאַנצן אָן זייער וויסן און אָן זייער השתדלות. דער פּרנס האָט איר געדאַנקט און געבענטשט איר זון דעם סולטאַן. די קעניגין־מוטער האָט אים געהייסן אָפּפירן אַהיים גומר זיין דעם סדר.

אין יענער צייט, אויב מען האָט פּסח צום סדר פאַרנומען אַ ייד צו דער רעגירונג, — בפרט נאָך דעם ראש הקהל צום סולטאַנס הויף —, פלעגן יידן זיך שטאַרק שרעקן, ווייל עס האָט געקענט מיינען אָן עלילת-דם. (בלוט־בילבול.) איז פאַרשטענדלעך, אַז די בני-בית פונעם פּרנס האָבן גלייך מודיע געווען דעם רב און אַלע ראשי־הקהל פונעם פּלוצומדיקן אַרויסרוף פונעם פּרנס אין מיטן דער נאַכט אין סולטאַנס הויף אַריין. אָבער, ווען דער פּרנס איז בשלום אַהיימגעקומען און מיט גרויס פרייד גומר געווען דעם סדר, איז שוין געווען צו שפּעט מודיע צו זיין דעם רב מיט די ראשי־הקהל.

צוליב דער גרויסער שרעק און נאָכדעם די צוגעקומענע אומגעריכטע שמחה, איז דער פּרנס פאַרשלאָפן אויפן טאָג. דער רב מיט די ראשי־הקהל האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אים מיטן דאַווענען. ווען ער איז געקומען, האָט ער געבעטן דעם רב צו דאַוונען שחרית, כדי שוין מער נישט פאַרשפּע־טיקן דעם זמן תפילה, און פאַר הלל וועט ער דערציילן השי״תס ניסים. אָבער, דער מכניס־אורח האָט געבעטן מען זאָל אים לאָזן דערציילן. דער פּרנס האָט אים פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט: „פונוואַנען ווייסט איר עס צו דערציילן, וואָס איך בין געוואָר געוואָרן אין געהיים אין סולטאַנס הויף?" דער מכניס-אורח האָט געענטפערט: „פון מיין הייליקן אורח, וואָס אין זכות פון זיינע תפילות איז דאָס אַלץ געשען". פון דעמאָלט אָן איז שוין דער בעש״ט נתגלה געוואָרן אין סטאַמבול אויך.

פון הרב ר׳ משה ע״ה — אין טישעוויץ האָט מען אים גערופן „דער בעלעמער רב״ — האָב איך געהערט, אַז ווען דער בעש״ט האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעגעבן אין סטאַמבול ווער ער איז, האָט מען אים מודיע געווען מן השמים, אַז דער סטאַמבולער רב איז אַ גרויסער צדיק, און מיט זיינס אַ וואָרט, אַ תנועה אפילו, מיט זיינס אַ מחשבה רעכנט מען זיך שטאַרק אין דער פמליא של מעלה. איז דער בעש״ט אַריינגעקומען אין רבס הויז צו שלש-סעודות. ווען ס׳איז שוין טונקל אין הויז און זיך געזעצט דער לעצטער ביי דעם טיש. דער רב האָט אים, אָבער, ברוח-הקודש באַלד מרגיש געווען, און באַפוילן דעם שמש צו זעצן דעם אורח לעבן אים און געפרעגט דעם אורח אויף לשון הקודש: „מאין אתם״? — פונוואַנען זענט איר? — דער אורח האָט געענטפערט: „מארץ פולוניא״.״ — פון לאַנד פוילן. — דער רב האָט געזאָגט דעם אורח: „שמעתי עליכם ששרי פוילין מציקים לכם מאוד״. — איך האָב געהערט, אַז די פוילישע פריצים און רעגירונגס־פירער דריקן אייך, יידן, זייער. — דער אורח האָט געענטפערט: „אדרבה, ליעיין מר״. — זאָל טאַקע דער רבי אַכטונג טאָן און אויפטאָן עפיס גוטס פאַר יידן. — דער רב האָט געמאַכט אַ תנועה מיט זיין האַנט, זי אויפגעהויבן און מיטאַמאָל גע־געבן אַ לאָז אַראָפּ.

נאָך מעריב און הבדלה האָט דער בעש״ט געדונגען אַ וועגעלע פאַר זיך מיט ר׳ הירשן און געפאָרן שפּאַצירן ביי דעם ברעג פונעם ים. אינמיטן פאָרן האָט זיך ר׳ הירש שטאַרק איבערגעשראָקן און געזאָגט דעם בעש״ט: איך זע, ווי אַ שטיק פייערדיקער פאַס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל אין ים אַריין. דער בעש״ט האָט אים געענטפערט: דער היגער רב איז אַ קדוש-עליון. גלייך ווי ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט, האָט מען דעם שר של פוילן אַראָפּגעוואָרפן פונעם הימל. אָט, איז ער אַריינגעפאַלן אין ים אַריין. אָבער דאָס טוט זיך נאָר אַזוי גיך אין די הויכע וועלטן, וואָס זענען למעלה מן הטבע און למעלה מן הזמן: אָבער אויף אונזער איצטיקער וועלט, וואו עס דאַכט זיך, אַז אַלץ פירט זיך בדרך הטבע, וועט עס געדויערן אַ ירידה נאָך ירידה, ביז אין פינף און זעכציק יאָר אַרום. דעמאָלט וועט פוילן איינגעטיילט ווערן צווישן אירע שכנים: רוסלאַנד, עסטרייך, דייטשלאַנד. מיט דער צייט איז דאָס מקויים געוואָרן.

## סיפור נומער 13

אין פאַרבינדונג מיט דער פריערדיקער מעשה, אַז דער בעש״ט האָט געזוכט עצות ווי צו פאָרן קיין ארץ ישראל צו ברענגען די גאולה, האָט מיר דערציילט אין מיין יוגנט, ווען איך בין אַלט געווען אכצן יאָר, אַ ייד אַ זקן, נאָענט צו שמונים, ר׳ מאירל לובלינער. ער האָט דאָס געהערט פון זיין זיידן

ר׳ זונדל אוכאַנער. זיין זיידן האָט דאָס דערציילט זייז פאָטער הרה״ג הצדיק ר׳ שלום זללה״ה — וואָס רופט זיך דער אַלטער בעלזער רב — דעם לעצטן האָט דאָס דערציילט זיין רבי, ר׳ יעקב יצחק איש הורוויטץ הלוי זללה״ה — וואָס רופט זיך, דער רבי פון לובלין. אין דאָרף קוואַטשיניק, ביי שעברעשין — אין פוילן, לובלינער גובערניע. — האָט געוואוינט אַ ייד, וואָס האָט געהאָדע-וועט שאָף צום אויספּאַסען און אויך געהאַט אַן אייגענע קאָזע אויף מילך פאַר זיך, וואָס האָט זיך געפּאַסעט צווישן די שאָף. מיט דער צייט איז די קאָזע עטלעכע טעג איינעם נאָכן אַנדערן אַהיימגעקומען אָוונט־צו זייער גוט אָנגע־פּאַסעט, און אויך געגעבן, ממילא, מער מילך ווי איר געוואוינהייט און אויך פעטערע. דעם דאָרפס־יידס אַ בחור, אַ גרויסער מלומד בתורה ובחכמה האָט געוואָלט דערגיין וואו די קאָזע נעמט אַזאַ גוטע פּאַשע. איז ער מיטגעגאַנגען מיטן פּאַסטוך זען ווי די שאָף און קאָזע פּאַשען זיך. אָבער, אין מיטן טאָג איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שלאָף, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז די קאָזע שוין נישט געווען צווישן די שאָף; און צו דער צייט פון אַהיים טרייבן די שאָף, איז די קאָזע אָנגעקומען פון אַ זייטיק ווינקל און זיך אויסגעמישט מיט די שאָף.

אויף מאָרגן איז דעם בחור איינגעפאַלן אַן עצה: צו נעמען אַ קנויל שטריק, אָנבינדן איין עק זיך ביי דער האַנט און דעם צווייטן ביי דעם פּיסל פון דער קאָזע. אַזוי, אַז ווען די קנויל וועט זיך אינגאַנצן אויסציען, וועט ער זיך מוזן אויפכאַפּן. אַזוי איז טאַקע געווען. איז ער נאָכגעגאַנגען נאָכן שטריק, ביז ער האָט פאַר זיך דערזען אַ נייעם ישוב מיט אומבאַקאַנטע מענטשן. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער געפינט זיך אין ארץ ישראל, האָט ער באַ־שלאָסן דאָרט צו פאַרבלייבן, און געשריבן אַ בריוול צום פאָטער, נאָכצוטאָן זיין איינפאַל מיט דער קנויל און קומען מיטן בני־בית קיין ארץ ישראל. דאָס בריוול האָט דער בחור אַריינגעשטופּט אַביסל טיפער אין אויער פון דער קאָזע. איבערן וועג איז דאָס בריוול נאָך טיפער אַריין אין אויער. אַזוי, אַז די קאָזע האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ דער דאָרפס־ייד האָט ביי אַ שוחט געשחטן די קאָזע און געפונען דאָס בריוול אין אויער. האָט זיך דער דאָרפס-ייד קוים דערוואוסט וואו זיין בחור געפינט זיך. אָבער שוין נישט דעם וועג קיין ארץ ישראל. נאָך דעם דערציילן די מעשה, האָט דער רבי פון לובלין אויסגע־פירט: „דעם זון האָט מען באַדאַרפן אין ארץ־ישראל, אָבער, אַן דעם טאַטן איז מען זיך באַגאַנגען״.

מיין שווער, ר׳ ישראל צבי שו״ב צימערמאַן פון שעברעשין, האָט מיר צוגעגעבן, אַז אים האָט דערציילט הרה״ג ר׳ נחום פּאַלאַסט, דער בילגאָרייער רב ז״ל, וואָס הרה״ג הקדוש ר׳ יעקב לייב זללה״ה — קאָוולער רב, זון פונעם אַלטן נעסכיזשער רב, און תלמיד פונעם רבי ר׳ ברוך, און שווער פונעם טריס־קער מגיד, דער מחבר פונעם מגן אברהם — האָט אים ביחידות דערציילט,

אַז ווען דער בעש״ט האָט געזען אַז מען דערלאָזט אים נישט פון הימל פאָרן קיין ארץ ישראל אויפן דרך־המלך — טראַקטאָווער וועג — האָט ער אָנגע־הויבן זוכן אונטערוועגן, און זיך דערוואוסט ברוח־הקודש פון דעם נאָענטן וועגל ביי שעברעשין. האָט ער זיך געלאָזט אַהינצו איינער אַליין. דאָרט, אין די אָרדינאַצקע געדיכטע וועלדער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ רויבער, וואָס פלעגט אָנרייצן זיין בייזן הונט אויף די דורכגייער און דערנאָך זיי באַרויבן. ווען דער רויבער האָט אָנגערייצט זיין הונט אויך אויפן בעש״ט, האָט זיך דער הונט געשטעלט פאָרן בעש״ט סלווזשעז. — דאָס מיינט: דער הונט האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און מיט די פעדערשטע זיך געלאַסקעט צום בעש״ט, גלייך ווי ער בעט אים איבער. דער גזלן איז דערפון דערשטוינט געוואָרן און זיך געוואָרפן אויף דער ערד פאָרן בעש״ט אים איבערצובעטן. גלויבנדיק, אַז ער איז אַ הייליקער מאַן. דערווייל האָט דער בעש״ט דערזען אין גזלנס האַנט אַ זעמעלע און דערקענט ברוח-הקודש, אַז עס איז פון פירות ארץ־ישראל.

האָט דער בעש״ט געפרעגט דעם גזלן: „וואו נעמסטו דאָס?״ דער גזלן האָט געענטפערט: „דאָ נישט ווייט אין אַ יידיש שטעטל״. דער בעש״ט האָט אים געפרעגט: „קענסטו מיך פירן אַהין?״ האָט דער גזלן געענטפערט: „איך וועל גיין פאָראויס, און איר זאָלט מיר נאָכגיין, וועט איר באַלד דאָרט זיין. אויפן וועג איז געווען אַ שמאָל ריוויקל און אַ ברעט איז געלעגן איבערן וואַסער פון איין ברעג צום צווייטן. דער גזלן איז זיך גלייך אַדורכגעגאַנגען, אָבער, ווען דער בעש״ט איז אַרויף אויפן ברעטל, איז פון דעם ריוויקל גע־וואָרן דער גרעסטער טייך, און דער בעש״ט איז קוים ניצול געוואָרן מיטן לעבן. דער בעש״ט האָט דערנאָך געזאָגט, אַז עס האָט זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט ביי דעם ריוויקל דער להט החרב המתהפכת, וואָס ווערט דערמאָנט אין בראַ־שית פרשה ג׳ פסוק כ״ד, און ער האָט זיך שוין פון דעמאָלט אָן צוריקגעהאַלטן פון פאָרן קיין ארץ ישראל.

שעברעשינער זקנים האָבן געהאַט בקבלה, אַז אין מיטן יענעם וואַלד איז געווען אַ ליידיקער פלאַץ, וואָס דאָרט האָט זיך קיינמאָל קיין שניי נישט גע־האַלטן, און די שכנישע פויערים האָבן דעם פלאַץ גערופן „זשידאָווסקאַ שקאַלאַ״. (יידישע שול) אויך — אַז אויף אַלטע גראָבעביימער איז געווען אויסגעקריצט: „כאן סיימנו מסכת ברכות, כאן סיימנו מסכת שבת״ א. א. וו. — דאָ האָבן מיר געענדיקט לערנען די מסכת ברכות, שבת א. א. וו. — די אגדהשע קבלה זאָגט, אַז דאָס האָבן אויסגעקריצט אַן אָפּטיילונג פון די אַרויס־געטריבענע שפּאַנישע יידן אין יאָר: ה׳ אלפים רנ״ב, וואָס האָבן זיך דער־שלאָגן קיין פוילן, און דאָרט געגרינדעט די תשע קהלות, וואָס שעברעשין איז איינע פון זיי. צווישן די גולים האָבן זיך געפונען גרויסע מקובלים. האָבן זיי

אין איינע פון די טיפע לאַנגע היילן און קעלערס, וואָס געפינען זיך אין יענעם וואַלד, זיך באַנוצט מיט שמות־הקודש און אויסגעפלאַסטערט איר וועג מיטן שם־הקודש פון קפיצת הדרך. אזוי, אַז דער וואָס איז זוכה, קען דורך דער הייל גיך און גרינג קומען קיין ארץ ישראל. השי״ת זאָל אונז העלפן דערלעבן צו זען במהרה בימינו קיבוץ־גליות ישראל, לארץ ישראל בנחמת ציון וירושלים, אמן.

## סיפור נומער 14

המנוח ר׳ מנחם וואַלאַך פון סקאַלאַט ביי טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, הי״ד, האָט מיר איבערגעגעבן אין נאָמען פון זיין פאָטער, ר׳ משה לייב ע״ה, וואָס האשה הצדיקת מ׳ גיטעלע, (די מוטער פון די צוויי צדיקים: ר׳ לוי פון אָזשערנע און ר׳ דוד ראַדאַכאָוו—בראָד) אַ טאָכטער פון ריזשינער זללה״ה, (חסידים האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ בעלת־מוח פון מדריגות והשגות. זי איז אַמאָל געווען אום סוכות ביי איר ברודער ר׳ דוד משה זללה״ה אין טשאָרטקאָוו און גע־בענטשט ליכט אין סוכה. דערנאָך האָט זי זיך געקלאָגט פאַרן ברודער, אַז זי האָט נישט געפילט קיין טעם פון סוכה. האָט דער טשאָרטקאָווער זללה״ה געהייסן נאָכזוכן, האָט מען דערזען, אַז דער פליגל — וואַכליער, אַ דאַך איבער דער סוכה — איז געווען צוגעמאַכט.) האָט אים געזאָגט: דער בעש״ט זללה״ה האָט אַמאָל מחיה מתים געווען. עס איז געווען אין אַ שטאָט אַ תלמיד־חכם אַן עושר און אַ גרויסער מתנגד, וואָס האָט געהאַט אַ בת־יחידה. מיט אַמאָל איז זי קראַנק געוואָרן. דאָקטוירים האָבן איר נישט געקענט העלפן. זיינס אַ פריינט פון דער אייגענער שטאָט, וואָס איז שוין געווען אַ מקורב צום בעש״ט, האָט אים געראָטן צו פאָרן צום בעש״ט, אָדער גאָר ברענגען דעם בעש״ט צו דער חולנית אַהער. דער עושר, אַלס מתנגד, האָט דערפון נישט געוואָלט הערן.

דער בת־יחידה איז פון טאָג צו טאָג ערגער געוואָרן. האָט זיין ווייב — די מוטער פון דער בת יחידה — מיט געוויין געווירקט אויף אים, ער זאָל שיקן זיין פריינט מיט אַ קוויטל און אַ פדיון צום בעש״ט, און אויב דער בעש״ט וועט דווקא וועלן אַליין קומען אָנקוקן די חולנית, וועט דער מתנגד אויך אים לאָזן איינשטיין אין זיין הויז אויף זיינע הוצאות. ווען דער פריינט איז געקומען צום בעש״ט, האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז ער וויל אָנקוקן די חולנית, און איז גלייך מיטגעפאָרן מיטן פריינט. אריינקומענדיק אין הויז פונעם עושר, האָבן זיי שוין געטראָפן די בת יחידה ליגנדיק אויף דער ערד צוגעדעקט, אַלס אָפּגעשטאָרבענע. פיל מענטשן האָבן זיך געפונען אין הויז צו ראַטעווען די פאָטער און מוטער פון חלשות. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן בעש״ט מיטן פריינט. האָט דער בעש״ט אויפגעדעקט די בת־יחידה און איר געזאָגט הויך: „דו! ביסט דאָך אַ יידישע טאָכטער, און מחוייב אין דער

מצוה פון הכנסת־אורחים, הויב זשע זיך אויף און גרייט צו פאַר אונז אַ סעודה!״ די בת יחידה האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און צוגעגרייט אָנבייסן. האָט דאָך דער בעש״ט מחיה מתים געווען.

דער זיידע ר׳ בעריש — דער רבי ר׳ בער — האָט זיך מיישב געווען: (נאָכדעם ווי דער בעש״ט האָט שוין מפרסם געווען מיט זיינע וואונדערלעכע מופתים, אַז השי״ת איז משגיח אויף יידן בפרטי פרטי־פּרטיות און אַריינגע־ברענגט אין יידישע הערצער די אמתע אמונה, אַז השי״ת איז אַ כל יכול.): נאָך וואָס דאַרף מען שטאַרבן און דערנאָך לעבעדיק ווערן, גלייכער צו פאַר־היטן מען זאָל נישט שטאַרבן.

דעם זיידנס אַ חסיד אַ קרעטשמער איז געקומען צום זיידן זיך פאַרקלאָגן, אַז מען האָט אים אויסגעדונגען די קרעטשמע, און ער איז געבליבן אָן פרנסה. האָט דער זיידע אַרויסגענומען אַ זילבערנע מטבע פון קעשענע און געגעבן דעם חסיד, און אים גלייך אָפּגעזעגנט. דער חסיד איז אַרויס אויפן מאַרק און אָנגעטראָפן אַ פויער פאַרנדיק אַהיים פון דער שטאָט. דער חסיד האָט גע־פרעגט דעם פויער, וויפל ער וויל פאָרן אויפנעמען אים אויף זיין פיר. ווען דער פויער האָט אים אָנגעבאָטן די זעלבע סומע, ווי די מטבע וואָס דער זיידע האָט אים געגעבן, איז ער, אַלס מאמין, גלייך ארויף אויפן פויערס פור. אין וועג האָט דער חסיד דערזען שטיין אַן אומבאַוואוינטע קרעטשמע און גע־פרעגט אויף דער סיבה. דער פויער האָט אים דערציילט, אַז עטלעכע קרעטש־מערס זענען שוין אַנטלאָפן־פון דער קרעטשמע, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז עס האַלטן זיך אין איר נישט גוטע. (שדים.) האָט אים דער חסיד געזאָגט: אַז ער וויל זי דינגען. דער פויער, וואָס האָט געוואוינט נאָענט פון דער ליידיקער קרעטשמע, איז שטאַרק אינטערעסירט געווען, די קרעטשמע זאָל באַוואוינט ווערן. האָט ער דעם חסיד געענטפערט: אויב אַזוי, פיר איך דיך צו גלייך צום פריץ, נאָר האָב שכל צו דינגען זי אויף גוטע באַדינגונגען. דער פריץ וועט דיר אַלץ נאָכגעבן. ער האָט אייגענע גוראַלנעס — בראָנפן־פאַבריקן — און איז אינטערעסירט אויסצופאַרקויפן זיין בראָנפן.

דעם ערשטן באַדינג האָט דער פריץ געשטעלט, אַז דער חסיד זאָל גלייך ברענגען זיין בני בית און זיך אריינציען אין דער קרעטשמע אַריין. צו זיין זיכערער, אַז ער וועט נישט אַנטלויפן. באַלד דעם זעלבן טאָג, האָט דער פריץ געשיקט זיינע פאַרבקעס מיט זיינע פורן צו ברענגען דעם חסידס בני בית, און אים אַריינגעשטעלט אַ גרויסן קוואַנטום בראָנפן אויף באָרג, און אים געגעבן אַ לאַנג-טערמיניקן קאָנטראַקט אויף דער קרעטשמע: די ערשטע פינף יאָר אינגאַנצן פריי, אָן ראַטע (אָפּצאָל). דעם חסיד איז אָנגעקומען אַזאַ שפע פון פדיום, אַז באַלד די ערשטע וואָך האָט ער פאַרקויפט דעם גאַנצן בראָנפן. האָט ער אָפּגעצאָלט דעם פריץ, און גענומען אַ גרעסערן קוואַנטום,

און אזוי געפירט זיך כסדר, ביז עס איז אריבער דריי חדשים. דער חסיד מיטן בני־בית זענען אזוי געווען פארנומען מיטן פדיום, אז דער חסיד האט זיך נישט געקענט אפרייסן צו פארן צום זיידן, אים מודיע צו זיין: ווי זיין מטבע האט געהאט הצלחה און זיין ברכה האט עושה פירות געווען.

וואס מער דער פדיום האט זיך געשטארקט, האט דער חסיד מער נושא-חן געווען ביי דעם פריץ. ביז דער לעצטער האט אים געזאגט: מיין בראנפן פארקויפסטו מיר, אבער מיט מיין ברוי — די פסולת פונם מאלץ, וואס פון אים ציט מען בראנפן — ווייס איך נישט וואו אהין צו טאן. וויל איך דיר מיט־געבן א גרויסע סומע געלד, און פאר קיין יארמיליניץ אויפן יאריד, — וואס פלעגט זיך ציען אכט טעג — און קויף איין פאר מיר עטלעכע הונדערט אקסן, צו שטעלן זיי אויף דער ברוי צו פאסען צום פעט ווערן. איך וועל מיטשיקן מיינע פארבקעס מיט דיר, אהיים צו ברענגען די אקסן. דער חסיד האט געבעטן ביי דעם פריץ, ער זאל אים באזונדער געבן א גרינג וועגעלע מיט גוטע פערד, ווייל ער וויל פארן פארויס אליין, כדי וואס פריער אנקומען קיין יארמיליניץ, און קענען איינקויפן גוטע אקסן פאר א וועלוועלערער פרייז.

ביי דעם פריץ איז געווען א זשאנצע — אן אנפירער פונעם גוט — א שונא ישראל. באזונדער האט ער געהאט קנאה אין דעם חסיד פארן גרויסן נשיאות חן, וואס דער חסיד האט געהאט ביי דעם פריץ. דער לעצטער האט געמאכט דעם חסיד פאר א פארמיטלער — מעקלער — אין אלע הויפישע געשעפטן. דער זשאנצע האט אויסגערעכנט דעם וועג, וואס דער חסיד וועט ארויספארן פונעם דארף דורך אים קיין יארמיליניץ, און געדונגען זיינעם א פארטרויאונגס־מאן, א הויפישן קאוואל, באצאלט אים פארויס דרייסיק רובל און אנגעזאגט, אז ווען דער חסיד וועט ארייפארן אין ערשטן וועלדל נאענט פונעם דארף, זאל ער אים הרגענען און באגראבן אין געהיים.

דער זיידע האט דאס ברוח־הקודש מרגיש געווען און אריינגעשיקט דעם חסיד א געדאנק: ארויספארנדיק פונעם דארף אויסצודרייען זיך אויף א צווייטן וועג און פארן צום זיידן. דער זיידע האט זיך אפגעשלאסן און פארזאגט די גבאים קיינעם נישט ארייצולאזן, און אפילו נישט אננעמען ביי קיינעם קיין קוויטל — אריינצוברענגען אונטער יענעמס אויגן. — דער חסיד האט גע־מוזטווארטן ביז דער זיידע וועט עפענען די טיר. דער געדראנג פונעם אנ־געזאמלטן ווארטנדיקן עולם איז געווען זייער גרויס, ווען דער זיידע האט געהייסן עפענען די טיר. דער חסיד האט זיך קוים צוגעשטופט, און אלץ דער־ציילט דעם זיידן. האט ער זיך פארקלאגט, אז ער האט מורא: טאמער צוליב דעם ווארטן ביי דעם רבין וועט ער אנקומען קיין יארמיליניץ אין די לעצטע טעג פונעם יאריד. וועט ער שוין נישט טרעפן קיין גוטע אקסן, און נאך דארפן צאלן א טייערע פרייז. און דאס וועט געבן פיל שטאף דעם שונא ישראל,

דעם זשאַנצע, מלשין צו זיין אויף אים פאַרן פריץ. אָבער דער זיידע האָט אים באַרואיקט און געזאָגט: אזוי ווי דו האָסט פאַרשפעטיקט, אזוי האָט איין אָקסן־סוחר אויך פאַרשפעטיקט. די גרויסע אָקסן־סוחרים, זענען זיך שוין צעפאָרן יעדערער אַהיים, און דו וועסט זיין איין אויפקויפער, וועסטו, ממילא, באַקומען גוטע אָקסן פאַר דער וועלוולסטער פרייז. וואָס שייך צום שונא־ישראל, דעם זשאַנצע, וועסטו אינגיכן פון אים פטור ווערן און דערלעבן צו זען אין אים אַ נקמה.

אין יאַרמילינינץ איז אַלץ מקויים געוואָרן, ווי דער זיידע האָט געזאָגט. אָבער אין דאָרף האָט דער זשאַנצע, זייענדיק ביי זיך זיכער אַז דער ייד איז טויט, (דער קאָוואַל האָט אים אָפּגענאַרט: נישט וועלנדיק צוריקגעבן די דרייסיק קערבלעך), האָט מלשין געווען ביי דעם פריץ, אַז דאָס וואָס דער ייד פאַרזוימט זיך, כאָטש ער איז אַרויסגעפאָרן אין פאַרויס, איז — ווייל מיט אַ גרעסערער סומע געלד האָט זיך אים געלוינט צו אַנטלויפן. און דאָס איז אויך די סיבה, וואָס ער האָט געוואָלט פאָרן איינער אַליין באַזונדער. דער רשע האָט גערעדט דעם פריץ צו לאָזן אַרעסטירן די בני־בית פונעם חסיד, וואָס ווייסן געוויס וואוהין ער איז אַנטלאָפן. דער פריץ איז געוואָרן פאַרצווייפלט, אָבער, זיך איינגעהאַלטן צוליב זיין גרויסן צוטרוי צום חסיד.

ווען מיט עטלעכע טעג שפעטער איז דער חסיד אָנגעקומען מיט דער גרויסער מציאה גוטע אָקסן פאַר אַ וואָלוועלער פרייז, האָט דער פריץ צונויפגערופן אַלע זיינע באַדינער און פאַר זיי אין די אויגן אויסגעמוסרט דעם זשאַנצע: פאַר זיין העזה מלשין צו זיין אויף אַן ערלעכן ייד. דעמאָלט האָט זיך דער קאָוואַל דערשראָקן — אַהיימגעלאָפן, געבראַנגט די דרייסיק קערבלעך צום פריץ און דערציילט, אַז דאָס האָט ער באַקומען פונעם זשאַנצע פאַר טויטן דעם ייד. דער פריץ האָט דורכגעפירט אַ געריכט אויפן זשאַנצע און מען האָט אים געהאַנגען, און דער חסיד האָט נאָך מער נושא־חן געווען ביי דעם פריץ. אויף דעם זשאַנצע וועט געזאָגט ווערן: כן יאבדו כל אויבך ד׳.

## סיפור נומער 15

די מעשה וואָס איך דערצייל איצט, האָב איך באמת געזען געדרוקט אויף יידיש נאָך אין די קינדער יאָרן. נאָר, ווייל עס איז מעגלעך, אַז אין דער ביטערער צווייטער וועלט־מלחמה איז זי פאַרלוירן געגאַנגען, דערצייל איך זי דאָ איבער נאָך אַמאָל. ווי איך געדענק, זענען דעמאָלט געווען אפילו פיל גלוביקע יידן, וואָס האָבן געצווייפלט אין איר, ווייל קיינער איז ניט געווען קיין ערב פאַר איר פאַקטישן אמת. אָבער, מיר האָט זי איבערגעגעבן הרב הגדול ר׳ שמחה גאָלדבערג ע״ה, אבד״ק שעברעשין פאַר זיין פטירה צוליב אַ טובה וואָס איך האָב אים געטאָן. און געזאָגט האָט ער מיר

בזה הלשון: איך גיב דיר איבער אַ מתנה טובה, וואָס איך האָב זי באַקומען אויך אַלס אַ מתנה פונעם גרויסן גאון און צדיק ר׳ צדוק הכהן פון לובלין זללה״ה פאַר אַ טובה, וואָס איך האָב אים געטאָן. ביים איבערגעבן האָט אים ר׳ צדוק הכהן זללה״ה געזאָגט: איך האָב געהערט די מעשה אין מיין יוגנט פון אַ ייד אַ זקן אַ בן תשעים, וואָס אים האָט זי דערציילט הרב חיד״א — ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי זללל״ה. — הרב חיד״א זללה״ה האָט געזאָגט דעם זקן, אַז דער אור־החיים הקדוש האָט עס אים אַליין דערציילט בפיו הקדוש. (הרב חיד״א שרייבט אין זיין ספר שם־הגדולים, אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין אַ תלמיד פונעם אור־החיים הקדוש אין זיין ישיבה הנגלית אין אַ משך פון פופצן יאָר.) מיינט עס, אַז דער סיפור גייט איבער בקבלה איש מפי איש, און איך בין דער זעקסטער דערציילער. דעריבער האָב איך געפונען פאַר נויטיק זי אויפצושרייבן אויך צוליב דעם.

אָט, איז דער סיפור. דער סולטאַן פונעם אור החיימס מדינה איז געווען אַ הויך געלערנטער מאַן און אויך אַ בקי אין שטערנזעעריי. האָט ער אַמאָל באַפוילן אַדורכצוקוקן אַלע מעטריקאַלע ביכער פון זיין מדינה און אויסגעפינען: ווער פון זיינע אונטערטאַנען איז געבוירן געוואָרן אין דער זעלבער שעה ווי ער. נאָכן אויסגעפינען, אַז ר׳ חיים בן עטר איז אַ געבוירענער אין איין מזל מיטן קעניג, איז דער סולטאַן אין געהיים געקומען אין אור החיימס אָרעמער דירה און געפרעגט אויפן אור החיים. זיין בני־בית האָבן גלייך געשיקט רופן דעם אור־החיים פון בית־המדרש. דער אור־החיים האָט אַהיימקומענדיק גלייך געמאַכט די ברכה: „ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם״, ווייל ער האָט מרגיש געווען ברוח־הקודש, אַז פאַר אים שטייט דער קעניג, דער סולטאַן.

אנערקענענדיק, אַז דער אור-החיים איז אַ הייליקער מאַן, וואָס מען קען זיך פאַר אים נישט פאַרבאַהאַלטן, האָט דער סולטאַן געפרעגט: „ווי קומט עס? — מירביידע זענען געבוירן אין דער זעלבער שעה, אינעם אייגענעם מזל, און איך בין דער גליקלעכער סולטאַן און איר זענט אַזוי אָרים?״. האָט אים דער אור־החיים געענטפערט: „איך בין, ברוך השם, רייך אין חכמת־התורה. איין מופת האָט דאָך שוין אדוני המלך, דער סולטאַן, געזען. שיקט קויפן צוויי קליינע שפיגעלעך, וועל איך אייך ווייזן עפּעס וואונדערלעכס״. דער אור־החיים האָט געהייסן דעם סולטאַן אריינקוקן אין שפיגעלע און געפרעגט: „וואָס זעט דאָרט דער סולטאַן?״ — „איך זע דעם וועלט־שאַר״. (די מאַפּע פון דער גאַנצער וועלט) — האָט געענטפערט דער סולטאַן. „קלויבט אויס און קוקט נאָר אויפן טייל פון אַזיע, נאָכדעם נאָר אויף אייער מדינה, איצט נאָר אויף אייער רעזידענץ-שטאָט, אַצינד נאָר אויף אייער קייזערלעכן פּאַלאַץ, איצט נאָר אויף אייער שלאָף-צימער״ — זאָגט אים דער אור־החיים.

צו זיין דערשטוינונג האט דער סולטאן דערזען, ווי די קעניגן ליגט אין בעט, און איינער פון זיינע גרויסע מיניסטארן שטייט נעבן איר. ער האט אויך גע־הערט די אומאנשטענדיקע רייד, וואס דער מיניסטער רעדט מיט דער קעניגן, איר איינצורעדן זי זאל באשטיין מיט אים צו זינדיקן. דער סולטאן האט אן אויפגערעגטער דאס דערציילט דעם אור־החיים. דער לעצטער פרעגט אים: וואס פאר א שטראף קומט דעם מיניסטער פאר דעם" — „טויט־שטראף אלס מורד במלכות" — ענטפערט דער סולטאן.

זאגט אים דער אור־החיים: זאל דער סולטאן נעמען זיין רעוואלווער און צילן גוט, גלייך צום מיניסטער, אזוי עס זאל נאר אים אליין טויטן". דער סולטאן האט אויסגעשאסן. דאס שפיגעלע איז זיך צעפלויגן אויף קליינע פי־צעלעך צעבראכענע גלאז. דער אור־החיים האט תיכף דערלאנגט דעם סולטאן דאס צווייטע שפיגעלע. דארט האט ער געזען, ווי דער מיניסטער ליגט א טוי־טער אויף דער ערד, און די קעניגן אן איבערגעשראקענע שאפט מיט אירע באדינער צו באגראבן דעם מיניסטער אין געהיים אינעם טיפן זאמד פונעם סולטאנס ווינקעלער.

נאכדעם זאגט דער אור־החיים צום סולטאן: „איצט וועט פון דעם ארויס־קומען אן עלילת־דם — בלוט־בילבול — אויף די יידן, אז זיי האבן אים געהרגעט צו נוצן זיין בלוט צו די פסחדיקע מצות. (ווי דער שטייגער פון מיטל־אלטער.) די גייסטלעכע שונאי־ישראל וועלן שוין פאר געלט און אויך פאר צוגעזאגטער עולם־הבא זעען ארויסצוגעפינען עדות, וואס איינער האט (נישט) געהערט, דער צווייטער האט (נישט) געזען, ווי יידן האבן אים דערהרגעט. זאל דער סולטאן לאזן אדורכפירן אן עפנטלעך געריכט. און איידער דער סולטאן וועט אונטערשרייבן דעם געריכטלעכן פסק־דין, וואס וועט זיכער נישט זיין צום גוטן פאר יידן, זאל דער סולטאן מאכן א גרויסן מלוכה־באל — א סעודה — און פארבעטן די גרעסטע שרי־מלוכה. אויך די באשולדיקער: די גייסט־לעכע שונאי־ישראל, דאס געריכט מיט די עדות זאל ער אויך פארבעטן, און ווארטן אויף מיר מיט דער סעודה".

דער אור־החיים איז אנגעקומען צו דער רגע. דער סולטאן האט אים גלייך פארבעטן צו זעצן זיך נעבן אים. ער האט זיך געוואשן די הענט צו נטילת־ידים כדת, ארויסגענומען פון זיין טארבעלע א דאר שטיקל ברויט און געמאכט ברכת־המוציא. דעמאלט האט זיך אויפגעשטעלט א שונא ישראל, איינער פון די באשולדיקער אויפן עלילת־דם פראצעס, און מלשין געווען אויפן גאנצן כלל ישראל מיט המן הרשעס מסירה, ימח שמו, וואס שטייט אין גמרא מגילה י"ג, ב׳: „אז ווען עס פאלט אריין א פליג אין א יידישן בעכער ווייַן, מיאוסט ער זיך נישט, ווארפט ארויס די פליג און טרינקט אויס דעם וויין. אבער זאל דער סולטאן אנרירן דעם בעכער וויין, וועט ער אים אויסגיסן אין

מיסט אַריין. מיינט עס דאָך, אַז אַלע יידן זענען מורדים במלכות״. דער אור-החיים הקדוש האָט אָפּגעענטפערט: „מיר יידן זענען טרייע בירגער. מיר זענען געבאָטן געוואָרן על פי התורה: ירא את ד׳, בני, ומלך — האָב פורכט, מיין קינד, פאַר גאָט און פאַרן קעניג. אַזוי שטייט אין משלי. ירמיה הנביא האָט געשריבן צו די יידן קיין בבל: „דרשו את שלום העיר וגו׳.״ בעט גאָט פאַרן פרידן פון דער רעגירונג. דאָס זעלבע האָבן אונדז פאַרזאָגט חז״ל אין מסכת אבות: „הוי מתפלל בשלומה של מלכות״. אָבער די זעלבע תורה האָט אונז פאַרזאָגט צו זיין אָפּגעזונדערט פון די אומות מיט ברויט און ווייַן, כדי נישט צו קומען אין גלות צו אַסימילאַציע. אָט האָט איר אַ סימן. יאָל דער סולטאַן, ירום הודו, באַווייַזן אַראָפּצוגיין אין ווינקעלער מיט אַלע געסט און עדות און זען מיט זייערע אויגן, ווי איך וועל פאַר זיך אויסקלויבן אַ פלעשל וויין.

דער סולטאַן, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען דעם אור־החיימס כוונה, האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און מיטגעגאַנגען מיטן אור החיים. נישט ווילנדיק האָבן שוין אויך געמוזט מיטגיין אַלע געסט. ווען דער אור־החיים איז אַראָפּגעקומען אין קעלער אַריין, האָט ער הויך געזאָגט: איך פיל דאָ אַ ריח פון אַ טויטן מענטשלעכן קערפּער. דער סולטאַן האָט אויך געזאָגט, אַז עס פילט זיך און געהייסן זוכן אין טיפן זאַמד. באַלד האָט מען געפונען דעם טויטן קערפּער פונעם מיניסטער, וואָס אַלע האָבן דערקענט. אויפן אָרט האָט דער סולטאַן באַשטראָפט די פאַלשע עדות און זייערע אָנרעדערס מיט הרגענען און דער בלוט־בילבול איז בטל געוואָרן צום גליק פון אַלע יידן.

שפּעטער מיט אַ צייט, ווען דער אור-החיים האָט זיך איבערגעצויגן קיין ארץ-ישראל, איז ער דאָרט אויסגעקליבן געוואָרן אַלס שד״ר (דאָס וואָרט „שד״ר״ לייגט זיך אויס אַלס נוטריקון „שליחא דרבנן״, אָדער שליחא דרחמנא, און מיינט: אַ שליח פון אַלע ישיבות און נויטבאַדערפטיקע אין ארץ ישראל קיין חוצה לארץ.) צוזאַמענצוקלויבן פאַר זיי נדבות אין חוץ-לארץ. אין וועג האָט ער פאַרבלאָנדזשעט ביז צום טייך סמבטיון. (וואָס ווערט דערמאָנט אין סנהדרין ס״ה, ב׳, אויך אין מדרש רבה בראשית פרשה י״א, אַז זיין וואַסער שטראָמט ,שטאַרק זידנדיק אַ גאַנצע וואָך און וואַרפט פון זיך אַרויס שטיינער און זאַמד. אָבער פרייטאָג נאָך צוועלף בייטאָג טריקנט ער אויס ביז איבער שבת.) פרייטאָג בייטאָג נאָך צוועלף איז ער אַריבער אויף יענער זייט אין אַ וואַלד אַריין און דערזען פון ווייטנס אַ מענטש, אַ ריז מיט אַ האַק אין האַנט. איז ער אַרויף אויף אַ בוים און זיך באַהאַלטן צווישן די צווייגן און בלעטער. דער ריז איז צוגעקומען, אָפּגעהאַקט טרוקענע צווייגן און צעהאַקט אויף העלצלעך. דער אור-החיים האָט דערהערט, ווי דער ריז זאָגט ביי יעדן האַק: „לכבוד שבת קודש״. האָט ער זיך באַרואיקט און איז

אראָפּ פונעם בוים און צוגעגאנגען צום ריז. דער לעצטער האָט אים פריינטלעך געגעבן „שלום-עליכם", און אים אריינגעשטעלט אין זיינס אַ קעשענע, און פאַרנומען דאָס אָנגעהאַקטע האָלץ מיט דער האַק אויף די פּלייצעס, און שטעלנ־דיק ריזיקע גיכע, ברייטע שפּרייז איז ער באַלד געווען ביי זיך אין דער היים. דאָרט האָט ער ארויסגענומען דעם אור־החיים פון קעשענע און אים אויפגענומען ווי אַן אַנגעלייגטן גאַסט.

צו קבלת־שבת האָט דער ריז מיטגענומען דעם אורח אין שול אריין. די שול איז געווען געבויט מיט אַזאַ קדושה, אַז יעדערער פון די מת־פּללים האָט נאָר געקענט צוגיין ביז דעם אָרט, וואָס ער איז געווען ראוי לויט זיין זכות און קדושה. איינצלנע זיינען געבליבן שטיין אין פּאָדערהויז. העכערע אין צדקות האָבן געהאַט די זכיה אַריינצוגיין אין שול אַריין. נאָך העכערע האָבן געקענט ארויפגיין אויפן באַלעמער, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שול. ממילא, האָבן זיי געהאַט אַ זכות עולה־תורה צו זיין. איינציקע יחידי־סגולה האָבן געקענט צוגיין צו דער ארון־קודש וואַנט. דער חכם (רב) איז געווען דער גרעסטער הייליקער פון זיי, וואָס האָט געקענט ארויפגיין אויף די טרעפּ־לעך צום ארון־קודש צו, ארויסנעמען די ספרי־תורות און צוריק זיי אריינ־שטעלן. (הוצאה-והכנסה.) אונדזער מכניס־אורח, דער ריז איז געווען דער שמש פון דער שול, און געהאַט די זכיה ארויפצוגיין אויפן באַלעמער און זיין דער בעל קורא. אָבער אונדזער אורח, דער אור־החיים, איז גלייך ארויף צו דער ארון-קודש וואַנט. דערפון האָט מען זיך באַלד דערוואוסט, אַז ער איז אַן אדם קדוש. האָט אים דער חכם נאָכן דאַוונען פאַרבעטן צו זיך אויף שבת. אָבער, דער שמש האָט געטענהט, אַז דער אורח געהערט צו אים, ווייל ער האָט אים געפונען אין וואַלד און געברענגט אַהיים. איז געבליבן, אַז דער אורח זאָל עסן צוויי סעודות ביי דעם מכניס־אורח, און צו שלש סעודות זאָל דער שמש מיטברענגען מיט זיך דעם אורח צום חכם.

אינמיטן שלש סעודות האָט זיך דער חכם פאַרטיפט אין זיינע הייליקע מחשבות. נאָכדעם האָט ער הויך געזאָגט אַ פּסוק פון דער סדרה, וואָס מען האָט געלייענט יענע וואָך, און אויסגעפירט: „איך האָב איצט געהערט אין דער ישיבה־של־מעלה נאָכזאָגן אַ פּירוש אויף דעם פּסוק אין נאָמען פון אַ חכם ר' חיים בן עטר". נאָכזאָגנדיק דעם פּירוש האָט זיך אונדזער אורח אָנ־גערופן: „דער מפרש האָט געהאַט אַ טיפערע כוונה אין זיין פּירוש." דער חכם האָט זיך ווידער פאַרטיפט און פאַרטראַכט און געזאָגט: „איצט האָב איך געהערט אין דער ישיבה־של-מעלה די טיפערע כוונה פונם מפרש", און האָט זי נאָכגעזאָגט. דער אורח האָט אָבער געענטפערט: „נאָך טיפער איז געווען די כוונה פונם מפרש". דער חכם האָט זיך ווידער פאַרטראַכט און זיך אָנגענומען ביי דער באָרד און געזאָגט: „נישט אַנדערש, נאָר איר אַליין

זענט ר׳ חיים בן עטר, ווייל אין ישיבה של מעלה האט מען מיר געהייסן איבערפרעגן ר׳ חיימן אליין זיינע כוונות אין סתרי־תורה פון זיין פירוש. דעמאלט האט זיך דער אור־החיים אנטפלעקט פאר אים. געווען איז דער אור־החיים ביי אים ביז פרייטאג. צוועלף בייטאג האט דער חכם באפוילן אריבערצושטעלן דעם אור-החיים אויף אונדזער זייט סמבטיון און צופירן צו א יישוב.

חסידים דערציילן: ווען ר׳ גרשון קיטיווער זלהה״ה איז מיט דער הסכמה פון זיין שוואגער, דער בעש״ט זללה״ה, געפארן קיין ארץ ישראל, האט אים דער בעש״ט מגלה געווען, אז דער אור-החיים האט א באזונדערע געהיימע ישיבה, וואו ער לערנט דארט נסתר מיט זיינע גדולי התלמידים, און פארזאגט ר׳ גרשונען ער זאל שטרעבן צו זיין דארט פון די תלמידים. קומענ־דיק צום אור־החיים האט ר׳ גרשון חוקר ודורש געווען, ביז ער איז געוואר געווארן ווער עס איז דער שמש פון דער ישיבת-הנסתר, און אים געבעטן וועגן דעם. האט אים דעם שמש געגעבן אן עצה: ווען דער רבי — דער אור־החיים — קומט פרייטאג צוריק פון טבילת מקוה לכבוד שבת, זאל ר׳ גרשון זיין דער זריז, אים אנטקעגנלויפן מיט א כלי וואסער און אים וואשן די הענט. און אויב דער רבי וועט זיך לאזן פון אים וואשן, וועט ר׳ גרשון שוין זיכער זיין פון די תלמידי-ישיבת-הנסתר. נאכן וואשן האט דער אור־החיים געזאגט ר׳ גרשונען: „עס שטייט אין אבות פרק א׳, משנה י״ג „ודאישתמש בתגא חלף״, טייטש רבינו עובדיה מברטנורה, אז דאסווארט „בתגא״ איז נוטריקון „בתלמיד גברא אחרינא״.—דער וואס לאזט זיך באדינען פון א צווייטן תלמיד־חכמס א תלמיד, איצט האט מען מיר פון הימל מודיע געווען, אז איר זענט דער גאון ר׳ גרשון קיטיווער, דעם בעש״טס א שוואגער און אויך זיינס א תלמיד מובהק, האט מען אויף מיר תרעומות, פארוואס איך האב זיך געלאזט פון אייך באדינען. האב איך נאר איין עצה: „איך פארבעט אייך פאר א תלמיד אין מיין ישיבת־הנסתר, וועל איך האבן א היתר פאר מיין השתמשות מיט אייך״. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

## סיפור נומער 16

דער ערשטער הוסיאטינער רבי, ר׳ מרדכי שרגא זללה״ה (א זון פון ריזשינער זללה״ה) האט דערציילט: אין בערדיטשעוו איז געווען א ייד מיטן נאמען ר׳ מאיר מלמד, א בעל־השגות ורוח־הקודש. מיט אמאל האט מען אים מגלה געווען מן השמים, אז ער דארף זיך זוכן א רבין איינעם פון די צדיקים נגליים, תלמידי הבעש״ט זללה״ה. דעמאלט איז פונקט נתגלה געווארן ר׳ פינחס קאריצער זללה״ה. איז ר׳ מאיר געגאנגען צופוס קיין קארעץ. ביי דעם קבלת-שלום האט אים ר׳ פינחס געזאגט: „ר׳ מאיר! איך וואלט אייך גע-

שטעלט כיבוד, ווייס איך אָבער אייער סוד, אַז איר פּאַסט הפסקות משבת לשבת. דעריבער, בין איך אייך נישט מכבד, כדי עס זאָל נישט הייסן קיין גניבת־דעת״. ר׳ מאיר האָט זיך נישט געמאַכט דערפון און איז צוריקגעגאַנגען אין זיין אכסניא.

צומאָרגנס, אַז ר׳ מאיר איז געקומען דאַוונען אין ר׳ פּינחסעס קלויז, האָט ר׳ פּינחס אים געזאָגט: „ר׳ מאיר! איך קען אייך זאָגן וואָס פאַר אַ חלום איר האָט געהאַט די נאַכט. איר האָט געהאַט גילוי־אליהו ז״ל. איך קען אייך אויך איבערזאָגן, וואָס אליהו ז״ל האָט אייך געזאָגט״. ר׳ מאיר איז דערפון אויך נישט נתפעל געוואָרן. ר׳ פּינחס האָט דאָס מרגיש געווען און זיך שוין ווי מיאש געווען פון צוציען ר׳ מאירן צו זיך פאַר אַ תלמיד. און כאָטש ר׳ מאיר איז געבליבן אין קאָרעץ אויף שבת, האָט אים ר׳ פּינחס פרייטאָג־צונאַכטס, ביי קבלת שבת, אויך דערנאָך ביי דעם טיש שוין נישט גענומען אפילו אויף דער מחשבה.

אָבער שבת אינדערפרי נאָכן דאַוונען איז ר׳ מאיר צוגעגאַנגען צו ר׳ פּינחסן און אים געזאָגט: „גוט שבת, רבי״. האָט אים ר׳ פּינחס איבערגעפרעגט: „אַז איך האָב אייך אָנגערופן ביי דעם נאָמען אומבאַקאַנט און אויך געזאָגט, אַז איך ווייס פון אייער פאַסטן משבת לשבת, האָט עס אייך נישט גענומען. אויף צומאָרגנס האָב איך אייך איבערגעגעבן אייער חלום פון גילוי-אליהו ז״ל, האָט איר זיך גאָר נישט געמאַכט דערפון; וואָס זשע האָט איר היינט דערזען אין מיר, וואָס איר רופט מיך „רבי?״ ר׳ מאיר האָט אים בתמימות געענטפערט: „ווייל היינט, ווען דער רבי האָט געזונגען דעם פּיוט „א׳ אדון״, האָב איך געזען אין הימל די מלאכי־השרת, אויך די גאַנצע פמליא־של־מעלה מיטזינגען און צוטאַנצן. דעריבער, רוף איך אייך „רבי״. איך מיין נישט מקבל צו זיין השגות און רוח הקודש, נאָר אַ דרך־אמת אין עבודות ד׳ הטוב״.

מיר האָבן דאָ איבערדערציילט אַ סיפור פונעם ערשטן הוסיאַטינער רבין זצ״ל, גיבן מיר צו, אַז מען האָט אים אַמאָל געוויזן די הרמנא (סמיכת היתר־הוראה), וואָס דער מחבר פונעם „תולדות יעקב יוסף״ האָט באַקומען פונעם גאון „נודע ביהודה״ ז״ל. איז דאָרט געווען געשריבן אַ בפירושער תנאי מיט אַ טעם: דער „תולדות״ זאָל נישט זיין קיין מסדר-גיטין, ווייל ער האָט נישט געענטפערט אויף קיין שום פראַגע אין הלכות גיטין. האָט דער רבי זללה״ה פון הוסיאַטין געזאָגט: „דער תולדות איז געווען אַ מושלם בכל, איז ער אויך געווען אַ גאון אין הלכות גיטין. נאָר, ווייל דער תולדות פלעגט מיט זיינע דיבורים מייחד זיין יחודים, איז אים געווען שווער צו ענטפערן אין הלכות גיטין, וואָס ווייזט אויף אַ פירוד, (אַ צעשיידונג צווישן מאַן און ווייב), און נאָר געענטפערט אין הלכות, וואו ס׳איז אים געווען גרינגער צו מאַכן דעם ייחוד.

## סיפור נומער 17

דער ערשטער שטעפינעשטער רבי, ר׳ נחום זללה״ה, אַ זון פונעם ריזשי־נער זללה״ה, איז אַמאָל אַריינגעקומען אין זיין קלויז און געטראָפן צוויי חסי־דים שמועסן פונעם מאמר: „כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא“ אין משנה סנהדרין, ל״ז, א׳. — ווער עס דערהאַלט ביים לעבן אַ יידיש נפש, איז גלייך ווי ער וואָלט דערהאַלטן ביים לעבן אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן. (ווייל מיר זעען דאָך, אַז פון איינאיינציקן מענטש — אדם הראשון — האָט זיך אַנגעפילט אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן.) האָט זיך ר׳ נחום זללה״ה אָנגערופן: „אָבער נישט מיט קיין בייטשל“. די חסידים האָבן אים געפרעגט: „וואָס מיינט דער רבי דערמיט צו זאָגן?“ האָט ער געענט־פערט: איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה. דער רבי ר׳ משה לייב פון סאַסעוו האָט געהאַט אַ חסיד, וואָס האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע אין אַ דאָרף. ביי דעם חסיד איז, לא עלינו, קראַנק געוואָרן אַ קינד. דאָקטוירים האָבן נישט צו־געטראָפן קיין רפואה. איז ער געלאָפן צום רבין קיין סאַסעוו. דער רבי האָט שטאַרק געקרעכצט און אים געוואונטשן אַ רפואה.

דער חסיד, אַלס גרויסער מאמין, איז אַהיימגעפאָרן אַ צופרידענער. קו־מענדיק אַהיים אין אָוונט, האָט ער געזען אַז דעם קינד איז פיל ערגער. ער האָט זיך, אָבער, געשטאַרקט מיט אמונה און געגלויבט, אַז דעם רבינס ברכה וועט זיכער מקויים ווערן, און דאָס קינד וועט געזונט ווערן. ער האָט אויך געשטאַרקט זיין ווייב און איר איינגערעדט: זי זאָל זיך גיין אָפּרוען, זיך אַביסל איבערשלאָפן און איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין אַכטונג געבן אויפן קינד און איינגעבן צו דער צייט די דאָקטאָרישע מעדיצינען. אָבער זיצנדיק אַליין ביי דעם קינד האָט ער באַמערקט די פאַרערגערונג פון מינוט צו מינוט. האָט ער די רעצעפּטן לגמרי אַוועקגעשטעלט, נאָר אַלע האַלבע שעה איינגע־געבן אַ לעפעלע ריין וואַסער, צו דערהאַלטן דאָס קינד ביי דעם לעבן. כדי צו פאַרטרייבן זיין גרויס עגמת־נפש, האָט ער זיך גענומען אַ גמרא און געלערנט ביי דעם קינדס וויגל.

אַרום צוועלף אַ זייגער בייינאַכט האָט עמיצער אַנגעקלאַפּט אין טיר, אַז ער וויל קויפן בראַנפן. דער חסיד האָט צוליב פאַרביטערונג נישט געוואָלט עפענען. דער בראַנפן־פאַרלאַנגער איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן און שטאַרקער געקלאַפּט. דער חסיד, פון מורא: טאָמער וועט זיך פונעם קלאַפּן אויפכאַפּן זיין ווייב און דערזען די געפערלעכע לאַגע פונעם קינד, האָט גענומען בראַנפן, אַרויסגעטראָגן און זיך גוט אָנגעבייזערט אויף יענעם, וואָס קומט אַזוי שפּעט קויפן, און אויך אין אַזאַ צייט ווען דער קאָפּ איז אים צעמישט פונעם קינדס שלאַפקייט. דער בראַנפן־קויפער, אַ רייטנדיקער אויף אַ פערד, האָט אים גע־פרעגט: „וואָס ביסטו אַזוי צערודערט, אויף וואָס איז דיין קינד שלאַף?“

דער חסיד האָט אים אַלץ דערציילט, כדי ער זאָל אים שוין צורו לאָזן און אוועקרייטן. אָבער, דער רייטער האָט אַרויסגענומען אַ קליין פלעשעלע פונעם בוזים און דערלאַנגט דעם חסיד און געזאָגט: „אָט וועסטו זען, פון דעם ערשטן לעפעלע וועט דעם קינד בעסער ווערן, פונעם צווייטן וועט עס אַרויס פון דער שלאַפקייט, פונעם דריטן וועט עס ווערן געזונט כאחד האדם". און דער רייטער איז גיך אוועקגעריטן.

דער חסיד איז אַריינגעקומען אין הויז און זיך צוגעקוקט צום קראַנקן קינד, האָט אים אויסגעוויזן, אַז עס האַלט שוין חס ושלום ביי די לעצטע רגעס. האָט ער באַרעכנט, אַז ער האָט שוין סיי ווי נישט וואָס אָנצוווערן. האָט ער איינגעשטעלט און איינגעגעבן דעם קינד דאָס ערשטע לעפעלע פונעם דריי־טערס פלעשעלע. צו זיין פאַרוואונדערונג איז דאָס קינד איינגעשלאָפן רואיק. האָט ער איבערגעוואַרטן אַרום אַ האַלבע שעה, לייכט איבערגעוועקט דאָס קינד און איינגעגעבן דאָס צווייטע לעפעלע. האָט ער דאָס קינד געלאָזט שלאָפן אַרום אַ שעה און געלאָסן אויפגעוועקט דאָס ווייב, איר דערציילט די גוטע בשורה פונעם קינדס בעסערונג און אויך פון דעם רייטערס פלעשעלע. ביידע האָבן געגלויבט, אַז עס איז אַ וואונדערלעכער מופת (אינם זכות פונעם רבינס ברכה) און האָבן זיך צוגעקוקט צום קינד, ווי עס שלאָפט נאָרמאַל, גלייך ווי אַ געזונט קינד. האָבן זיי שוין מסכים געווען איינצוגעבן דאָס דריטע לעפעלע. איז זיך דאָס קינד רואיק צוגעשלאָפן ביזן גרויסן טאָג. צומאָרגנס האָט זיך דאָס קינד געהייסן אָנטאָן, איז אַראָפּ פון בעט און אַרומגעגאַנגען געזונט.

פון גרויס פרייד האָט דעם חסידס ווייב אָפּגעבאַקן צוויי גרויסע לעקעכער, און געהייסן איר מאַן, דעם חסיד מיטנעמען עטלעכע גרויסע פלעשער בראַנפן, פאָרן גלייך צום רבין אויף שבת און אים עס איבערלאָזן אַלס מתנה. דער רבי האָט פאַרוואונדערט געפרעגט: „פאַרוואָס קומט מיר אַ מתנה?". האָט אים דער חסיד דערציילט אַלע איינצלהייטן און אויסגעפירט: ווי לאַנג נאָך וועט זיך דער רבי פאַר אונדז באַהאַלטן? איך מיטן ווייב גלויבן, אַז דער רייטער איז געווען דעם רבינס שליח. מעגלעך, אַז ער איז געווען אליהו הנביא אַליין. דער רבי האָט מער נישט געענטפערט, און איז געגאַנגען צו קבלת־שבת.

דער מנהג פונעם רבין, ר' משה לייב זללה"ה איז געווען צו פאַרברענגען דעם הייליקן שבת פריילעך מיט זיינע תלמידים, אויך מיט סתם חסידים, מיט תורה זאָגן, שמועסן חסידות און מיט ריקודים של שמחת מצוה לכבוד שבת. אָבער יענעם פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט ער פאַרברענגט מיט שטרענגער הת־בודדות. (אָפּגעזונדערטקייט.) אזוי אויך שבת אַ גאַנצן טאָג קיינער פון זיינע תלמידים האָט נישט געוואַגט אים איבערצופרעגן די סיבה דערפון. אין מיטן שלש־סעודותדיקן טיש האָט ער צו אַלע מסובין הויך געזאָגט: איר האָט מיך

נישט איבערגעפרעגט אויף די שינויים (ענדערונגען) ביי מיר אין דעם היינ־טיקן שבת, וועל איך אייך איצט אַליין דערציילן — אַלץ איז געקומען צוליב דעם חסיד, דעם קרעטשמער. ער איז אין מיטן היינטיקער וואָך געווען ביי מיר אויסצובעטן אַ רפואה פאַר זיין קינד. איך האָב אָבער געזען פון קוויטל לייענען, אַז איך קען אים גאָר נישט העלפן, נאָר צוליב מיין גרויס אהבת־ישראל האָב איך נישט געקענט צעברעכן אַ יידיש פאַרביטערט האַרץ מיט מיין שווייגן און נישט ענטפערן. האָב איך אים געמוזט ווינטשן אַ רפואה. ער אָבער — דער רבי האָט דעמאָלט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף דעם קרעטש־מער — מיט זיין גרויסער אמונה (אמונה איז המשכה — אַראָפּציען — פון „אומן את הדסה”) האָט ממשיך געווען דעם גרויסן מופת. ווען ער האָט מיר פרייטאָג געבראַכט די מתנה און אַלץ דערציילט, האָב איך אָנגעפרעגט אין הימל, וועד עס איז געווען דער רייטער, און געטאָן איבער שבת וואָס איך האָב נאָר געקענט לויט מיין קבלה פון מיינע הייליקע רבים נשמתם עדן, ביז מען האָט מיר די רגע מגלה געווען דעם סוד.

עס איז אַמאָל געווען איינער מיט אַ בייטש אין דער האַנט. (דאָס מיינט אַ בעל־עגלה.) אויפגעפירט האָט ער זיך ווי עס פּאַסט פאַר זיין פאַך... מיט אַמאָל איז ער מיט אַ ליידיק וועגעלע איינער אַליין ביינאַכט אהיים געפאָרן איבער אַ וואַלד און דערהערט אַ יעמערלעך געוויין. איז ער נאָכגעפאָרן נאָכן קול און געטראָפן אַ ייד אַן אָרחי־פּרחי ליגן געפרוירן אין שניי מיטן שווערן טלימאַק (פּעקל) לעבן זיך, און דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען פאַר קעלט. האָט דער בעל־עגלה אים אַרויפגעכאַפּט אויף דער פור און אים איינגעדעקט מיט זיין וואַרעמען פּעלץ. צוגעפירט צו דער נאָענטסטער קרעטשמע און גע־היסן איינרייבן דעם געפרוירענעם ייד מיט שניי און הייס וואַסער, ביז מען וועט אים דערדאַטעווען. אויך האָט דער בעל־עגלה איבערגעלאָזט געלט פאַר דער טרחא און פאַר אַ דאָקטאָר, אויב מען וועט דאַרפן. דער בעל־עגלה אַליין איז געפאָרן אַהיים, ווייל ער האָט געהאָט אַ באַשטעלטע יאַזדע (נסיעה) אויף מאָרגן מיט מענטשן און סחורה, ווייל עס שטייט, אָבער, אין אבות פ״ד, משנה ב׳, שמצוה גוררת מצוה, (איין מצוה ציט צו די צווייטע מצוה) ווייל דער בעל־עגלה האָט זוכה געווען מיט רחמנות צו ראַטעווען אַ ייד, האָט אים שוין גע־צויגן צו רחמנות. האָט ער אפילו נישט אויפגעוועקט זיין ווייב פונעם שלאָף, און אָפּגעגעסן אַ קאַלטן אָונט־ברויט און איינגעשלאָפן אַליין אין זיין בעט.

אין הימל איז געוואָרן אַ גרויסער רעש. עס שטייט דאָך: „כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא”, האָט זיך דאָך דער בעל־עגלה קונה געווען עולמו בשעה אחת, (אין איין רגע זיך איינגעקויפט און פאַרדינט עולם־הבא) און אויב ער וועט זיך אויפכאַפּן און ווידער לעבן אויף דער וועלט, וועט ער דאָך ווידער קאַליע מאַכן גלייך ווי פריער, איז אַרויס אַ פּסק־דין פון

בית־דין פון דער פמליא־של־מעלה, אַז דער בעל־עגלה זאָל שוין אַזוי אײַנ־שלאָפן דעם אײביקן שלאָף, כדי ער זאָל קומען ריין אויף יענער וועלט. קו־מענדיק אויפן עולם האמת האָט מען פאַר אים געעפנט אַלע שערי גן עדן.

עס שטייט, אין ברכות י״ז, א׳: „העולם וכו׳ וצדיקים יושבין ועטרותיהם בראשיהן ונהנים מזיו השכינה״ — צדיקים זיצן אין גן־עדן מיט זייערע איי־גענע קרוינען איבער זייערע קעפּ, און זענען נהנה דעם תענוג רוחני פון חיי עולם־הבא. פרעגט זיך: וואָס מיינט — „זייערע אייגענע קרוינען ז״ ענטפערן הייליקע ספרים מיט אַ משנה אין אבות פ״ד, משנה כ״א, כ״ב „העולם הזה וכו׳ התקן עצמך בפרוזדור כדי שתיכנס לטרקלין״ — גרייט זיך צו, מיט מצוות ומעשים טובים אויף דער וועלט, כדי זאָלסט האָבן וואָס מיטצונעמען אויף יענער וועלט. מיינט עס, אַז אַ ייד לערנט תורה אויף דער וועלט, גיט מען אים דאָרט דאָס ספר, וואָס ער האָט דערין געלערנט. האָט ער געזאָגט: תהילים, מעמדות, שערי ציון, — גיט מען אים דאָס אויך דאָרט. האָט ער געטאָן מצוות ומעשים טובים, גיט מען אים דאָרט אויך צו טאָן די זעלבע מצוה, וואָס ער האָט דורך איר זוכה געווען לחיי עולם־הבא. און פון דעם שעפן זיי אַלע נחת וקורת רוח בעולם הבא. און דאָס הייסט: ועטרותיהן „זייערע אייגענע קרוי־נען״. אַזוי ווי אונזער בעל־עגלה האָט דאָך זוכה געווען צו עולם־הבא דורך דער בייטש אין האַנט, האָט מען אים געגעבן אַ גרויסע בייטש, און ער איז אַרומגעגאַנגען אין אַלע חדרי גן־עדן, געפּאַכעט און געקנאַקט מיט דער בייטש און געשעפּט נחת פונעם ווידער־קול וואָס קלינגט אָפּ פון אַ קנאַק מיט אַ בייטש. וואו ער האָט זיך באַוויזן מיטן בייטש און געקנאַקט, איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער. דער בעל־עגלה האָט אָבער געמיינט, אַז מען איז פון אים צופרידן און מען דערפרייט זיך מיט זיין קנאַק.

מיט דער צייט האָט דעם בעל־עגלהס פאָטער — וואָס איז שוין לאַנג טויט געווען — זיך אָפּגערייניקט און זוכה געווען אַריינצוקומען אין גן־עדן, האָט ער דערזען זיין זון, דעם בעל־עגלה, שפּאַצירן פריי אין גן־עדן מיט דער בייטש אין דער האַנט, האָט ער אים געזאָגט: „מיין קינד, דיין גורל איז עפּעס אַ מין גיהנם אינעם גן־עדן. קום מיט מיר צו דעם בית־דין של מעלה. איך וועל אויספּועלן אַ בעסער גן־עדן פאַר דיר״. דער פּסק איז געווען: ווייל דעם בעל עגלהס זכות איז געווען צוליב דערהאַלטן אַ ייד ביי דעם לעבן, זאָל זיין פון איצט אָן — ווען עס וועט אויסקומען צו דערהאַלטן אַ ייד ביי דעם לעבן, זאָל דער בעל־עגלה זיין דער שליח. ער איז עס געווען דער שליח צום קרעטש־מער, און דאָס פלעשעלע — אַ רפואה פון גן־עדן. און דאָס אַלץ האָט דער חסיד, דער קרעטשמער, אַראָפּגעצויגן פון גן־עדן דורך זיין אמונת צדיקים בשלימות. דאָס אַלץ האָט דערציילט פאַרן עולם טיש־זיצער דער רבי ר׳ משה־לייב סאַסעווער זללה״ה. נאָכדעם האָט דער שטיפינעשטער זללה״ח אויסגע־

פירט: דאָס האָב איך געמיינט: „נאָר ניט מיט קין בייטשל". דעם סיפור האָב איך געהערט פון אַ סאַדעגערער־באָיאַנער חסיד, ידידי המנוח ר' אבאלע שלאָם פון שעברעשין.

## סיפור נומער 18

ר' לייב פון שפּאָלע זללה"ה (ביי דער חסידישער וועלט רופט ער זיך „דער שפּאָלער זיידע") איז געווען אַ תלמיד פון אַ צדיק אַ נסתר, וואָס אין דער עפנטלעכקייט איז ער געווען אַ פּשוטער חזן און אָנגעפירט מיט אַ כאָר פון משוררים. אָבער, צווישן די משוררים האָבן זיך געפונען אַזעלכע נסתרים ווי זייער רבי, דער זאַסלאַווער חזן. צוויי פון זיי זענען דערנאָך נתגלה געוואָרן: ר' לייב פון שפּאָלע און ר' מרדכי, דער ערשטער נעסכיזשער רב. (פון דעם לעצטן וועלן מיר ווייטער דערציילן.) ר' לייב האָט נאָך אין דער יוגנט געהאַט די זכיה צו קענען דעם בעש"ט. ווייל אָבער זיין שפּעטערדיקער רבי, דער זאַסלאַווער חזן, איז געווען אַ נסתר, האָט ר' לייב ביי זיך באַשלאָסן צו פאַר־בלייבן אַ נסתר. איז ער צייטנווייז געווען דאָרפס־שוחט, אָדער גאָר דאָרפס־מלמד. געליטן דחקות און אַדורכגעגאַנגען גרויסע נסיונות. (ווי עס איז שוין געווען באַשריבן אין געדרוקטע סיפּורים. מיר, אָבער, שרייבן נאָר מפּי הקבלה איש מפּי איש, פון באַגלויבטע קוואַלן, און נאָר, וואָס ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן.) אָבער פּמליא־של־מעלה (דאָס בית־דין צדק פון די הויכע הימלען) האָט אויסגעפונען, אַז ער וועט זייער ניצלעך זיין פאַר יידן, ווען ער וועט נתגלה ווערן און זיין עפנטלעך אַ מנהיג און אַ רבי. (שפּעטער האָט זיך עס טאַקע אַרויסגעוויזן: ער האָט מחזיר געווען בתשובה שלימה אַ גאַנצע יידישע עדה און אויסגעאיידלט די פאַרגרעבטע שטאָט שפּאָלע און זיי גע־האָלפן מאַטעריעל און גייסטיק. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך געהייסן רופן: „דער שפּאָלער זיידע".)

ר' לייבן האָט מען פון הימל מגלה געווען דעם פּסק פון דער פּמליא־של־מעלה, אַז ער מוז נתגלה ווערן. האָט ער באַשטימט זיינס אַ באַקאַנטן צו ווערן ביי אים אַ מקורב — אַ גבאי — און איז מיט אים אַריינגעפאָרן אין נאָענטן שטעטל אַריין אין אַן אכסניא פאַרשטעלנדיק זיך פאַר אַ רבי. אָבער, קיינער פונעם שטעטל איז צו אים ניט געקומען אפילו מקבל שלום זיין. ר' לייב אַלס צדיק־אמת איז דעם נסיון אויך בייגעשטאַנען. אָבער, זיין מקורב, אַן אָרימער פּשוטער ייד, האָט געמאָנט ביי אים פּרנסה, און דעם בעל־אכסניא דאַרף מען דאָך אויך באַצאָלן. דערוויל איז צוגעקומען אַ נייעס. אין דעם זעלבן שטעטל אַריין איז אָנגעקומען אַ חסידישער צדיק אַ מפורסם, און דאָס גאַנצע שטעטל פון גרויס ביז קליין איז געלאָפן אים מקבל־פּנים זיין, און באַוואָרפן אים ממש מיט קוויטלעך און פּדיונות. דעמאָלט האָט ר' לייבס מקורב אים אַזוי צוגע־

דריקט, אַז עס האָט געווירקט אויף אים אַרויסצוגיין אויף דער גאַס און אַליין זען דעם לויפנדיקן עולם, וואָס איילט זיך צום צווייטן צדיק. ר׳ לייב האָט געזען לויפן אַ יונגגמאַן. „ווי לויפסטו?״ — פרעגט אים ר׳ ל״ב. — „צום רבין״. — ענטפערט דער יונגערמאַן. ר׳ לייב זאָגט דעם יונגגמאַן מיט הכ״עה: „דאָ אין דער אכסניא שטייט איין אַ רבי, וואָס פאַר אַ בקשה דו ווילסט סיי אין רוחניות, סיי אין גשמיות, וועסטו ביי אים איצט פועלן״. דער יונגערמאַן האָט זיך מיט כוח פון אים אָפּגעריסן און הויך געזאָגט: „לאָזט מיך אָפּ, איך לויף צו מיין רבין״. דאָס האָט שוין ר׳ לייבן אַריינגעברענגט אין חולשת־הדעת. איז ער אַריין צום מקורב, געהייסן זיך געבן די בגדי־שבת; צו גיין מקבל־פּנים זיין דעם ניי־אָנגעקומענעם צדיק.

דער צווייטער רבי איז אָבער אויך נישט געווען אַ ליאַדע־ווער. דאָס איז געווען ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער זללה״ה (דער זון פון ר׳ נחום זללה״ה, דער בעל מאור עינים, אַ תלמיד פונעם בעש״ט און דערנאָך פון רבין ר׳ בערס חבריא קדישא. ר׳ מאָטעלע אַליין ווערט אויך גערעכנט פונעם רבין, ר׳ בערס יונגער חבריא. ער פלעגט נעמען פיל געלט ביי זיינע אָנהענגער און שפּייזן אַלע צדיקים נסתרים, וואָס ער האָט פון זיי געוואוסט בקבלה פון זיינע רבים, אויך די, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט פון זיי ברוח הקודש.) האָט ער ברוח־הקודש מרגיש געווען וואָס עס קומט פאָר אין דער אכסניא פון ר׳ לייבן. האָט ער גלייך געשאָפן מיטן גבאי אים צו דערלאַנגען זיין אויבערמאַנטל און אַריינגעגעשאָרט דאָס געלט פונעם טיש מיט די קוויטלעך אין אַ גרויסער פאַטשיילע (טיכל) אַריין, גענומען אין קעשענע אַריין און גיך געגאַנגען צו ר׳ לייבן.

פאַרשטענדלעך, אַז מיט ר׳ מאָטעלען איז דער גאַנצער עולם מיטגע־גאַנגען. ר׳ לייב האָט דערזען דורכן פענסטער דעם גרויסן עולם דערנענטערן זיך צו זיין אכסניא, האָט ער אַרויסגעשיקט זיין מקורב געוואָר ווערן וועגן דעם. ר׳ מאָטעלע האָט אים געהייסן אַריינפירן ר׳ לייבן אין אַ באַזונדער חדר, ווייל ער וויל אים אָפּגעבן אַ קוויטל. ר׳מאָטעלע איז אַריינגעקומען אין דער אכסניא, זיך אַליין אָנגעשריבן אַ קוויטל אין פאַדערצימער און איז אַריין אין חדר פון ר׳ לייבן; אים אָפּצוגעבן דאָס קוויטל מיט אַ פדיון, אַכצן גאָלדענע רענדלעך, (גאָר אַ גרויסע מטבע אין יענער צייט), און אים געזאָגט: „איר האָט געדאַרפט באַרעכענען, אַז אַזאַ גרויסע מצוה ווי איך צו שטיצן, מכל שכן איך אָפּצוגעבן דאָס ערשטע קוויטל, איז נישט זוכה קיין פשוטער יונגערמאַן, וואָס איר האָט אָנגעטראָפן אין גאַס. דאָס האָט געהערט צו מיר און מיין גלייכן. פון דעמאָלט אָן איז ער שוין נתגלה געוואָרן.

דעם שפּעטער זיידנס חבר, ר׳ מרדכי זללה״ה, דער ערשטער נעסכיזשער רב (דער פאָטער פון קאָולער רב, ר׳ לייב. — דער שווער פונעם טריסקער

מגיד. — אויך דער פּאַטער פונעם אוסטילער רבּ ר׳ יאָסעלע, און פונעם צווייטן נעסכיזשער רבּ ר׳ יצחק זללה״ה — זיינע תורות זענען געדרוקט אינעם ספר תולדות יצחק.) האָט אויך באַשלאָסן צו זיין אַ נסתר. אָבער איז נתגלה געוואָרן גאָר אויף אַ העכערן אופן; אַלס נסתר האָט ער אָנגענומען אַ רבנות־שטעלע אין לעשנאָוו, אַ קליין שטעטעלע נאָענט פון בראָד. דאָרט איז אים אין געדאַנק פאַרגעקומען עפּעס אַ חשש אויפן שטעטלדיקן שוחט, איז ער געגאַנגען צופוס קיין בראָד אויסצוגעפינען דאָרט וועגן אַ צווייטן שוחט. אַדורכגייענדיק אַ וואַלד איז פון אַ שמאָל וואַלד־וועגל אָנגעקומען אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנים און גע־גאַנגען מיטן רבּ אינאיינעם. — „וואו גייט אַ ייד?" — פרעגט דער אָנגעקו־מענער דעם רבּ — „און אויך וועגן וואָסער ענין?" דער רבּ האָט געענטפערט: „איך גיי קיין בראָד אויסזוכן אַ שוחט פאַר מיין שטעטל, ווייל אויף דעם ביז איצטיקן האָב איך אַ חשש". זאָגט אים דער אורח: „אַזוי? איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן, געדענק איך אַ מעשה: אַ רבּ האָט אַמאָל אָפּגעזאָגט אַ שוחט, ווייסט איר, וואָס איז געווען דער סוף? איך האָב אים אַליין געזען מיט מיינע אויגן, דער שוחט מיטן ווייב און קינדער זענען געוואָרן מחזירים על הפּתחים. (חיזער־גייער צו בעטן נדבות) מילא! דעם שוחטס סוף האָב איך שוין געזען, נאָר דעם רבס סוף האָב איך נאָך נישט געזען". ביי די לעצטע ווערטער איז דער אורח מיט אַמאָל נעלם געוואָרן. ר׳ מרדכי האָט אָנגענומען, אַז עס איז געווען גילוי אליהו ז״ל, וואָס איז געקומען אים צוריקהאַלטן פון שפיכת־דמים. האָט דער רבּ זיך אַרויסגעשלאָגן פונעם געדאַנק דעם חשש אויפן שוחט, איז צוריקגעגאַנגען גלייך אַהיים און פאַרבליבן אויף ווייטער אַ נסתר.

אין יענער צייט איז געווען אַ באַרימטער צדיק פון די תלמידי־הבעש״ט, אויך פון רבּי ר׳ בערס חבריא, אַ האַלבער נסתר, קיין חסידים האָט ער נישט געהאַט, מיט קיין עולם נישט אָנגעפירט, אָבער, פאַרט האָט די וועלט פון אים געוואוסט. ער פלעגט אַרומפאָרן אין געהיים און אָפּט באַווייזן גרויסע מופתים, און דעמאָלט פלעגט ער זיך אויסגעבן מיטן נאָמען „ר׳ לייב שרהס". (פיל וואונדערלעכע זאַכן ווערן פון אים דערציילט. אייניקע פון זיי זענען שוין גע־דרוקט). מיין מוטער המנוחה, שרה בת ר׳ יצחק דוד ע״ה, האָט מיר דערציילט: ער איז אַמאָל אַלס נסתר אָנגעקומען צו אַ רייכן יידישן דאָרפסמאַן אין אַ צייט, וואָס דעם יידן האָט אויסגעפעלט אַ מלמד צו זיינע קינדער. דער דאָרפס־מאַן האָט אים געפרעגט, צי ער וויל אָננעמען די שטעלע און צוגעזאָגט אַ גוטע באַלוינונג. ר׳ לייב האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז יעדן פרייטאָג זאָל ער אָפּלאָזן די קינדער פרי פונעם לערנען, און דער דאָרפסמאַן איז מחויב אים פירן אין שטאָט אַריין און אַהיים ברענגען, ווייל ער וויל זיך אין שטאָט טובל זיין לכבוד שבת אין אַ כשרער מקוה. באַלד דעם ערשטן פרייטאָג האָט דער דאָרפס־מאַן געשאַפן מיט זיין פאַרבעק (אַזוי האָט זיך גערופן אַ גויאישער משרת), אָפּ־

צופירן דעם מלמד אין שטאָט אַריין און אויך אים אַהים ברענגען אין דאָרף אַריין אויף שבת.

פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט דער פאַרבעק דערציילט דעם בעל־הבית מיטן הויז־געזינד, אונטער די אויגן פונעם מלמד, אַז אַרויספאָרנדיק פונעם דאָרף האָט אים דער מלמד געהייסן אָנבינדן די לייצעס צום וואָגן און זיך איבער־דרייען מיט די פלייצעס צו די פערד: זיי וועלן שוין אַליין טרעפן דעם וועג. אַז איך האָב געפאָלגט, האָבן די פערד ממש אָנגעהויבן ווי פליען אין דער לופטן. פאַר מיינע אויגן האָבן זיך שטעט און דערפער געמיטן אין אויגנבליק, ביז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ גרויס איינפאָר־הויז פון גאָר אַ גרויסער שטאָט. דאָרט האָט מיר דער מלמד פאַרזאָגט נישט אַרויסצוגיין אין גאַס: טאָ־מער וועל איך בלאָנדזשען. און פאַרזאָגט האָט ער דעם בעל־אכסניא מיר אין די אויגן: מען זאָל מיר געבן אויף זיין חשבון עסן און טרינקען, וואָס און וויפל איך וועל וועלן. און אויך האָט ער געזאָגט, אַז איך דאַרף אויף אים וואַרטן צוויי שעה. צו דער מינוט איז ער צוריקגעקומען און מיר געהייסן אַרויס־גיין אויף דער פור. פאַר גרויס מידקייט (פון די גוטע מאכלים און שכרות פון די שטאַרקע משקאות) בין איך גלייך איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט צו־קומענדיק צו אייער הויז.

דער דאָרפסמאַן האָט אָנגעזאָגט זיין בני בית, זיי זאָלן זיך היטן, אַז דער מלמד זאָל נישט געוואָר ווערן פונעם פאַרבעקס אַנטדעקונג, און אויך אָנגע־זאָגט זיינס אַן אידעם, ער זאָל זיך איינבעטן ביי דעם מלמד, ער זאָל אים אויך מיטנעמען פרייטאָג צו דער טבילה במקוה. דער מלמד האָט אים מיטגענומען, און אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בית־הטבילה. דערנאָך זענען זיי צוגעפאָרן צום זעלבן איינפאָר־הויז. (דער פאַרבעק האָט עס דערקענט.) און דער מלמד האָט פאַרזאָגט דעם אידעם און דעם פאַרבעק צו וואַרטן אויף אים דאָ אין אכסניא צוויי שעה. דער אידעם איז זיך, אָבער, שטילערהייט נאָכגע־גאַנגען דעם מלמד טריט נאָך טריט, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ קייזער־לעכן פּאַלאַץ, וואו אַ באַוואָפנטע וואַך איז געשטאַנען און געהיטן דעם אַריינ־גאַנג. דאָרט האָט דער מלמד דערזען דעם אידעם נעבן זיך. איז, — כדי אים מציל צו זיין פון דיכערן טויט דורך דער מיליטערישער וואַך, האָט דער מלמד געהייסן דעם אידעם זיך אָנהאַלטן אין זיין — דעם מלמדס — גאַרטל. אַזוי אַרום זענען זיי ביידע אַדורכגעגאַנגען די וואַך אומבאַמערקט — בבחינת רואה ואינו נראה, — ביז דעם קייזערס צימער. דער אידעם האָט דאָרט געזען, ווי דער מלמד עפנט אַ מעסער און שרעקט איבער דעם קייזער יוזעף דעם ערשטן פון עסטרייך, אַז ער וועט פון אים פשוט שנײדן פאַסן לעבעדיקערהייט, אויב ער וועט נישט צערייסן די אָפּנעחתמעטע גזירות רעות אויף די עסטרייכישע יידן. דער קייזער האָט געשריגן מען זאָל אים ראַטעווען, אָבער זיינע נאָענטע

האבן אים אָנגענומען פאַר משוגע, ווייל זיי האָבן קיינעם נישט געזען. דער קיזער האָט נישט ווילנדיק געמוזט אין זייערע אויגן צערייסן דאָס פּאַפּיר מיט די שלעכטע גזירות.

צוריקוועגס זענען זיי אויך אַדורך די וואַך אומבאַמערקט און געקומען צו דער אכסניא. דער אידעם איז אַריין אין אַ קראָם, זיך געקויפט אַ מעסערל און געבעטן דעם סוחר, ער זאָל אים אויסשרייבן אַ רעכענונג מיט דער דאַטע פון טאָג, אַדרעס פון שטאָט, גאַס, נומער פון קראָם, מיטן אונטערשריפט פונעם סוחר. ווי דערשטויגט זענען געוואָרן דער דאָרפס־ייד מיטן בני־בית הערנדיק פונעם איידעם מיטן פאַרבעק, אַז איבערן וועג היין און צוריק זענען זיי ביידע איינגעשלאָפן און האָבן זיך ערשט אויפגעכאַפּט אין איינפאָר־הויז פון דער אכסניא, און צוריקוועגס — ביי דעם הויז פונעם דאָרפס ייד. נאָך מער וואונדערלעך איז ביי זיי געווען דער געשריבענער חשבון פונעם מעסערל, וואָס איז געווען דאַטירט מיטן זעלבן פרייטאָגדיקן טאָג, פון אַ סוחר פון ווין, פּינקטלעך אַדרעסירט, — וואָס ווייזט, אַז פון אַ דאָרף אין וואָלינער גובערניע איז דער מלמד געפאָרן קיין ווין היין און צוריק אין אַ משך פון עטלעכע שעה מיטן כוח הקדושה פונעם שם, וואָס איז מסוגל אויף קפיצת־הדרך. דער מלמד האָט זיך געמוזט אויסגעבן, אַז ער איז עס דער האַלבער נסתר „ר׳ לייב שרהס״. נאָך שבת האָט ער זיך אָפּגעזעגנט, און אַוועק פונעם דאָרף, און צוריק געבליבן אַ האַלבער נסתר.

אונדזער נסתר, ר׳ מרדכי דער לעשנאָווער רב, איז געווען נייגיריק צו דערגייך די סודות פונעם האַלבן נסתר. האָט מען אים מגלה געווען מן השמים, אַז אין בראָד געפינט זיך אַ בעל־אכסניא, דעם האַלבן נסתרס אַן אָנהענגער, וואָס דער האַלבער נסתר שטייט איין ביי אים, ווען ער קומט קיין בראָד. ר׳ מרדכי איז געגאַנגען קיין בראָד צום בעל־אכסניא און פאַרלאַנגט פון אים: דווקא, צו לאָזן אים איינשטיין אינעם חדר, וואו דער האַלבער נסתר שטייט תמיד איין. דער בעל־אכסניא, אַ ייד אַ חסיד אַ מבין, האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און אים געזאָגט: לויט איך פאַרשטיי זענט איר איינער פון די צדיקים נסתרים. אויב עס איז אייך נתגלה געוואָרן דער סוד, אַז ביי מיר שטייט איין דער האַלבער נסתר. אָבער, איך בעט אייך פיל מאָל איבער, וואָס איך קען אייך דאָס נישט צוליב טאָן, ווייל ווען מיין רבי, דער האַלבער נסתר, איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו מיר איינשטיין, האָט ער מיר געשטעלט אַ באַדינג: אים אָפּצוגעבן אַ באַזונדער חדר, אַריינשטעלן אַ ניי בעט, אַ טיש, אַ בענקל און אַ שאַפּקעלע מיט ספרים; און ער האָט מיר אָנגעזאָגט: „אַזוי זאָל אַלץ שטיין אויפן אָרט. זאָלסט נישט אַריינלאָזן אינעם חדר אפילו דייך בני־בית. אַז ווען איך וועל דאָ נישט זיין, וועט דאָס חדר זיין פאַרשלאָסן, איז, ווען איך וועל דאַרפן קומען אַהער, וועל איך דאָ איינשטיין. וועסטו פאָלגן,

וועט דיר גוט זיין;טאָמער חלילה נישט, פאַרשטיי אַליין וואָס מיט דיר וועט זיין. איך בין ר׳ לייב שרהס״. הערנדיק די ווערטער ענטפערט אים ר׳ מרדכי: „אויב אזוי? וועל איך אייך נישט נייטן עובר צו זיין ח״ו אויף אייער רבינס אַנזאָג. טוט מיר אַ טובה און עפנט נאָר די טיר. איך וועל נאָר אַריינקוקן און נישט אַריינגיין אינעווייניק. איך בין דער לעשנאָווער רב״. דאָס האָט זיך שוין דער בעל־אכסניא דערלויבט צוליב צו טאָן דעם רב.

אָבער באַלד אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך באַוויזן אין דער אכסניא ר׳ לייב שרהס. דער בעל־אכסניא האָט אים אויפגענומען מיט גרויס יראת הכבוד. אָבער, גלייך ווי דער בעל־אכסניא האָט אין ר׳ לייבס אויגן פאַר אים אויפגעשלאָסן דאָס טירל פונעם חדר, האָט אים ר׳ לייב שוין אָן אויפגערעג־טער געפרעגט: „ווער האָסטו אַריינגעלאָזט אין מיין חדר?״ דער בעל־אכסניא האָט מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט: „ר׳ מרדכי דער לעש־נאָווער רב האָט זיך ביי מיר געבעטן צו עפענען פאַר אים די טיר: „ער וויל נאָר אַריינקוקן״. האָב איך געמיינט, אַז אויף דעם וועט דער הייליקער רבי נישט מקפיד זיין״. ר׳ לייב האָט אים געזאָגט: „איך קען דיר מוחל זיין בתנאי, (מיטן באַדינג) זאָלסט נעמען מיינס אַ פאַרחתמעטן בריוו און גלייך איבערגעבן די לעשנאָווער ראשי־הקהל. נאָך דעם, ווי דער שליח האָט אי־בערגעגעבן די ראשי־הקהל דעם בריוו, איז ער געגאַנגען צום רב דערציילן ר׳ לייב שרהס הקפדה.

ביי דער אסיפה וואָס די ראשי־הקהל האָבן צוזאַמענגערופן איז געבליבן: מען זאָל דעם בריוו איבערלייענען אין דעם רבס אויגן. אינעם בריוו איז געווען געשריבן בזה הלשון: „חשובע ראשי הקהל פון לעשנאָוו! אזוי ווי איר וועט דערהאַלטן דעם בריוו זאָלט איר אָפזאָגן אייער רב פון רבנות און אַרויסשיקן אים מיטן בני־בית גלייך פונעם שטעטל. לייב בן שרה״. דער שליח, ווען דער רב האָט פאַרהאַלטן ביי זיך, האָט אויך געהערט איבערלייענען דעם בריוו — האָט ער שטאַרק מתרעם געווען אויף זיך זעלבסט: צו וואָס ער האָט געבערענגט און פאַר וואָס ער אַליין האָט נאָך געמוזט זיין דער שליח. דער רב איז גאָר נישט איבערגעשראָקן געוואָרן און געזאָגט די ראשי־הקהל: „דינגט פאַר מיר מיטן בני־בית אַ יידישן בעל־עגלה, לייגט ארויף מיינע ספרים און אַלע חפצים אויף דער פור. זאָל ער מיך אָפפירן אין נאָענטסטן שטעטל לעבן לעשנאָוו. איר זענט דאָך גאָר נישט שולדיק. איך בין אייך אַלץ מוחל, דעם שליח אויך, אָבער, ער — דער שליח — וועט מוזן מיטפאָרן מיט אונדז״.

אין וועג האָט דער בעל־עגלה פאַרבלאָנדזשעט און איז צוגעקומען צו אַ ריוו פול מיט וואַסער. די פערד האָבן זיך איבערגעשראָקן און אָפגעשטעלט. דער רב האָט באַפוילן דעם בעל־עגלה מיטן שליח צוצוגיין צום ריוו זען

פאַרוואָס די פערד האָבן זיך דערשראָקן. זיי האָבן דאָרט דערזען אַ נאַקעטן טויטן מענטשלעכן קערפּער. דער רב האָט געהייסן אַרויפלייגן דעם טויטן אויף דער עגלה און האָט אים אַליין אָנגעטאָן זיין אייגענעם אויבערמאַנטל. דערנאָך האָט ער אים איבערגעדעקט, מען זאָל אים ניט דערזען. צוקו־מענדיק צו אַ דאָרף איז אַרויס אַנטקעגן זיי מיט שרעק פון זיין הויז אַ ייד, וואָס האָט געוואוינט אין עק דאָרף, און האָט זיי געוואָרנט: נישט אַדורכצופאָרן ווייטער דאָס דאָרף, ווייל אין צווייטן עק דאָרף ביי דעם פּריצס הויף קומט איצט פאָר אַ משפּט איבער אַ צווייטן ייד, טאַקע, פונעם זעלבן דאָרף, צוליב אַ בילבול פון עלילת דם. ס'איז פאַרלוירן געוואָרן אַ קריסט פונעם דאָרף. באַשולדיקט מען יענעם ייד, אַז ער האָט דאָס אים דערהרגעט און גענוצט זיין בלוט צו די מצות אויף פּסח. איז אַ גרויסע סכנה פאַר אַ יידן דורכצופאָרן דאָס אָרט וואו עס קומט פאָר דער משפּט. דער רב האָט שטרענג באַפוילן דעם דאָרפס ייד זיך אויפצוזעצן אויף זיין עגלה און מיטפאָרן מיט זיי, און זיי זענען גלייך צוגעפאָרן צום אָרט פונעם משפּט. דאָרט זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע קריסטן פונעם פּריצס דערפער — זיינע אונטערטאַנען — און זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ פונעם משפּט. דער פּריץ אַליין איז געווען דער ריכטער. פון זיינע ביידע זייטן זענען געזעסן צוויי געהילפן. דער גלח, דער באַשולדיקער מיט זיינע עדות זענען געשטאַנען דערלעבן. אינמיטן פּלאַץ איז געזעסן דער באַשולדיקטער ייד אַ געקאָוועטער אין קייטן. דער רב האָט געהייסן דעם בעל עגלה אַריינפאָרן אינעם המון אַרומרינגלער.

די דריי יידן באַגלייטער: דער בעל־עגלה, דער דאָרפס־ייד, און דער שליח זענען דערשטוינט געוואָרן זעענדיק, ווי דער המון גויים האָט געמאַכט אַ וועג פאַר דער עגלה צוצופאָרן צום מקום־המשפּט. דער פּריץ אַליין איז אויך שטאַרק איבערראַשט געוואָרן פונעם תקיפות פון די אָנגעקומענע יידן, אויך פונעם צוזאַמענשטעל פון דער גאַנצער עגלה, וואָס איז געווען פול אָנ־געפּאַקט מיט שטוב זאַכן און אַ פרוי מיט דריי קינדער. (די אויבנדערמאַנטע שפּעטערדיקע צדיקים.) ווי אויך די דריי באַגלייטער, וואָס איינער פון זיי איז געווען זיינס אַן אונטערטאַן, וואָס האָט געוואוינט אין זיין דאָרף. איבערהויפּט האָט ער זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אָן דעם אויבנאָן־זיצער, וואָס איז געווען אַ ייד אַ שטאַרקער נשיא־פּנים. ממש, אַ הימלישער חן האָט זיך אויס־געגאָסן אויף זיין הדרת־פּנים. דער פּריץ האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, צוגע־גאַנגען צום רב, דערלאַנגט אים די האַנט מיט גרויס דרך־ארץ און יראת־הכבוד און געפרעגט, ווער ער איז און וואָס ער פאַרלאַנגט דאָ. דער אויבנאָן־זיצער האָט געענטפערט: „איך בין לעשנאָוועער רב און איך האָב זיך דער־וואוסט, אַז עס קומט דאָ פאַר אַ משפּט פון דיני נפשות אויף אַ ייד. איז, דערי־בער, אַלס ידישער רב האָב איך באַרעכנט, אַז איך האָב די רעכט בייצו־

וואוינען דעם משפט". דער פריץ האָט אים געדאַנקט און פאַרבעטן צו זעצן זיך לעבן די ריכטער.

נאָכן אויספאַרשן די עדות האָט דער פריץ געפרעגט דעם רב, צי ער קען נאָך אויך איצט געפינען אַ זכות אויפן באַשולדיקטן ייד. דער רב האָט געענטפערט: „וואָס וועט זיין, אויב איך וועל אייך צושטעלן אַ לעבעדיקן דעם פעלנדיקן קריסט?" — „דעמאָלט וועלן די פאַלשע עדות מיטן באַשול־דיקער, דער גלח, באַקומען אויפן אָרט זייער פאַרדינטע שטראָף". — האָט געענטפערט דער פריץ. דער רב איז צוגעגאַנגען צו דער עגלה און געזאָגט הויך צום טויטן: „הויב זיך אויף און גיי צו צום פריץ, דערצייל פאַרן געריכט הויך, יעדערער זאָל הערן, וואָס איז מיט דיר געשען פון דער צייט אָן,וואָס האָסט געפעלט פונעם דאָרף". דער שייגעץ איז צוגעגאַנגען און אַלץ דער־ציילט. ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף די פאַלשע עדות, אַז זיי אַליין האָבן אים געהרגעט. די פאַלשע עדות האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיי האָבן זיך אויפן אָרט אין אַלץ מודה געווען און געבעטן ביי דעם געריכט צו פאַרגרינגערן זייער שטראָף. ווייל אין אַלץ איז דער באַשולדיקער, דער גלח, שולדיק. ער האָט עס זיי געדונגען: צו טויטן דעם שייגעץ און דערנאָך מאַכן אַ בלוט־בילבול אויף דעם באַשולדיקטן רייכן יידן, כדי צו קענען קאָנפיסקירן זיין רייכטום פאַר דער קירכע; און דער גלח האָט זיי — די עדות — דערפאַר צוגעזאָגט צו באַגליקן אויף דער וועלט און — אַ זיכערן גן־עדן אויף יענער וועלט.

דער משפט איז גלייך איבערגעדרייט געוואָרן: דעם גלח מיט די פאַלשע עדות האָט מען געהאַנגען און דעם ייד האָט מען באַפרייט. אָבער, ווען דער פריץ האָט געבעטן ביי דעם רב, ער זאָל לאָזן אַראָפּציען פונעם שייגעץ דאָס יידישע אויבערמאַנטל און אים איבערטאָן עלעגאַנטיש, ווייל ער וויל אים פון איצט אָן נעמען פאַר זיין לייב־משרת, האָט אים דער רב געמוזט מגלה סוד זיין, אַז דער שייגעץ איז דאָך באמת טויט, און קען נאָר רעדן און שטיין אויף די פיס כל זמן ער איז אָנגעטאָן אין דעם רבס אויבערמאַנטל. דער רב האָט אויך געגעבן צו פאַרשטיין דעם פריץ, אַז מען טאָר נישט משנה זיין די טבע, סיידן עס איז גאָר נויטיק. ווי, למשל, אָפּצוראַטעווען אַן אומשולדיקן פון טויט־שטראָף. איצט עצהט ער דעם פריץ מען זאָל צופירן דעם שייגעץ צום דאָר־פישן בית־הקברות און אים באַגראָבן מיט אַ בכבודיקן פאַראַד. דער פריץ מיט זיינע געהילפן האָבן געפאָלגט און פריינטלעך זיך אָפּגעזעגנט מיטן רב.

דער שליח אַלס געהויבענער חסיד, אַן אָנהענגער פון ר' לייב שרהס, האָט אָנגענומען, אַז דאָס אַלץ איז געווען ר' לייב שרהס רצון, כדי, דער לעש־נאָווער רב זאָל נתגלה ווערן. האָט ער באַפוילן דעם בעל־עגלה צוריקצופירן דעם רב מיט זיין משפחה צוריק קיין לעשנאָוו. דאָרט האָט ער — דער שליח —

און דער בעל־עגלה, ווי אויך דער דאָרפס־ייד דערציילט דעם גרויסן מופת פון ציטווייליקן תחיית־המתים פונעם שייגעץ, און ווי אַזוי דורכדעם איז אָפּ־געראַטעוועט געוואָרן אַ ייד פון זיכערן טויט. איז שוין דער רב נתגלה גע־וואָרן אַלס גרויסער בעל־מופת, ווי אויך אַלס מתקן־נשמות. שפּעטער האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין נעסכיזש. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

שפּעטער איז ר׳ מרדכי געוואָרן אַ תלמיד ביי דעם זלאָטשעווער מגיד, דער רבי ר׳ מעכעלע. (נאָך דער הסתלקות פון בעש״ט זללה״ל, האָט זיין חב־ריא, מיט זיין הסכמה, אויסגעקליבן פאַר זייער רבין און מנהיג דעם רבין ר׳ בער און אים גערופן: „דער גרויסער מגיד פון מעזריטש״. פלעגן אַהין זיך צוזאַמענקומען די גדולי־תלמידי הבעש״ט אויך. ווי: דער תולדות, ר׳ פּינחס קאָריצער, דער זלאָטשעווער מגיד און אַנדערע.) איז ר׳ מרדכי אַמאָל אַריינ־געקומען אין מעזריטש, אין רבין ר׳ בערס בית־המדרש, און אָנגעטראָפן אויף ר׳ שלמהן (דער שפּעטערער באַוואוסטער „סעקולער מגיד״.) און אים גע־פרעגט: „אפשר האָט איר געזען מיין רבין?״ ר׳ שלמה איז געווען אַ תלמיד מובהק פונעם רבין ר׳ בער. האָט ער מקפיד געווען, פאַרוואָס ר׳ מרדכי רופט אָן אַ צווייטן סתם „רבי״ אינעם רבי ר׳ בערס בית המדרש. האָט ער געענט־פערט ר׳ מרדכין: „את ורבך צריכין לרבי״. (דו מיט דיין רבין דאַרפט איר אָנקומען צו מיין רבין.) ר׳ מרדכי האָט אים רואיק געזאָגט: „נו, נו.״

ר׳ שלמה, וואָס איז געווען מצווה פונעם רבין ר׳ בער אויפצושרייבן זיינע — דעם רבי, ר׳ בערס — תורות (וואָס ער טאָקע האָט שפּעטער געבראַכט צום דרוק אין די ספרים מיט די נעמען: „אור תורה״, „מגיד דבריו ליעקב״.) און איז געווען ווי דעם רבי, ר׳ בערס אַ לייבס מענטש, דער נאָענטסטער מקורב אַחוץ דעם משמש ר׳ פּיליט, האָט געהאַט אין די שפּעטסטע אָוונט־שעהן אַן אויסגעצוצטע צייט אין געהיים, (נאָכדעם ווי אַלע תלמידים זענען זיך צע־גאַנגען אויף זייערע סטאַנציעס שלאָפן), ווען דער גרויסער מגיד זללה״ה האָט מיט אים געלערנט „נסתר״. (חכמת הקבלה.) אין דעם אָוונט, אָבער, וואָס ביי טאָג איז פאַרגעקומען דער ווערטער־אויסטויש צווישן ר׳ מרדכין מיט ר׳ שלמהן, האָט דער לעצטער נישט געקענט תופס זיין און פאַרשטיין דעם לי־מוד. דער רבי, ר׳ בער האָט אים געהייסן מפשפש במעשיו זיין, (אַדורכקוקן וואָס ער האָט געטאָן אַ גאַנצן טאָג), אפשר האָט ער עפּעס קאַליע געמאַכט דורך אַ חטא, און זאָל אַלץ מתקן זיין מיט תשובה. ר׳ שלמה איז אַוועק אויף התבודדות, און געמאַכט איבער זיך אַ חשבון הנפש און איז צוריקגעקומען צום רבין און געזאָגט, אַז ער פילט אויף זיך עפּעס אַ תרעומות פון ר׳ מרד־כין. ער פילט זיך אָבער אויך גערעכט, ווייל ער האָט געמיינט גאָר ערנסט, מפני כבוד הרב.

דער רבי, ר׳ בער האָט אים געהייסן גיין גלייך צו ר׳ מרדכיס סטאַנציע אים איבערבעטן. ר׳ מרדכי האָט אים געזאָגט: „מיין כבוד בין איך דיר באַלד

מוחל — וועסטו צוריק באַקומען הרחבת הדעת און אַ ריינעם מוח מקבל צו זיין דעם לימוד, אָבער, מיין רבינס כבוד — ר׳ מעכעלעס — קען איך נישט מוחל זיין. איז, ווייל דו האָסט קאַליע געמאַכט מיטן וואָרט „רבי״, וועסטו קיין רב און קיין מנהיג ביי יידן קיינמאָל נישט זיין״. ר׳ שלמה איז צוריקגעקומען צום רבין, ר׳ בער, און האָט שוין דעם לימוד גוט איבערגענומען. נאָכן ענדיקן דעם לימוד האָט זיך ר׳ שלמה געקלאָגט פאַרן רבין, ר׳ בער אויף דעם עונש, וואָס ר׳ מרדכי האָט אים געגעבן. דער גרויסער מגיד האָט אים געענטפערט: „נאָר האַלב קען איך דיר העלפן. קיין מנהיג וועסטו טאַקע נישט זיין, אָבער, אַ רב, — יאָ. נעם אָן אַ שטעלע אַלס מגיד אין אַ שטאָט. דאָרט וועט דיר השי״ת מזמין זיין אַיין תלמיד, וואָס וועט שפּעטער ווערן אַ רבי, אַ מפורסם און אויך אַ מנהיג״.

נאָך דעם גרויסן מגידס הסתלקות, האָט ר׳ שלמה אָנגענומען אַ מגידות־שטעלע אין סעקול ביי לעמבערג. דאָרט איז געווען אַ רב אַ גרויסער מתנגד און אַ גאון גדול, וואָס האָט גענומען צו זיך אויף קעסט אַ יונגן עילוי פאַר אַן איידעם. דער לעצטער האָט דערשמעקט מיט זיינע מדריגות אין יראת שמים, אַז דער מגיד איז פון די צדיקים נסתרים. האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיין יונג וויבל: (דעם רבס טאָכטער) אַז אַזוי ווי זיין שווער, (איר פאָטער) דער גאון לערנט מיט אים צוויי שיעורים אַ טאָג, (איינעם — תחילת אָונט, דעם צווייטן — פאַרטאָג ביזן זמן תפלה.) זאָל זי אים נאָך אָונט־ברויט, ווען די צייט איז צו שלאָפן, אַראָפּלאָזן דורכן פענסטער פון זייער שלאָפצימער אין גאַס אַריין, וועט ער גיין אין געהיים לערנען ביי דעם מגיד „בסתר״ — חכמת הקבלה — ביז דער צייט, ווען דער שווער קלאַפּט אָן אין זיין צימער, און וועקט אים אויף צום פאַרטאָגדיקן שיעור. אַזוי האָט זיך דער איידעם געפירט עטלעכע יאָר, ביז עס זענען איבערגעגאַנגען טויזנט נעכט, וואָס ער איז לגמרי אין זיי נישט געשלאָפן, און ער האָט זוכה געווען צו אָפענעם רוח־הקודש. דער סע־קולער מגיד האָט זיך אויף דער עלטער אויך מפורסם געמאַכט מיטן דרוקן דעם גרויסן מגידס ספרים: „אור תורה״ און „מגיד דבריו ליעקב״ און אויך מיט זיין אייגן ספר „דברת־שלמה״. נאָך זיין הסתלקות האָט דעם רבס איידעם ר׳ שלום זללה״ה אָנגענומען אַ רבנות־שטעלע אין בעלז ביי סעקול, און גע־וואָרן עפנטלעך אַ תלמידביים רבין פון לובלין, ר׳ יעקב יצחק איש הורוויטש זללה״ה.

נאָך דער הסתלקות פונעם רבין פון לובלין, איז ר׳ שלום זללה״ה (בעלזער רב) געפאָרן קיין סטרעליסק צום שרף ר׳ אורי זללה״ה. דער בעלזער רב האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע תנועות און אויסדרוקן. האָט ער זיצנדיק ביי ר׳ אוריס טיש אויסגענוצט זיינס אַ תנועה און זיך אויסגעדריקט: „אוי! טאַטע!״ געמיינט האָט ער דעם רבונו של עולם, אבינו שבשמים. (אונזער טאַטע אין

הימל.) דער סטרעליסקער זללה״ה האָט געטאָן אַ שטאַרקן ברום — ווי זיין געוואוינהייט — און אויסגעשריגן: „ודילמא לאו אביו הוא?״ (טאָמער איז ער נישט זיין פאָטער?) ר׳ שלום האָט תופס געווען, אַז ר׳ אורי האָט פאַר אים נאָך לימודים משלים צו זיין מיט זיי זיין עבדות צו השם יתברך. איז ער פאַרבליבן אין סטרעליסק אַלס יושב אויף אַ גאַנץ יאָר. נאָכדעם איז ער אַהיים געקומען קיין בעלז אַ מושלם בכל און איז נתגלה געוואָרן אַלס מנהיג ישראל, מתקן־נשמות ופועל־ישועות, און פון אים שטאַמט די בעלזער גוט־יידישע משפחה.

## סיפור נומער 19

ווי אַ הקדמה צום ווייטערדיקן סיפור, מוז מען באַמערקן, אַז צוריק מיט נאָענט צו צוויי הונדערט יאָר, ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט דאָס פייערדיקע בלוטיקע מחלוקת פון די מתנגדים אויף חסידים, איז כאָטש די מתנגדישע גאונים האָבן געמיינט ערנסט לשם שמים, (ווייל זיי האָבן חושד געווען, און אַ טייל פון זיי האָבן געהאַלטן פאַר זיכער, אַז די פאַרשפרייטונג פון חסידיזם איז ח״ו אַ המשך פון דער שבתי־צבי באַוועגונג.) און האָבן, דעריבער, גערודפט די חסידים נאָר מיט יידישע מיטלען: (השבעות, חרמות און דאָס גלייכן), האָבן זיך אָבער, ליידער, אַריינגעגנבעט אין די מתנגדישע רייען פיל משכילים פון דער בערלינער השכלהשער אַסימילאַציע. די דאָזיקע משכילים האָבן באַקומען אַ גרויסע דעה אין דער אָנפירונג פון די רדיפות אויף חסידים. איז דערפון אַרויסגעקומען אַ הכשר: מטהר צו זיין דעם שרץ בק״ן טעמים. ביז די אָנפירער פונעם מחלוקת האָבן אָנגענומען דעם יעזואיטישן כלל פון „התכלית מכשיר האמצעיים״. (דער ציל כשרט די מיטלען.) האָבן זיי מתיר געווען מסירות — פשוט צו מסרן יידן און זיי איבערגעבן אין גוי־אישע הענט. די משכילים האָבן דערפילט אין דער חסידישער באַוועגונג די גרעסטע קעגנערשאַפט צו דער פאַרשפרייטונג פון דער בערלינער אַסימילאַטאָרישער השכלה, האָבן זיי געוואָלט דאָס חסידות עוקר מן השורש זיין. האָבן זיי זיך נישט דערשראָקן אפילו פאַר דער הלכה פסוקה, אַז אַ מסור ווערט פאַררעכנט ווי אַ מומר לכל התורה, גלייך ווי אַ געשמדטער רח״ל.

צי יענער צייט זענען דריי גרויסע אָנפירער פון דער חסידישער באַוועגונג אָפגעפאָרן קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט קרוב צו צוויי הונדערט משפחות פון זייערע אָנהענגער. די דריי מנהיגים זענען געווען ר׳ מענדעלע וויטעבסקער זללה״ה, ר׳ אברהם קאַליסקער זללה״ה, און דער „רב״ זללה״ה. (דער ערשטער רבי פון דער ליובאַוויטשער גוט־יידישער משפחה.) אָבער אין מיטן וועג האָט דער עלטסטער פון די דריי, ר׳ מענדעלע וויטעבסקער גוזר געווען אויף דעם „רב״ זיך אומצוקערן און פאַרבלייבן אין חוץ־לארץ אַלס

דער מנהיג החסידים פון ליטע און רייסן. דעמאָלט האָט דער „רב" זללה"ה אויף זיך גענומען די הייליקע מצוה צו זאַמלען גרויסע נדבות אין חוץ־לארץ און איבערשיקן זיי קיין ארץ־ישראל אויסצוהאַלטן די עטלעכע הונדערט מש־פחות. מיט דעם האָבן זיך די מוסרים באַנוצט. זיי האָבן געשריבן קיין פעטערבורג, — די הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד, — אַז עס איז אויפגעקומען ביי ידן אַ סעקטע מיטן נאָמען „חסידים". זייער אָנפירער איז ר' שניאור זלמן לאַדיער, וואָס שיקט איבער גרויסע סכומים געלט צום טערקישן סולטאַן, אויפצובויען אַ גרויסן ים־פלאָט, צו קענען אָנפירן אַ מלחמה מיט רוסלאַנד. דערפאַר זאָל דער סולטאַן איבערגעבן די הערשאַפט איבער ארץ־ישראל צום רבין וואָס רופט זיך „רב", און דעמאָלט וועט ער זיך רופן „מלך ישראל".

דאָס איז געשען אין דער צייט פונעם צאַר פּאַוועל. (אַן ענלעכע מסירה פון בלויז דער השכלהשער־זייט איז פאָרגעקומען אין אַ שפּעטערדיקן דור. אין דער צייט פון רוסישן צאַר ניקאָליי דעם ערשטן, אויפן ריזשינער זללה"ה, וואָס איז געווען דער נשיא פון די ארץ־ישראל פושקעלעך פאַרן כולל וואָלין, און זיך געפירט אין זיין הויף אין ריזשין מלכותדיק.) מיט אַזאַ ווילדער פּאָליטישער מסירה האָט מען זיך אין פּעטערבורג שטאַרק גערעכנט, ווייל רוסלאַנד און טערקיי האָבן צווישן זיך קיינמאָל נישט געהאַט קיין פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען.

איצט צו דער דערציילונג. אין אַ געווויסן טאָג איז צוגעפאָרן אַ פּאָליצייאישע פאַרמאַכטע קאָטש צום רבס הויז, אים פאַרנומען און פאַרפירט שטרענג געהיים גלייך קיין פּעטערבורג. אַזוי אַרום האָט קיינער אינעם רבס הויז נישט געוואוסט וואו מען האָט אים פאַרפירט. דעם ערשטן פּראָטאָקאָל האָט ביי דעם רב אָפּגענומען דער אינערן־ און אויך דער יוסטיץ־מיניסטער פון יענער צייט.דער לעצטער האָט אנערקענט, אַז די מסירה איז דורכאויס אַ פאַלשע, און ס'איז בלויז אַן אויסגערעכנטער בילבול אויף אַן אומשולדיקן מאַן. איז דער מיניסטער גלייך צוגעפאָרן צו זיינעם אַ פאַרטרויאונגס־מאַן, אַ יידישן פּעטערבורגער סוחר מיטן נאָמען ר' משה מייזליש און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל זיך ביי אים אונטערשרייבן אַז ער גאַראַנטירט פאַר דעם רב, אַז ער איז אַן ערלעכער און אָרנטלעכער בירגער. און אויב דער ייד וועט עס נישט טאָן האָט ער — דער מיניסטער — מורא פאַרן צאַר פאַוועל צו באַפרייען דעם רב אויף אייגענער אחריות. ווייל דער צאַר פאַוועל פלעגט אַלץ אַליין קאָנטראָלירן. אָבער ר' משה מייזלעש, אַלס מתנגד, האָט אויסגעבעטן ביי דעם מיניסטער אַ געוויסע צייט אויף צו כאַפּן אַ יישוב הדעת, (איבערלייגונג), צי ער זאָל דאָס טאָן.

ווי דער מנהג פון יענער צייט, וואָס יידישע גבירים פלעגן אַריינקומען אין די גרעסטע ישיבות און זיך אויסקלויבן די בעסטע לומדישע ישיבה־בחורים

פאר אײדעמס, האט אזוי אויך געטאן ר׳ משה מײזליש: גענומען דעם גרעסטן עילוי פון ר׳ נטעלע ארסערס ישיבה צו זיך פאר אן אײדעם, געהאלטן אים בײ זיך אין הויז און אויסגעהאלטן מיט אלע הצטרכותן, און דער אײדעם האט געלערנט בהתמדה (שטענדיק) יומם ולילה. ר׳ משה האט געהאלטן זײן אײדעם פאר א גרויסן גאון און אויך פאר א ירא שמים. האט ער דעם אײדעם אנגעפרעגט די שאלה און געהײסן זיך גוט איבערקלערן און מברר זײן על פי הלכה, צי מען זאל דעם רב באפרײען. דער אײדעם האט אים געענטפערט: „נאכן איבערטראכטן אלע צדדי הספק פון דער שאלה, איז בײ מיר געבליבן א ספק אין הלכה. דארף דאך זײן דער פסק „שב ואל תעשה עדיף״. — נישט זיך מישן, און גארנישט טאן. אבער, דא קומט מיר להלכה ולמעשה אויס בהפך. דער מיניסטער וויל דאך דעם רב באפרײען. נאר פאר יוצא וועגן וויל ער כלומרשט אן אונטערשריפט, איז, אויב איר וועט נישט געבן די אונטערשריפט־גאראנטיע, וועט איר הײסן א „קום ועשה״ און איר וועט זײן דער רעכטער מסור.

ר׳ משה מײזליש האט אונטערגעשריבן, און דער מיניסטער האט דעם רב גלײך באפרײט און אים ארויסגעגעבן א באפרײאונגס־פאפיר. דער רב האט אים באדאנקט. דער מיניסטער, אבער, האט אים געזאגט: באדאנקען דארפט איר ר׳ משה מײזלישן. מיר קומט נישט קײן דאנק. איך האב נאר אויסגעפירט מײנע ערלעכע פליכטן, נאכדעם ווי איך האב אנערקענט אײער אומשולד. איז דער רב צוגעפארן צו ר׳ משהן און געוואלט אים דאנקען. ר׳ משה אבער האט אים געהײסן באדאנקען זײן אײדעם, ווײל ער האט ארויסגעגעבן דעם פסק, וואס האט געפירט צו זײן באפרײאונג. דער אײדעם האט, אבער, געזאגט דעם רב: בײ מיר איז עס פארבליבן א ספיקא דדינא, קען איך קײן דאנק נישט אננעמען. דער רב האט דעמאלט מיט פארביטערונג געזאגט: „רבונו של עולם! אויב עס קען פארקומען, אז א ייד, וואס האט געהאט די זכיה מיך צו באפרײען, זאל נאך זײן אין ספק, טאמער האט ער ח״ו געטאן דערמיט אן עבירה, וואלט איך בעסער צופרידן געווען צו בלײבן ארעסטירט״. די ווערטער האבן דעם אײדעם שטארק צערודערט. האט ער געענטפערט דעם רב. „אויב איר וועט מיר ברענגען א היתר פון מײן רבין ר׳ נטעלע ארסער אנצונעמען בײ אײך א דאנק, וועל איך מיט צופרידנקײט אננעמען״. — „אבער וואס וועט זײן, אויב ר׳ נטעלע וועט ווערן פון מײנע אנהענגער?״ — פרעגט דער רב. דער אײדעם ענטפערט: „אויב אזוי? זײט זיכער, אז מײן שווער, אויך איך וועלן זײן פון אײערע איבערגעגעבנסטע חסידים, ווײל דאס וועט בײ מיר זײן דער גרעסטער מופת״.

דער רב איז גלײך געפארן קײן ארסע. דארט האט ער זיך דערוואוסט, אז ר׳ נטעלע איז א וועלטס גביר. ער האלט אויס אויף זײנע אײגענע הוצאות

# חסידישע מעשיות

אַ גרויסע ישיבה' און אַלס גרויסער גאון פירט ער אַליין אַן מיט דער ישיבה, ווי אַ ראש־ישיבה. זיינע געשעפטן פירן אָנגעשטעלטע מענטשן, וואָס באַראַטן זיך מיט אים אַליין נאָר ביי אַ שווערן ענין. ר' נטעלע האַלט ביי זיך אויך אַן אָנגעשטעלטן אַלס צדקה־טיילער. ביז איין רובל צדקה (אין יענער צייט איז אַ רובל געווען גאַר אַ חשובע מטבע) האָט דער אויסטיילער אַליין רשות צו געבן. ווען העכער פון אַ רובל דאַרף ער שוין אָנפרעגן ביי ר' נטעלען. דער רב איז געקומען צום צדקה־טיילער. דער לעצטער איז אזוי דערשראָקן געוואָרן פאַרן רבס הדרת־פנים, — דער רב איז אויך געווען רייך געקליידט.— (דאָס האָט דער רב מקבל געווען פון ר' מענדעלע וויטעבסקער, וואָס איז געווען דער ערשטער צדיק צו זיין געקליידט אויפן רייכסטן אופן), אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מין מקבל צדקה מיינט נישט קיין איין רובל. האָט ער פון דערשראָקנקייט געעפנט פאַר דעם רב די טיר פון ר' נטעלעס חדר. ווען דער רב איז אַריינגעקומען און געטראָפן ר' נטעלען פאַרטיפט אין אַ שווערן ענין, אַזוי, אַז ר' נטעלע האָט נישט מרגיש געווען, צי ס'איז עמיצער אַריינגעקומען, איז דער רב געבליבן שטיין ביי דער פאַרמאַכטער טיר אײַנעוויניק.

ווען ר' נטעלע האָט אויפגעוואַכט פון זיין פאַרטראַכטקייט און דערזען אַן אומבאַקאַנטן מאַן אין זיין חדר (קעגן זיין געוואוינהייט, וואָרום קיינער פלעגט נישט אַריינקומען אין זיין חדר אומגעמעלדעט), האָט ער אַן איבערגעשראָקענער געפרעגט דעם רב: „ווער ביסטו?" — דער רב האָט געענטפערט: „שניאור זלמן לאַדיער". ר' נטעלע זאָגט אים דעמאָלט: „מען זאָגט אויף דיר, אַז ביזט קלאָר אין ש"ס". דער רב ענטפערט: „אין האַלב ש"ס". — „אין וועלכן?" — פרעגט ר' נטעלע. ענטפערט דער רב: „אין וועלכן איר ווילט". (באַמערקונג: דאָס איז אַ טייל פון מדת־ענוה. אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך. ספרים פאַרענטפערן פאַרוואָס רופן זיך חכמים, אין ש"ס, אַן נאָר תלמידי־חכמים, ווייל אַ ח[illegible]שלם איז נאָר השי"ת אַליין.) — „אויב אַזוי? — זאָגט ר' נטעלע. — „זאָגט זשע מי[illegible]פל מאָל געפינען זיך אין ש"ס די ווערטער „תא־שמע?". דער רב גיט אים אָן אַ צאָל. אָבער ר' נטעלע ענטפערט: „ניין". דער רב לאָזט זיך נישט אָפּווענדן און זאָגט: „אויב איר ווילט צורעכענען נאָך איין „תא שמע", וואָס געפינט זיך נאָך אין ש"ס, וואָס איז נישט אויף קיין קשיא, און אויך נישט אויף קיין פשיטות פון אַ ספק־איבעיא, איז דאָ נאָך איינער מער פון דער פריער אָנגעגעבענער צאָל.

ר נטעלע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, געגעבן דעם רב אַ פריינטלעכן 'שלום עליכם", אָנגענומען אים ביי דער האַנט, צוגעפירט צום טיש, און אים געבעטן זעצן זיך און אויך צו פאַרענטפערן פאַר אים צוויי זיך־סותרדיקע (קעגנזעצלעכע) מדרשים. אין מדרש רבה פרשת תשא שטייט: „אמר הקב"ה

למשה: כשם שבקשתי מסדום י׳ צדיקים, כן העמד לי מהם — מישראל — י׳ צדיקים ואיני מכלה אותם״. — ווען משה רבינו האָט געבעטן רחמים פאַר יידן, השי״ת זאָל זיי מוחל זיין. האָט אים השי״ת געענטפערט: ווען אברהם אבינו האָט ממליץ געווען פאַר סדום מיט איר סביבה, האָב איך צום לעצטן נאָר פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל מיר ווייזן צען צדיקים אין סדום, וועל איך אַלץ מוחל זיין. פאַרלאַנג איך פון דיר אויך צוצושטעלן פון די יידן צען צדי־קים, וועל איך זיי מוחל זיין. דער מדרש פירט דאָרט אויס: משה רבינו האָט פאַרגעשטעלט זיבן לעבעדיקע צדיקים און צוגערעכנט דעם זכות פון אונ־דזערע דריי הייליקע אבות: אברהם, יצחק ויעקב, איז צוזאַמען צען. און השי״ת האָט טאַקע באַלד מוחל געווען. אָבער, אין מדרש רבה עקב, פרשה ג׳, שטייט: „אמר לפניו משה וכו׳, ואני מעמיד לך מאלו פ׳ צדיקים וכו׳, הרי ע״ז וכו׳, יעמדו המתים וכו׳ כיון שעמד שלמה וכו׳, התחיל אומר ושבח אני את המתים וגו׳, מן החיים וגו׳ ״. — משה האָט צוגעשטעלט אַכציק צדיקים: זיבן און זיבציק לעבעדיקע און דריי נפטרים, די דריי אבות. איז דאָך קשה: אין „תשא״ באַניגנט זיך דער מדרש מיט צען צדיקים, און אין „עקב״ באַ־דאַרף ער שוין אַכציק, און אויך לויבט ער די מתים מער ווי די חיים. דאַרף מען פאַרשטיין: מיט וואָס זענען עס די נפטרים העכער ווי די לעבעדיקע?

דער רב האָט אויפן אָרט געענטפערט: „דער תירוץ געפינט זיך אין אַ בפירושער גמרא״. ר׳ נטעלע האָט געבעטן ביי דעם רב פינף מינוט צייט אויסצוגעפינען אַליין די גמרא, און ער האָט אַדורכגעבלעטערט גאַנץ ש״ס דורכן מוח און געזאָגט: „ניין״. (דאָס מיינט: איך זע נישט אַזאַ גמרא.) דער רב ענטפערט: „עס איז אַ בפירושע משנה״. ר׳ נטעלע בעט ווידער עטלעכע מינוט צייט און זוכט אַדורך גאַנץ משניות אויפן קאָפּ און זאָגט נאָכאַמאָל: „ניין״, און פרעגט שוין דעם רב: „אין וועלכן סדר?״ דער רב ענטפערט: „אין סדר נזיקין״. ר׳ נטעלע וויל ווידער אַליין אויסגעפינען, אָבער עס גע־לינגט אים נישט. בעט ער שוין דעם רב, ער זאָל זאָגן. דער רב זאָגט אים: „אין משנה הוריות ד׳, ב׳ איז דאָ אַ מחלוקת צווישן צוויי תנאים: ר׳ מאיר און ר׳ יהודה. ר׳ מאיר האַלט, אַז אַלע יידן זענען איין קהל. אַזוי האַלט אויך דער מדרש אין פרשת „תשא״. איז פאַרן גאַנצן קהל־עדת־ישראל גענוג געווען צען צדיקים. האָט משה רבינו צוגעשטעלט זיבן לעבעדיקע און דריי נפטרים, צוזאַמען צען. די לעבעדיקע האָבן מגין געווען גלייך ווי די נפטרים. אָבער, דער מדרש אין „עקב״ האַלט ווי ר׳ יהודה, אַז „שבט אחד איקרי קהל״ — יעדער שבט איז פאַר זיך אַ באַזונדער קהל, ווייל יידן זענען איינגעטיילט אין צוועלף שבטים. שבט לוי האָט דאָך נישט געזינדיקט, בלייבט עלף. באַדאַרף מען עלף מאָל צען. משה רבינו האָט אָבער נאָר געפונען עלף מאָל זיבן, צו־זאַמען זיבן און זיבעציק לעבעדיקע. האָט ער צו זיי צוגערעכנט די דריי אבות

צו יעדער שבט באזונדער, איז פון יעדער זיבן געוואָרן צען. קומט אויס, אַז יעדער לעבעדיקער האָט זיך נאָר גערעכנט פאַר איינעם, אָבער די אבות, די נפטרים, האָבן זיך צוגערעכנט צו יעדן שבט באַזונדער, — ווייל אַלע זענען דאָך זייערע קינדער, — האָט יעדער נפטר זיך גערעכנט פאַר עלף. דעריבער, לויבט שלמה די נפטרים מער ווי די לעבעדיקע.

ר׳ נטעלען איז דער תירוץ שטאַרק געפעלן. פרעגט ער דעם רב: „ווי קומט עס, וואָס מען זאָגט אויף אייך, — תלמידי־הבעש״ט, — אַז איר רעדט פון קאַרטאָפּלעס און זענט מייחד יחודים?״. דער רב ענטפערט אים: „ווי קומט עס, וואָס, אַז איר האַלט אין מיטן שמונה־עשרה, האָט איר אין זינען קאַרטאָפּלעס, דאַכט זיך, שוין בעסער צו רעדן פון קאַרטאָפּלעס און האַלטן ביי יחודים״. ר׳ נטעלע זאָגט דעם רב מיט גרויס הכנעה: „פון איצט אָן בין איך פון אייערע אַנהענגער״. דער רב דערציילט אים פון ר משה מייזליש מיטן אײדעם. ר׳ נטעלע שרייבט אים גלייך צו זיי אַ בריוו, אַנצונעמען אַ דאַנק ביי אַזאַ הייליקן מאַן.

חסידים ווייסן צו דערציילן, אַז ווען עס איז פאַרגעקומען דער קריג צווישן דעם רוסישן צאַר, אַלעקסאַנדער דער ערשטער, מיט נאַפּאַלעאָנען, זע־נען אויך געווען חילוקי־דעות צווישן די תלמידי־הבעש״ט והמגיד זללה״ה. ר׳ מרדכי פון נעסכעזש, ר׳ שלמה קאַרלינער, ר׳ נפתלי ראָפּשיצער און נאָך גרויסע צדיקים פון יענער צייט האָבן געוואָלט נאַפּאַלעאָן זאָל מנצח זיין. ווען ר׳ נפתלי האָט אַריינגעזעצט אין אויוון אַריין די מצות ערב־פסח ביי זיין רבין ר׳ מענדעלע רימענאָווער, האָט ער ביי יעדער מצה איינזעצן געזאָגט: „עוד חמש מאות רוסן יפּלו״. — נאָך פינף הונדערט רוסן זאָלן פאַלן אין קריג — אָבער, אַז זיין רבי, ר׳ מענדעלע האָט עס דערהערט, האָט ער אים געשטערט. אויך דער קאָזשעניצער מגיד זללה״ה האָט אין יענעם יאָר אַליין געלייענט די מגילה פאַרן קהל. האָט ער דעמאָלט הויך אויסגעשריגן: „נפול, תפול!״ דאָס מיינט: נאַפּאַלעאָן! דו זאָלסט פאַלן! (מיט אַ פּתח אונטער דער „נון״.)

דער הוסיאַטינער רב, ר׳ דוד פרענקל ע״ה, האָט מיר דערציילט, אַז אין יאָר תרע״ב האָט ער באַקומען אַ געהיימע ידיעה פונעם הוסיאַטינער סטאַראָ־סטע (פּאָליציי־הויפּט פון אַ קרייז), אַז עס האַלט ביי אַ קריג צווישן קייזער פראַנץ יוזעף פון עסטרייך מיטן צאַר ניקאָליי דעם צווייטן פון רוסלאַנד צוליב אַלבאַניע. האָט ער — דער רב — עס דערציילט פאַר דעם צווייטן רבין זללה״ה פון הוסיאַטין. האָט אים אדומו״ר זי״ע געזאָגט: „אין דער צייט פון דער נאַפּאַלעאָן־קריג זענען געווען חילוקי־דעות צווישן די צדיקי הדור, ווער עס זאָל מנצח זיין. איז ביי זיי געבליבן זיך צו פאַרלאָזן אויף אַ נייטראַלן צדיק, און דאָס איז געווען דער באַרדיטשעווער רב זללה״ה. האָט דער באַרדיטשע־ווער רב געענטפערט: „איך בין זיך נוהג יעדן פרייטאָג צו ביטן דאָס העמד.

אבער, נאר, ווען איך האב אנצוטאן א קלארס אויפן ארט פונעם קויטיקו. אבער, סתם בייטן א קויטיקס פאר א קויטיקס בין איך נישט קיין בעלן". ווי באַוואוסט, איז דער רב זללה"ה געווען אויף דער זייט פונעם צאַר אַלעקסאַנדער און ער האט עס אים געגעבן אַן עצה צוריקצוטרעטן טיף אין רוסלאַנד, און פארברענען הינטער זיך די פארלאזענע יישובים, און דורך דער עצה האט אלעקסאנדער געווינען די מלחמה.

ר' משה מייזלישן איז געווען באַקאַנט וואס עס טוט זיך ביי די רוסישע מיניסטאָרן: אַז זיי טראַכטן נאָר וועגן וואָס מער אַרויסצוזוגעבן בייזע, רשעותדיקע גזירות אויף יידן. האט ער געהאט תרעומות אין האַרץ אויף זיין רבין — דעם רב — פאַרוואס ער האלט נישט בעסער מיט נאַפּאַלעאָנען, וואס האט זיך אַנגעטאָן אַ מאַסקע פון אַ פעלקער־באַפרייער, און אויך — פון די אונטערדריקטע יידן. דער רב האט מרגיש געווען ר' משהס מחשבות ברוח־הקודש און געשריבן ר' משהן אין אַ בריוו: (איך זעץ דאָ איבער דעם בריוו פון לשון־הקודש אויף יידיש.) „אַזוי האט מען מיר געוויזן פון הימל ביי דער מוספדיקער תפילה פון היינטיקן ראש השנה: אויב באַנאַפּאַרטע — נאַפּאַלעאָן — וועט מנצח זיין, וועט דער יידישער מצב פאַרבעסערט ווערן מאַטעריעליש, עס וועט אָבער אָפּגעריסן ווערן דאָס יידישע האַרץ פון אונזער פאָטער אין הימל. אויב, אָבער, אדונינו הקיסר אלכסנדר וועט זיגן, וועט זיך דער יידישער מצב מאַטעריעליש פאַרערגערן, זיי וועלן, אָבער, זייערע הערצער שטאַרקער פאַרבינדן מיטן הימל. דעריבער, בעט איך טאַקע און פאַרזאָג אויך יעדן ייד צו בעטן פאַרן נצחון פון רוסלאַנד.

ליובאַוויטשער חסידים גיבן נאָך צו, אַז דער רב איז מיט אַ צייט פריער געווען ביי ר' פּינחס קאָריצער זללה"ה. האט ר' פּינחס געפרעגט דעם רב אויף דער סתירה פון די צוויי אויבן דערמאָנטע מדרשים, און ר' פּינחס אַליין האט זיי אַזוי פאַרענטפערט און אויסגעפירט: „זלמיניו! געדענק עס גוט, עס וועט דיר מיט דער צייט צונוץ קומען". הייסט עס: ר' פּינחס האט מכוון געווען ברוח הקודש אויף גאָר שפּעטערדיקע עתידות.

## סיפור נומער 20

צום ריזשינער זללה"ה איז אַמאָל געקומען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, אָפּגעגעבן אַ קוויטל און נישט איינגעשריבן קיין שום בקשות. דער ריזשינער האט איבערגעפרעגט דעריף. האט דער ייד געענטפערט: איך בין געקומען נאָר אייך אַנקוקן. איך בעט דעם רבין מיך אויסהערן, וועל איך דערציילן די סיבה דערפון. איך בין ב"ה אַ גרויסער סוחר און האב אויך אייגענע פּילוועריקע נחלאות. האב איך געשיקט פּליסירעס — בריקן צונויפגעקלאַפּט פון האָלץ וואָס שווימען אויפן אויבערפלאַך פונעם וואַסער — מיט אַלערליי מינים

האָלץ און אַנדערע סחורות צו פירן פון ליטע, פוילן און וואָלין קיין דאַנציק. איך האָב אין דעם טראַנספּאָרט אַריינגעלייגט מיין גאַנץ פאַרמעגן און נאָך געמוזט צולייען געלט ביי אַנדערע. מיטן טראַנספּאָרט האָב איך מיטגעשיקט מיין יידישן פאַרוואַלטער. (אַנפירער פון מיינע מסחרים.) ער האָט דאָרט גוט אָפּגעלייזט פאַר אַלץ, און געגעבן די שיפערס און אַלע באַדינער אויף הוצאות אַהיימצופאָרן. ער אַליין מיט דער קאַסע איז זיך געפאָרן דורך אַן אַנדערן וועג אַליין. אַלע זענען אַהיים געקומען, ער נישט. אין שטאָט איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז ערגעץ אַנטלאָפן מיט דער קאַסע. די בעלי־חובות זענען צו מיר צוגעטראָטן. האָב איך זיך מיט זיי געגלייכט: איך זאָל זיי אויסצאָלן צו ביסלעכווייז. איך האָב געהאַט גרויס צוטרוי צום פאַרוואַלטער, האָב איך געגלויבט, אַז עפּעס איז מיט אים געשען. האָב איך נאָך געשטאַרקט זיין ווייב און קינדער און זיי געצאָלט די זעלבע שכירות וואָס פריער.

היינטיקן ווינטער י״ט כסלו אין אוונט האָב איך געהאַט אַ חלום ברור, גלייך ווי בהקיץ: (איך האָב אַלץ געזען ווי וואַכעדיק.) דער פאַרוואַלטער שטייט נעבן מיר און זאָגט מיר אַ נאָמען פון אַ שטעטל, דעם נאָמען פונעם רב פון יענעם שטעטל, הייסט מיר, זיך גוט נעמען אין קאָפּ אַריין, נישט צו פאַרגעסן און פאָרן צום רב, אָפּנעמען מיין געלט מיט אַלע חשבונות. איך פרעג אים אין חלום־בהקיץ: „וואָס איז די סיבה, וואָס האָסט דאָרט איבער־געלאָזט דאָס געלט?" ער ענטפערט: ער איז דאָרט קראַנק געוואָרן און זיך געפילט נישט גוט, האָט ער געשיקט נאָכן רב און אים אַלץ אין געהיים אי־בערגעגעבן. פרעג איך אים: „הייסט עס, אַז דו ביסט שוין נישט אויף דעם עולם? פאַר וואָס זשע האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז האָסט דיך באַוויזן פאַר מיר?" ער ענטפערט: איר דאַרפט וויסן, אַז אַלץ וואָס עס שטייט אין די הייליקע ספרים איז אמת. ס'איז דאָ חיבוט הקבר, און נאָך זאַכן, און איידער מען רייניקט זיך אָפּ צו קומען אויפן אמתן מקום מנוחה געדויערט און גע־דויערט. יעדערער נאָך זיינע מעשים נאָך אויף דער וועלט. האָב איך געהאַט מיט מיר צו טאָן. אָבער, איצט, די נאַכט אויף י״ט כסלו האָט דער מלאך דומה, וואָס איז דער שר פון יידישע בית־החיימס, אויסגערופן: „איצט, איז י״ט כסלו, דעם רבין ר' בערס יאָרצייט, וועט ער אַדורכגיין איבער דעם בית־החיים אויפן וועג צו זיין גן־עדן עליה, זאָלן זיך אַלע נפטרים אויסשטעלן אין צוויי שורות. ער וועט אַדורכגיין אין דער מיט, און די נפטרים וואָס האָבן אים געזען אויף דער ערד, ביים לעבן, זאָלן אַרויסגיין עטלעכע טריט אין פראָנט פון דער שורה, וועט ער זיי מיטנעמען אין גן־עדן אַריין".

באַלד איז דער רבי ר' בער אַדורכגעגאַנגען מיט טויזנטער נפטרים, וואָס האָבן אים באַגלייט, און ער האָט געוויזן מיטן פינגער צו די אַלע וואָס זענען געשטאַנען אין פראָנט, און אָנגעוויזן יעדן זיין אָרט וואו ער זאָל זיך

שטעלן צווישן די באַגלייטער. איך בין געשטאַנען אין דער שורה. אָבער, אַז דער רבי ר׳ בער איז צוגעקומען צו מיר, האָט ער מיך צוגערופן מיטן פינגער. איך בין צוגעגאַנגען און אים געזאָגט: „רבי! דאָ איז אַן עולם האמת, איך האָב אייך ביי דעם לעבן קיינמאָל נישט געזען". דער רבי האָט מיר געענט־פערט: „אָבער, איך האָב דיך געזען. ווען דיין מאַמע איז געווען מיט דיר מעוברת, האָט זי מיר אָפּגעגעבן אַ קוויטל. נאָר איידער דו גייסט מיט מיר מיט, מוזטו גלייך גיין אָפּגעבן דייך בעל־הבית זיין געלט מיט די חשבונות." און דער רבי האָט מיר מיטגעגעבן אַ שומר, ער וועט מיך שוין צוריקפירן צו אים. האָף איך, אַז איך וועל שוין קומען צו מיין אמתן מקום־מנוחה. איך האָב מיין פאַרוואַלטער געפרעגט — האָט דער סוחר צוגעגעבן — צי עס זענען היינט אויך דאָ אַזעלכע גרויסע צדיקים, האָט ער מיר געענטפערט: „עס זענען דאָ, טאַקע דעם רבין ר׳ בערס אַן אייניקל, דער ריזשינער רבי, וואָס מיט זיין וואָרט רעכנט מען זיך זייער שטאַרק בעולם האמת". איך האָב אים געוואָלט נאָך אויפהאַלטן, — האָט דער סוחר ממשיך געווען, — אָבער ער האָט מיך געבעטן אים אָפּלאָזן און מוחל זיין פאַר דעם צער, וואָס איך האָב געליטן דורך אים אַזאַ צייט. איך האָב אים גלייך מוחל געווען און זיך אויפ־געכאַפּט און אַלץ געדענקט. האָב איך זיך פאַרשריבן דאָס שטעטל, דעם רבס נאָמען, און בין געפאָרן אַהין, און אָפּגענומען דאָס געלט מיט אַ חשבון צדק. האָב איך אויסגעצאָלט אַלע חובות און בין ברוך־השם רייך. וואָס זשע האָב איך פאַר אַ בקשות? איך, אָבער, האָב איך געוואָלט כאָטש זען. דער ריזשי־נער זללה״ה האָט אים געוואונטשן: ער זאָל זיין געזונט מיטן בני־בית, האָבן נחת פון די קינדער, און זען מגדל צו זיין דעם פאַרוואַלטערס קינדער לתורה לחופה ולמעשים טובים, וועט זיין עשירות האָבן ביי אים אַ קיום. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

## סיפור נומער 21

ר׳ אהרן קאַרלינער דער ערשטער — חסידים רופן אים „דער גרויסער רבי אהרן". — איז אַמאָל אַריינגעקומען צום רבין, ר׳ בער זיך געזעגענען, ווייל ער וויל אַהיימפאָרן. דער רבי האָט אים אָפּגעזאָגט. אָבער, גלייך ווי ר׳ אהרן איז אַרויס פון רבינס חדר, האָט דער רבי נאָכגעשיקט אייניקע פון זיין חבריא קדישא, מען זאָל נישט לאָזן ר׳ אהרנען אָוועקפאָרן. די תלמידים האָבן אים אויפגעהאַלטן. איז ר׳ אהרן צוריקגעקומען צום רבין איבערפרעגן, און דער רבי האָט אים נאָכאַמאָל אָפּגעזאָגט און ווייטער אונטערגעשיקט פון דער חבריא, מען זאָל אים צוריקהאַלטן פון דער נסיעה. אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל. ביז ר׳ אהרן האָט נישט געפאָלגט די אזהרה פון דער חבריא און גע־זאָגט: „ווען דער רבי וואָלט נישט וועלן, איך זאָל אַהיימפאָרן, וואָלט ער עס

מיר אַליין געזאָגט". און ר' אהרן איז אַהיימגעפאָרן. דאָרט איז ער באַלד נסתלק געוואָרן. פאַר גרויס ווייטיק פון ר' אהרנס הסתלקות האָבן זיך די חבריא אָנגענומען מיט מוט און געגאַנגען איבערפרעגן דעם רבין, ר' בער, פאַרוואָס ער האָט אָפּגעזעגנט ר' אהרנען. דער רבי האָט זיי געשיקט צו זיין גרובע־הייצער, דער שפּעטערדיקער רבי, ר' זישע פון האַניפּאָלע.

ר' זישע האָט זיי געענטפערט: אויף משה רבינו שטייט אַ שבח אין דער תורה: „בכל ביתי נאמן הוא — ער איז דער באַגלויבטער אין מיין הויז". — איז קשה: וואָס הייסט עס אַ נאמן אין השי"תס הויז, וואָס איז דען דאָרט דאָ צו גנבענען? דער תירוץ איז: ער האָט נישט אויסגעזאָגט, וואָס ער האָט געזען אין הימל, כל זמן מען האָט אים נישט געגעבן קיין רשות מגלה צו זיין. דער מדרש רבה, אין דברים פרשה ג', זאָגט: „שהיה משה מחבט עצמו לפניהם ואומר להם: אתם עוברים, ואני אינני עובר, והזכיר להם כל סנגוריא שביקש עליהם, שהיה סבור שהם מבקשים עליו רחמים, שיכנס עמהם, ופותח להם פתח, שמא יבקשו עליו רחמים, ולא היו מבינים". דאָס מיינט: משה רבינו האָט געוואוסט אויף זיכער פונעם הימל, אַז תפילת־הציבור אויף אים וועט מבטל מאַכן די גזירה, און ער וועט קענען מיטגיין מיטן כלל־ישראל קיין ארץ ישראל. האָט ער די יידן פיל מאָל מרמז געווען, און געגעבן אָנצו־הערן, זיי זאָלן פאַר אים מתפלל זיין. אָבער, אַז זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען — איז כאָטש ס'איז געווען פאַר זיינס אַן אייגענע טובה — האָט ער זיי דעם סוד — ווען בעטן פאַר אים בצבור — נישט מגלה געווען. דאָרפט איר פאַר־שטיין, אַז כאָטש דער רבי האָט אַלץ געוואוסט פון פריער און געזוכט עצות אָפּצוהאַלטן ר' אהרנען פון אַהיימפאָרן, אָבער, אויסזאָגן עפּנטלעך האָט ער נישט געקענט.

ר' אהרן האָט איבערגעלאָזט אַ מיידל אַ יתומה. האָט דער רבי, ר' בער זי משדך געווען מיט אַ בחור — אַ זון פון איינעם פון זיין חבריא — און גע שריבן אין די תנאים: מצד אחד הרב ר' נחום — דער בעל מאור־עינים זללה"ה — העומד מצד בנו החתן כמ"ר ר' מרדכי — דער שפּעטערדיקער באַוואוסטער רבי ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער זללה"ה — ומצד השני ר' דוב בער, העומד מצד היתומה הב' מרת... בת המנוח ר' אהרן. און דער רבי האָט מכבד געווען מיטן לייענען די תנאים זיין גרויסן תלמיד, ר' מענדעלע ווי־טעבסקער זללה"ה. ווען ר' מענדעלע איז צוגעקומען צו די ווערטער „בת המנוח ר' אהרן", איז ער געפאַלן אין חלשות. אַז מען האָט אים אָפּגעמונטערט, האָט דער רבי, ר' בער שמייכלענדיק אים געזאָגט: „מענדעלע! איך האָב דיך נישט געהאַלטן פאַר אַזאַ בטלן, וואָס זאָל זיך דערשרעקן זעענדיק דעם נפטר ר' אהרן שטיין נעבן זיך". ר' מענדעלע האָט געענטפערט: „איך האָב זיך דערשראָקן, ווייל איך האָב אים געזען אַ סך העכער און גרעסער, ווי איך

האָב פון אים געהאַלטן ביי זיך לעבן״. פון דעם זיווג זיינען געבוירן געוואָרן די הייליקע טשערנאָבלער קינדער: ר׳ אהרן טשערנאָבלער זללה״ה און נאָך.

בזיווג שני איז ר׳ מאָטעלע געוואָרן אַן איידעם פון ר׳ דוד לאַהקעס. פון צווייטן זיווג זענען געבוירן געוואָרן: ר׳ דודל טאַלנער, ר׳ יוחנטשע ראַכ־מיסטריווקער, דער טריסקער מגיד און נאָך. ר׳ דוד לאַהקעס איז אַמאָל געפאָרן קיין טשערנאָבל זיך זען מיט זיין טאָכטער. איז, ווייל ער איז דעמאָלט געווען דער עלטסטער צדיק פון זיין דור — ער איז נאָך געווען אַ תלמיד פונעם בעש״ט אַליין. — זענען אַלע חסידים פון יעדן שטעטל אין וועג אים אַקעגן געגאַנגען און אים אויפגענומען מיט אַ גרויסן בכבודיקן קבלת־פנים. ווען ער איז צוגעקומען צום טשערנאָבלער געגנט, וואו די מערהייט חסידים זענען געווען טשערנאָבעלער אָנהענגער, האָבן זיך די לעצטע אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע חסידים און זיך געשטעלט אין אַ באַזונדערער ריי. ר׳ דוד לאַהקעס האָט עס באַמערקט און געפרעגט דעם עלטערן פון די אָפּגעטיילטע וועגן דער סיבה. יענער האָט געענטפערט: „ווייל מיר זענען אייער איידעמס חסי־דים, איז פאַר אייך אויך אַ גרעסערער כבוד צו זען, וואָס פאַר אַ חסידים אייער איידעם האָט״. ר׳ דוד פרעגט אים: „האָט איר כאָטש אמונה אין אייער רבין?״ יענער ענטפערט: „מיר גלויבן, אַז וויפל עס איז מעגלעך אַ ילוד אשה זאָל זיך אויסאַרבעטן אויף דעם עולם, האָט זיך שוין אונזער רבי אויס־געאַרבעט״.

ר׳ דוד זאָגט: „איך וועל אייך דערציילן וואָס עס הייסט אמונה. מיר זענען אַמאָל געזעסן אַ גרויסע חבריא ביי דעם בעשט״ס שלש־סעודות־טיש. דער בעש״ט האָט דעמאָלט אזוי מאריך געווען, אַז נאָך תפילת־מעריב און הבדלה איז שוין געקומען די צייט פון סעודת־מלוה־מלכה. האָט אונדז דער בעש״ט געזאָגט: נאָכן היינטיקן שלש סעודות וויל איך אַ בהרחבהדיקע מלוה־מלכה־סעודה, ווייל עס איז שוין, אָבער, שפּעט צוצוגרייטן, פאַרלאַנג איך: יעדער איינער פון אייך זאָל געבן אַ רובל, — הונדערט רוסישע קאָפּי־קעס — וועט מען קענען קויפן צוגעגרייטע גוטע מאכלים פון די מעזשיבע־זשער גאַרקיכן (רעסטאָראַנען.) מיר זענען נאָך אַלע געווען אָנגעטאָן די בגדי־שבת. קיינער פון אונז האָט ביי זיך קיין געלט נישט געהאָט. בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָב געגלויבט, אַז דער רבי, דער בעש״ט, זאָגט, וועט זיכער מקויים ווערן. האָט איך אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און אַרויסגענומען אַ זילבער־רובל, און אזוי האָבן נאָכגעטאָן די גאַנצע חבריא. איז טאַקע געווען אַ פריילעכע מלוה־מלכה פון הרחבת הדעת אין גשמיות דמצוה, דערפון איז דערנאָך געקומען צו גדלות־המוחין ברוחניות. אָט דאָס הייסט האָבן אמתע אמונה אינעם רבין.

## סיפור נומער 22

ר׳ מענדל ע״ה, דער רב פון לעפּאָטין ביי בראָד, גאַליציע, האָט מיר איבערגעגעבן, וואָס אים האָט דערציילט אַ געהויבענער חסיד פון ר׳ יצחק סקווערער זללה״ה — ר׳ מאָטעל טשערנאָבעלערס אַ זון און דעם ריזשינערס אַן איידעם. — אַז ער אַליין, דער חסיד, האָט אַמאָל איבערגעפרעגט זיין רבין, ר׳ יצחק סקווערער, פאַרוואָס ער איז אַן אויסנאַם פון זיינע ברידער, די טשערנאָבעלער קינדער, וואָס זאָגן אַלע תורה ביי זייערע טישן, און ער — ר׳ יצחק — זאָגט נישט. דער רבי האָט אים געענטפערט: „ווען איך בין געווען אויף קעסט ביי מיין שווער, — דער ריזשינער זללה״ה, — פלעגט ער זיך נוהג זיין יעדן טאָג אַרויסצופאָרן מיט זיין קאַטש אויף שפּאַציר און מיטנעמען מיט זיך יעדן טאָג אַן אַנדער קינד. איינמאָל, אין אַ זומערדיקן זונטאָג איז אויסגעקומען מיין צייט מיטצופאָרן מיטן שווער אויפן שפּאַציר. זענען מיר צוגעפאָרן צו אַ קרעטשמע, נאָענט פון ריזשין. איז אויף דער פריסבע אינדרויסן געזעסן אַן עלטערער ייד אָנגעטאָן נאָר אין העמד את הויזן, און איבערן העמד האָט ער געטראָגן אַ גרויסן לייבצודעק. (ארבע כנפות מיט ציצית.) דער שווער האָט געהייסן אָפּשטעלן די קאַטש און מיר געהייסן זעצן זיך אין פראָנט נעבן קוטשער (פורמאַן), און ער האָט פאַרבעטן דעם אַלטן צו זיך אין קאַטש אַריין. מיר זענען צוגעפאָרן צום וואַלד. דער שווער מיטן אַלטן זענען אַריין אין טיפן וואַלד אַריין, און מיך האָט ער איבערגעלאָזט זיצן אין קאַטש מיטן פורמאַן.

דער שווער מיטן אַלטן זענען צוריקגעקומען שפּעטער, זיך אַריינגעזעצט אין קאַטש און צוגעפאָרן צו דער קרעטשמע. דער אַלטער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף דער פריסבע. מיך האָט דער שווער געהייסן זיך זעצן נעבן אים. פאַרנ־דיק אַהיים זאָגט מיר דער שווער: „ווען איך זאָג שבת ביי דעם ט״ש תורה, זאָג איך זי זונטאָג איבער פאַר דעם אַלטן, און אויב ער איז מסכים אַז עס איז אמת, ווייס איך, אַז די תורה איז מיר אָנגעקומען מסיטרא דקדושה״. פון דע־מאָלט אָן האָב איך אויף מיר גענומען נישט צו זאָגן קיין תורה, ווייל, אויב מיין שווער האָט נאָך געדאַרפן פאַר עמיצן איבערזאָגן זיין תורה, האָט ער כאָטש געוואוסט פאַר וועמען איבערצוזאָגן, אָבער איך? וואָס קען איך טאָן?״

דער זעלבער סקווערער חסיד האָט נאָך דערציילט דעם לעפּאָטינער רב, אַז שפּעטער מיט אַ צייט האָט ער — דער חסיד — געהאַט צו שטעלן צום פּריזיוו צוויי קינדער מיטאַמאָל: אַ זון און אַן איידעם. האָט ער אָפּגעגעבן אַ קוויטל צום רבין. דער רבי האָט אים געוואונטשן, זיי זאָלן באַפרייט ווערן. דער חסיד איז, אָבער, צוגעשטאַנען צום רבין, דער רבי זאָל זיך אויסביטן — פאָדערן — אַ געוויסן סכום פּדיון־נפש־געלט, וועט ער זיין זיכערער, אַז זיי וועלן באַפרייט ווערן.

אזוי איז געווען דער מנהג ביי אלע טשערנאָבעלער קינדער. זיי פלעגן זיך אויסביטן פדיון־נפש געלט כמעט ביי אלע בקשות, וואָס מען פלעגט ביי זיי פאַרלאַנגען, זיי זאָלן מתפלל זיין פאַר זיי. דאָס האָבן זיי איבערגענומען בירושה בקבלה פון זייער פאָטער ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעלער זללה״ה. חסידים דערציילן פון אים, אז ער איז אמאָל געפאָרן אין א דאָרף פאַר די פענצטער פון א רייכן אַרענדאַר, א ייד א מתנגד, מיט זיין בויד — און מיטגעהאַט האָט ער מיט זיך א מנין חסידים — און זיך אָפּגעשטעלט אין דרויסן, און געווען איז עס אום ווינטער. דעם מתנגד האָט נישט געפאַסט, איז ער אַרויס פון הויז און אַריינגעבעטן דעם רבין מיט די חסידים צו זיך אין הויז. דער רבי האָט געזאָגט: „דאָס קאָסט צען קערבלעך. דעם מתנגד האָט ווידער נישט געפּאַסט און ער האָט געגעבן. אין הויז האָט דער אַרענדאַר אים מכבד געווען מיט הייסער טיי. האָט זיך דער רבי נאָכאַמאָל געהייסן געבן צען קערבלעך פאַרן טרינקען די טיי. אזוי איז געווען אויך ביי דעם עסן. פאַר אלץ האָט דער אַרענדאַר געמוזט צאָלן במזומן.

שפּעטער צו, אז דער מתנגד האָט דערזען דאָס התלהבותדיקע דאַווענען פונעם רבין מיט די חסידים און געהערט שאַרפע תורות פונעם רבין ביי דעם עסן, איז ער ביי זיך בטל געוואָרן, און האָט שוין אויך מסכים געווען, ווי די חסידים האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל זיך פראַווען — אָפּגעבן א קוויטל — ביי דעם רבין. דער רבי האָט זיך געהייסן געבן א פדיון־נפש: גאַנצע דריי הונדערט קערבלעך. דער מתנגד פרעגט אים: „רבי! הייסט דען נישט דאָס גאַנצע געלט, וואָס איר האָט גענומען ביי מיר, און דאָס וואָס איר ווילט איצט, ממש, גזילה?״ דער רבי ענטפערט: „די גמרא זאָגט אין ברכות ג׳ ב׳: „כינור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד וכו׳ וכיון שעלה עמוד השחר נכנסו חכמי ישראל אצלו ואמרו לו: אדונינו המלך, עמך ישראל צריכים פרנסה אמר להם צאו והתפרנסו זה מזה. אמרו לו: אין הקומץ משביע את הארי, ואין הבור מתמלא מחולייתו״. מיר טייטשן די גמרא אזוי: די ידישע חכמים האָבן זיך געקלאָגט פאַר דוד המלך ע״ה. אזוי ווי ס׳זענען דאָ צוויי סאָרטן יידן. איין טייל הייסט „עמך״, דאָס פּראָסטע פאָלק, וואָס איז פאַרטאָג טאָג און נאַכט נאָר אין גשמיות, פעלט זיי אויס פרנסה אין רוחניות. דער העכערער טייל פון יידן, וואָס לערנען תורה לשמה, זיי רופן זיך „יש־ראל״. זיי פעלט אויס פשוטע פרנסה אין גשמיות. האָט זיי דוד המלך געענט־פערט: לכו והתפרנסו זה מזה. זאָל דאָס פראָסטע פאָלק שפּייזן די לומדי־תורה מיט גשמיות, און די לומדי־תורה זאָלן שפּייזן די פּראָסטערע מיט רוחניות. האָבן די חכמי ישראל געענטפערט: אין הקומץ משביע את הארי. דער קאָר־גער (ס׳שטייט: עשירים מקמצין, רייכע לייט זענען קאַרגע.) וויל נישט געבן אַנצוזעסן צו דער זעט דעם תלמיד חכם, וואָס הייסט „ארי שבחבורה״, און,

ממילא, קומט אויס: אין הבור מתמלא מחולייתו. דער גראָבער מענטש, וואָס רופט זיך „בור", אין מתמלא, קען נישט דערפילט ווערן פון זיין ערד, ער קען זיך נישט ארויסרייסן פון זיינע גשמיותדיקע ערדישע פאַרלאַנגען און קומען צו רוחניות. האָט זיי דוד המלך געגעבן אַן עצה: פשטו ידיכם בגדוד, פאַרט אַרום צווישן די רייכע יידן, פשוט, ראַבעווען."

„איצט, מיין ליבער ייד, בין איך אייך מודיע, אַז איך בין אויסגעקליבן געוואָרן פון אַלע תלמידי־הבעש"ט אומצופאָרן קלייבן נדבות פאַר די צדיקים נסתרים שבדור. זיי זענען צעשפרייט און געפינען זיך צווישן אָרימע רבנים, שוחטים, סופרים, מלמדים, שניידערס, שוסטערס, קאַוואַלעס, און לעבן בדחי־קות. אַז זיי דאַרפן מאַכן אַ שמחה, למשל: אַ ברית, אַ מזל־טוב, אַ חתונה, וואו זאָלן זיי נעמען? און זיי לערנען דאָך געוויס תורה לשמה, דעריבער, דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז איך גיב אייך מער, ווי איך נעם ביי אייך. עס שטייט: „יותר ממה שבעל־הבית עושה עם העני, עושה העני עם בעל־הבית. דער געבער גיט דעם מקבל צו שפייזן זיין גוף. דער מקבל שפייזט דעם נותן מיט אויפהויבן זיין נשמה און אויך מיט השפעות טובות אויף דער וועלט. ווי עס שטייט: „עשר, בשביל שתתעשר", וואָס מער מעשר דו וועסט געבן, אַלץ רייכער וועסטו ווערן". דעם מתנגד איז עס זייער געפעלן, און שוין מיטן גוטן רצון און מיטן גאַנצן האַרצן געגעבן ר' מאָטעלן די אָנגעבאָטענע דריי הונ־דערט קערבלעך.

איצט, צוריק צום סקווערער חסיד. דער רבי — ר' יצחק סקווערער — האָט אים געענטפערט: איך מוז מאַכן אַן אויסנאַם ביי דעם ענין פריזיוו (מיליטער־דינסט) פון מיינע אַלע ברודער. ווייל, ווען איך האָב געגעסן קעסט ביי מיין שווער אין ריזשין, איז אַמאָל אויסגעקומען מיין צייט מיטצופאָרן מיטן שווער אויף שפּאַציר. זענען מיר צוגעפאָרן צו אַ קרעטשמע. האָט מיר דער שווער געזאָגט: „גיי אַריין אין קרעטשמע, רוף מיר ארויס דעם „ייד". איך האָב אַרויסגערופן דעם ייד, וואָס האָט געהאַלטן די קרעטשמע אויף אַרענדע. דער שווער האָט אים געהייסן צוריקגיין, ווייל ניט אים האָט ער געמיינט. צו מיר האָט דער שווער געזאָגט: „איך פרעג דיך, אַז דיין טאַטע — ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער — וועט מיך פרעגן: וואָס האָסטו אויסגעלערנט מיין קינד אין דער צייט פון קעסט עסן ביי דיר? וואָס וועל איך אים קענען ענטפערן? איך האָב דיך דען געשיקט נאָכן קרעטשמער? גיי אַריין נאָכאַמאָל, דאָרט שלאָפט אונטער אַ טיש אַ ייד, אים רוף אַרויס!" בין איך נאָכאַמאָל אַריין אין קרעטשמע, געזוכט אונטער די טישן און געפונען אַ ייד אַן ארחי־ופרחי: באַלאַדן מיט אַ שווער געפעק אויף זיך, ליגן אויסגעצויגן אונטער אַ טיש און כראַפּען. האָב איך אים מיט דרך־ארץ אויפגעוועקט. אָבער, דער ארחי־ופרחי האָט איינגעצויגן איין פיס און אים צוריק אויסגעצויגן צו מיר

און געגעבן מיר אַזאַ שליידער, אַז איך בין אַזש אומגעפאַלן. דער ייד, דער קרעטשמער האָט מיך געקענט אַלס דעם ריזשינערס אײדעם, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ חוצפּה פונעם ארחי־ופרחים זייט, איז ער צוגעלאָפן דעם אורח מקיים פּסק צו זיין. האָב איך זיך מיט די לעצטע כוחות גיך אויפגע־הויבן און קוים געקענט צוריקהאַלטן דעם קרעטשמער, נישט צו טשעפּען דעם אורח. דעם לעצטן האָב איך מיט הכנעה געזאָגט: „מיין הייליקער שווער, דער ריזשינער, בעט איך אַרויסצוקומען צו אים". — „באַלד, באַלד", — האָט ער געענטפערט, און זיך אָנגעהויבן אָפּערצוראַטשקען פון אונטערן טיש מיט אַלע געפּעקן אויף זיך.

ווען ער איז אַרויסגעקומען האָט אים דער שווער פאַרבעטן זעצן זיך נעבן אים און מיך האָט ער געשיקט זיצן נעבן פורמאַן. אין מיטן וועג איז דער שווער מיטן אורח אַראָפּ פון קאַטש, פאַרזאָגט דעם פורמאַן נאָכצופאָרן זיי געלאַסן, אויך זיי האָבן שפּאַצירט צופוס פאַרויס און געשמועסט. ווען איך האָב באַמערקט, אַז זיי זענען שוין שטאַרק פאַרטיפט אינעם שמועס, האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט פון דער קאַטש און בין פאַרזיכטיק נאָכגעגאַנגען די צוויי שמועסער, — עפּעס אונטערצוהערן פונעם שמועס. האָב איך געהערט ווי דער אורח זאָגט צום שווער: „איך בין אַ שליח פון דער פמליא־של־מעלה צו אייך, איר זאָלט מסכים זיין אויף דער גזרה מן השמים: מען זאָל פון היינט אָן נעמען צום פריזיוו — מיליטער־דינסט — יידן פון איין און צוואַנציק יאָר אָן אַלט. זיי — דער בית־דין של מעלה — קענען גאָר נישט טאָן אָן אייער הסכמה". דער שווער האָט געענטפערט: „אויב עס ווענדט זיך אין מיין הסכמה, בין איך טאַקע נישט מסכים". דער אורח זאָגט ווידער: „מוז איך אייך זאָגן, אַז השי"ת — כביכול — אַליין האָט מיך געשיקט צו אייך זאָגן, אַז זיין רצון איז, — איר זאָלט מסכים זיין". דער שווער האָט געענטפערט: „אויב אַזוי? גיב איך זיך אונטער, מקיים צו זיין דעם רצון פון בורא עולם ומנהיג ברוך הוא, און איך בין מסכים". באַלד נאָכדעם איז דער אורח נעלם געוואָרן אין וועלדל אַריין. דער שווער איז צוריקגעקומען צו אונדז, און מיר זענען אַהיימגעפאָרן. ווייס איך דאָך פונוואַנען עס שטאַמט די גזירה פון פריזיוו פון איין און צוואַנציק יעריקע, דעריבער, קען איך זיך נישט אויסביטן קיין פדיון־נפש געלט אין פאַרויס. פונדעסטוועגן ווינטש איך דיר, אַז דיינע קינדער זאָלן ניצול ווערן פון גויאישע הענט. אַזוי איז טאַקע מקוים געוואָרן, און מיינע קינדער זענען באַפרייט געוואָרן. — האָט דער חסיד פאַרענדיקט זיין דערציילונג. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

## סיפור נומער 23

ווען דער ריזשינער זללה"ה איז געזעסן אין תפיסה האָט זיך פאַרנומען זיינס אַ חסיד, אַ גרויסער גביר צו פאָרן אים זען אין תפיסה. איז ער צום

ערשטן געקומען קיין ריזשין אינעם רבינס הויף אריין מיטצונעמען א גרוס צום ריזשינער פון זיין בני בית. דעם ריזשינערס מוטער האט אים אנגעזאגט, ווען ער וועט איר צוריקברענגען א גרוס פונעם זון, זאל ער פארלאנגען ביי דעם זון אויך א סימן, וועט זי זיין זיכער, אז דער גביר האט אים פערזענלעך געזען. ווען דער רבי האט אים — דעם חסיד — דערזען און אפגענומען דעם גרוס פון דער מוטער און דעם גאנצן בני־בית, איז ער אזוי פריינטלעך אריין אין א שמועס מיטן חסיד, אז דער חסיד האט באקומען מוט אים צו זאגן: „רבי, איך וויל אייך עפעס איבערפרעגן. איך וויל, אבער, פאראויס פון אייך אן הבטחה, אז איר וועט אויף מיר נישט מקפיד זיין. דער רבי האט אים דערלויבט צו פרעגן.

דער חסיד האט אנגעהויבן: „חסידים דערציילן, אז דער בעש״ט ביי זיין אנהויב התגלות איז אמאל געקומען קיין באר. (א שטעטל אין וואלין.) דארט האט שוין דער בעש״ט געהאט זיינע אנהענגער. דער בארער רב האט, אבער, נישט געוואלט גיין צום בעשט״ס קבלת־פנים. אז חסידים האבן דווקא פארלאנגט פונעם רב ער זאל גיין צום בעש״ט מקבל שלום זיין. האט דער רב געענטפערט: די וועלט האלט נישט דעם בעש״ט פאר קיין בר־אוריין, און ער באוויזט, אבער, גרויסע מופתים, איז עס נישט גלאטיק, קען ער — דער רב — נישט גיין צו אים. חסידים האבן אים אויסגעלאכט און געזאגט, אז דער בעש״ט איז א גרויסער גאון אויך אין נגלה. דער רב האט געשטעלט א באדינג: אויב דער בעש״ט וועט זיך לאזן פון אים — פונעם רב — פארהערן, און ער — דער רב — וועט אנערקענען, אז דער בעש״ט קען לערנען כאטש גמרא מיט פירוש רש״י, וועט ער אפגעבן דעם בעש״ט, אפילו, א קוויטל אויך. די חסידים האבן איבערגעגעבן דעם רבס באדינג דעם בעש״ט.

דער בעש״ט האט געגומען ביי דעם רב א לייענען. (א נסיון איבערן פשט פון א שטיקל גמרא.) איידער דער בעש״ט האט געזאגט דעם פשט, איז דער רב גערופן געווארן אין שעכט־הויז אריין צו א נויטיקער, שווערער שאלה. שפעטער, אז דער רב איז צוריקגעקומען, און דער בעש״ט האט אים געזאגט דעם אמתן פשט פון דעם לייענען, האט דער רב געזאגט: ווייל ר׳ גרשון קיטיווער איז דא מיטן בעש״ט, (ר׳ גרשון איז געווען דעם בעשט״ס שוואגער און איז געווען א באוואוסטער גאון.) קען מען דאך חושד זיין, אז אין דער צייט פונעם רבס אוועקגיין, האט ר׳ גרשון געלערנט מיטן בעש״ט די גמרא. וויל דער רב, דעריבער, געבן דעם בעש״ט א צווייט לייענען, און ער — דער רב — וועט שוין ווארטן, ביז דער בעש״ט וועט עס אים אין די אויגן אדורכ־לערנען און זאגן אים דעם פשט. דער בעש״ט איז אויף דעם אויך איינגעגאנגען און געזאגט דעם רב דעם פשט פון צווייטן לייענען. דער רב האט תיכף אנ־געשריבן א קוויטל און זיך געפראוועט ביי דעם בעש״ט. אין קוויטל איז געווען

געשריבן, אַז דער רב לײַדט דחקות אין פּרנסה. האָט דער בעש״ט גלײַך צו־זאַמענגערופן די ראשי־הקהל פון באַר אויף אַן אסיפה און געבעטן בײַ זײ צו געבן דעם רב אַן הוספה, כדי ער זאָל קענען לערנען תורה בהרחבה.

פון דעם דערציילטן זעט מען אַרויס די צדקות פונעם בעש״ט, און די גרויסקייט פון זײַן מדה אין סבלנות. כאָטש דער רב פון באַר האָט אים צוויי מאָל פאַרהערט אין לערנען, איידער ער האָט באַוויליקט צו געבן אים שלום, פונדעסטוועגן, האָט דער בעש״ט נישט מקפיד געווען און גלײַך, ווען דער רב האָט זיך געקלאָגט אויף דחקות אין פּרנסה, האָט זיך נאָך דער בעש״ט משתדל געווען מען זאָל געבן דעם רב אַן הוספה. אָבער אויף אײַך, רבי, זאָגט די וועלט, אַז ווען איר זענט געווען אין לעמבערג און אָפּגעשטאַט אַ וויזיט בײַ דעם רב, — דער באַוואוסטער גאון, מחבר פונעם ספר ישועות־יעקב, — האָט זײַן זון — דער יונגער וועלטס גאון — אײַך עפּעס פּוגע־בכבוד געווען, און איז אין אַ קורצער צייט דערנאָך, לא עלינו, נעדר געוואָרן. די פרומע לומדישע און חסידישע וועלט זאָגט, אַז דאָ איז מקוים געוואָרן די גמרא אין סוטה,מ״ט, א׳ : „שני תלמידי חכמים וכו׳ ואין נוחין זה לזה בהלכה״. (איינ־צלנע זאָגן : אַז דעם ישועות־יעקבס זון האָט בכוונה געשטעלט צום טיש פאַרן ריזשינער כיבוד, אַזאַ איינגעמאַכץ — געפרעגלטע פּרוכטן — פון עט־לעכע מינים צוזאַמענגעמישט, צו קענען אָפּחוזקן — אויסלאַכן פון אַ חסידישן רבין, אַז ער קען נישט די דינים פון ברכות־הנהנין. דער ריזשינער האָט מר־גיש געווען און נישט פאַרזוכט.) „אחד מת ואחד גולה״.—אַז צוויי רבנים קומען נישט אויס צווישן זיך, איז דער עונש : איינער שטאַרבט, דער צווייטער ווערט פאַרטריבן פון דער היים. הייסט עס דאָך, אַז דעם ישועות יעקבס זון איז געווען דער מת, און איר, רבי, זענט דער גולה.

דער ריזשינער האָט דעם חסיד געענטפערט: „איך בין געפאָרן קיין לעמבערג צום דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט. אין יעדן שטעטל, אין וועג, זענען מיר אַנטקעגנגעגאַנגען אנשים,נשים וטף. וואָס האָבן זיי געמיינט ? זיי האָבן גע־וואָלט אָנקוקן מײַן פּנים, כדי זיי זאָלן אויף זיך מקבל זײַן עול־מלכות־שמים. אין לעמבערג איז געווען אַ געזעץ, אַז פאַרנאַכט זאָל די שטאָט ווערן אָפּגע־שלאָסן. ערשט אינדערפרי, אַ זייגער צען, האָט מען געעפנט די שראַנקען. מײַנע אָנהענגער אין לעמבערג האָבן מודא געהאַט פאַרן גרויסן געדראַנג בײַ מײַן קבלת־פּנים, עס זאָל חלילה נישט קומען צו סכנת־נפשות. האָבן זיי דאָס פאַרגעשטעלט פאַר דער רעגירונג און געפועלט. אַלס אויסנאַם, מען זאָל פאַר מיר עפענען די שראַנק אַ זייגער נײַן אינדערפרי. פונדעסטוועגן איז בײַ מײַן אָנקומען געווען אנשים, נשים וטף. וואָס האָבן זיי געמיינט ? זיי האָבן געוואָלט אָנקוקן מײַן פּנים, כדי זיי זאָלן אויף זיך מקבל זײַן עול־מלכות־שמים. דעם ישועות־יעקבס זון האָט דאָס געאַרט. אַזאַ גרויסן כבוד האָט זײַן

פאטער נאך קיינמאל נישט געהאט. איז אלס חשוב ביי דער לעמבערגער שטאט־פארוואלטונג, האט ער געפועלט, מען זאל מיר נישט דערלויבן צו מאכן קיין מנין ביי מיר אויף דער אכסניא. איך האב געהאלטן אין לעמבערג חג השבועות. פרעג איך אייך, אזא ייד ווי איר, ווען איר האט מיט אייערס א ספר תורה ביי זיך, און מען לאזט אייך נישט אין שבועות, דעם יום־טוב פון קבלת־התורה, לייענען און דאווענען מיט מנין, וואלט אייך דען נישט געארט? אבער, גלויבט מיר, אז עס האט מיך גארנישט אנגעהויבן צו ארן.

„ווען עס האט זיך געענדיקט מיין קוראציע, האבן מיינע אנהענגער פארלאנגט פון מיר, איך זאל גיין צום ישועות־יעקב, וועט עס פאר אים זיין א כבוד. אויב נישט, וועלן זיי נאך מיין אפפארן ליידן רדיפות פונעם מתנג־דישן רבס צד. האב איך זיך פארוויכערט די ליולקע־ציביק און געגאנגען. ארויפגייענדיק אויף די טרעפ פונעם ישועות־יעקבס הויז איז מיר זיין זון אנט־קעגנגעגאנגען. ווען ער האט דערזען מיך רויכערן, האט ער אן אויפגערעגטער הויך געזאגט: „א העזה איז עס ארייננצוקומען צו מיין טאטן, דעם ישועות־יעקב מיט א רויכערדיקער ליולקע־ציביק”. האבן אים מיינע אנהענגער גע־זאגט: „ווען אונדזער רבי איז געווען ביי דעם אפטער רב, האט ער אויך גע־רויכערט”. האט זיך דעם ישועות־יעקבס זון אפגערופן: „וואס גלייכט איר עפעס א קאלביסאווער רבל צו מיין טאטן דעם ישועות־יעקב, דעם לעמבער־גער רב?” אט דאס האט אים געשאדט. (דער אפטער רב איז צום ערשטן געווען רב אין קאלביסאוו, דערנאך אין אפט, נאכדעם אין יאס, צום לעצט אין מעזשיבעזש.)

„בנוגע מיין תפיסה־זיצן, וועל איך אייך איבערגעבן א סוד, און דאס וועט אייך זיין א סימן פאר אייך מיטצונעמען צו מיין מאמען. איידער מיין רביצין איז נאך געווארן מעוברת מיט מיין יינגסטן זון, ר' מרדכי שרגא, (דער שפע־טערדיקער ערשטער רבי פון הוסיאטין.) בין איך געגאנגען צו דער מאמען זיך אן עצה האלטן און האב איר געזאגט: „מאמע, ס'איז דא א נשמה אראפ־צוציען פון עולם־העליון, וואס איז שוין מערער פון אכט הונדערט יאר נישט געווען אויף דעם עולם, און עס איז נגזר געווארן זי אראפצושיקן. זי וועט באגליקן די וועלט: סיי מיט רוחניות, סיי מיט גשמיות מיטן כח פון איר עבודות השם־יתברך. אבער, עס איז אויך נגזר געווארן, אז דער צדיק וואס וויל די נשמה, מוז אויף זיך נעמען צו זיצן א צייט אין תפיסה. פרעג איך דיך אן עצה, וואס צו טאן” די מאמע האט מיר געענטפערט: „וואס טוט דען נישט א טאטע צוליב קינדער”. און, דעריבער, זיץ איך טאקע אין תפיסה”. אז דער חסיד האט איבערגעגעבן דעם ריזשינערס מוטער דעם גרוס, האט זי זיך דער־מאנט אין איר עצה און באדאנקט דעם חסיד. דער סוף פון דעם ריזשינערס תפיסה־זיצן איז געווען: ר' מאירל פרימישליאנער האט צוגעזאגט א גרעניץ־

שמוגלער, אַז ער וועט זיכער האָבן עולם־הבא, אויב ער וועט אויף זיינע פלייצעס אַריבערטראָגן דעם ריזשינער איבערן טייך, וואָס איז ביי דער גרענעץ פון רוסלאַנד קיין עסטרייך, נאָכדעם ווי דער ריזשינער וועט אַנטלויפן פון תפיסה. אַריבערקומענדיק קיין עסטרייך האָט זיך דער ריזשינער, צום סוף, באַזעצט אין סאַדיגורע.

## סיפּור נומער 24

אין דער ערשטער צייט פונעם ריזשינערס אַריבערגיין די גרענעץ פון רוסלאַנד קיין עסטרייך האָט ער זיך באַזעצט צייטווייליק אין סקאַלע. פרייטאָג האָט דער סקאַלער רב, דער באַוואוסטער גאון, מחבר פון שו״ת בית שלמה, אַרויסגעשיקט דעם שטאָט־שמש קלאַפּן אין שול צו ליכט צינדן. האָט דער שמש דערזען דורכן פענצטער, אַז דער ריזשינער זיצט נאָך און פּראַוועט. — נעמט קוויטלעך מיט פדיונות — דער שמש האָט מודיע געווען דערפון דעם רב. איז דער לעצטער געלאָפן שוין אָן אָנגעטאָנער אין בגדי־שבת צום ריזשינער אים אָפּמוסרן. דער ריזשינער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, אוועקגעלייגט דאָס פּראַוועןָ, געהייסן צינדן ליכט און געזאָגט: „סקאַלער רבי! איך האָב אייך צו פרעגן אַ שאלה, צי על פי הלכה הייסט „אונס ממון" אַן „אונס". (לויט דער גמרא און פוסקים קומט אויס, אַז אויב מען נייט ח״ו אַ ייד עובר צו זיין אויף אַ מצוה פון דער תורה, און עס האַלט ביי סכנת־נפשות: אויב דער ייד וועט נישט פאָלגן, וועט מען אים הרגענען, מעג ער לכתחילה עובר זיין, כדי אָפּצוראַטעווען זיין לעבן. — יעבור ואל יהרג — חוץ פון דריי מצוות: עבודה־זרה, (טאָמער ח״ו נייט מען אַ יידן צו שמדן זיך), גילוי עריות (טאָמער ח״ו נייט מען אים צו זנות) ושפיכת דמים. (טאָמער נייט מען אים צו הרגענען אַ צווייטן ייד.) ביי די דריי מצוות איז די הלכה: יהרג ואל יעבור, ער זאָל נישט עובר זיין און בעסער זיך לאָזן הרגנען על קידוש־השם. אָבער, אויב, אַז ער וועט נישט פאָלגן, שרעקט מען אים מיט גרויסן געלט־שאָדן, איז לכתחילה טאָר ער זיכער נישט עובר זיין. עס פרעגט זיך אָבער: אויב ער האָט בדיעבד שוין אָפּגעטאָן און עובר געווען, צי קומט אים דערפאַר צו באַשטראָפן?)

דער גרויסער גאון און מתנגד — דער מחבר פון בית־שלמה — ענטפערט שוין דעם ריזשינער זללה״ה מיט גרויס הכנעה: „רבי! איך זע, אַז איר זענט אַ בעל־רוח־הקודש. איך האַלט טאַקע אינמיטן פונעם יישוב הדעת פון דער שאלה. היינטיקע וואָך האָט מיך אַ רב אָנגעפרעגט די זעלבע שאלה, עס ניצט אים צו וויסן וועגן אַ דין תורה. איך האָב דעם רב נאָך נישט געענטפערט. איך האַלט אים, אָבער, ביי ענטפערן, אַז היינטיקע צייטן אין שווערן ביטערן גלות, ווען יידישע פרנסות זענען זייער שווער, איז אונס ממון אַ גרויסער

אונס״. זאָגט אים דער ריזשינער: „סקאַלער רב! אַז השי״ת וועט אייך העלפן מברר (קלאָר מאַכן) צו זיין על פי הלכה ברורה, אַז עס הייסט אָן אונס, בעט איך אייך מוחל זיין, צו קומען צו מיר שבת צו נאָכטס נאָך הבדלה און פאַר מיר איבערזאָגן אייער פלפול אין דעם בירור הלכה, ווייל איך דאַרף עס נויטיק ויסן.

ווען דער סקאַלער רב האָט איבערגעזאָגט זיין פסק־הלכה פאַרן ריזשינער, האָט אים דער ריזשינער געזאָגט: „די רעגירונג האָט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ מודעה אין די צייטונגען, אַז זי האָט איבערצוגעבן אַ גרויסן פאַדראַט פון צושטעלן אַלערליי באַדערפעניש פאַר אַ מיליטערישער דיוויזיע. זענען זיך צוזאַמענגעקומען פיל פאַדראַטשיקעס און האָבן געמאַכט צווישן זיך יד אחת: יעדערער זאָל איינגעבן אַ דעקלאַראַציע, איינע אַ נידעריקערע — לויטן פרייז — פון דער צווייטער. דער לעצטער וואָס וועט זי דערהאַלטן, זאָל אַרויסצאָלן די איבעריקע אָפּטרעט־געלט. צווישן זיי האָט זיך געדרייט אַ פרומער ייד, אַ בטלן. די גרויסע פאַדראַטשיקעס האָבן זיך מיט אים נישט גערעכנט. איז ער אין געהיים געוואָר געוואָרן פון זייער אָפּמאַך, און אַריינגעגעבן די נידעריקסטע — לויטן פרייז — דעקלאַראַציע, און איז געבליבן ביי דעם פאַדראַט. אין אַ חודש אַרום האָט ער געדאַרפן אַריינברענגען אַ געוויסע סומע אַלס קאַוציע (אָן ערבות און משכון אַז ער וועט אויספירן אַלע באַדינגונגען פונעם קאָנטראַקט) און זיך אונטערשרייבן. די איבעריקע פאַדראַטשיקעס האָבן מיט כאַבאַר געפועלט ביי דעם רעגירונגס־אַנגעשטעלטן אויסצושטעלן דעם טאָג פון איינלייגן די קאַוציע און אונטערשרייבן זיך אויף שבת.

דער בטלן האָט צוזאַמענגעקליבן זיין ביסל פאַרמעגן, און צוגעליגן הלוואות ביי אַנדערע און געפאָרן צום אַנגעשטעלטן. צו זיין באַדויערן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז עס איז אָפּגעלייגט געוואָרן דאָס אונטערשרייבן זיך אויף שבת. האָט ער איבערגערעכנט ביידע צדדים און נישט געקענט אויסשטיין דעם נסיון: היזק צו האָבן זיין גאַנץ פאַרמעגן און נאָך בלייבן באַנקראָט? האָט ער אַריינגעלייגט די קאַוציע און אויך אונטערגעשריבן זיך אום שבת. איצט קומט פאַר זיין משפט אין עולם העליון. זענט איר סקאַלער רב, הייסט עס, מסכים, אַז אונס ממון אין אָן אונס, בין איך זיך מצרף מיט אייך און לאָמיר ביידע צוזאַמען מציל זיין אַ יידישע נשמה פון עונש־גיהנם. איך וועל שוין זען זי זאָל האָבן אַ תיקון. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

## סיפור נומער 25

ר׳ משה סאַווריינער, אַ באַוואוסטער גאון און צדיק (חסידים דערציילן פון אים, אַז אַ מתנגד האָט אים אַמאָל איבערגעפרעגט אויף זיין וועלטנעם זיכרון, האָט ער געענטפערט: די גמרא זאָגט: „כל שישנו בכלל שמירה,

ישנו בכלל זכירה" — ווער עס היט אָפּ די תורה, דער געדענקט זי אויך.) איז געווען אַ תלמיד פון רבין, ר׳ ברוך. נאָך ר׳ ברוכס פּטירה, ווען דער אַפּ־טער רב האָט זיך אַריינגעצויגן קיין מעזשיבעזש, פלעגט ר משה צופאָרן צו אים. דער וועג פון סאַווריין קיין מעזשיבעזש איז געווען צום נאָענטסטן דורך ריזשין. ר׳ משה האָט אויפגעלייגט זעקס רוסישע מייל וועג כדי אויסצומיידן ריזשין. דער אַפּטער רב האָט אים אַמאָל געפרעגט, צי ער האָט שוין אַמאָל מקבל־פּנים געווען דעם יונגן ריזשינער רבין, וואָס זיין שם־טוב קלינגט מסוף העולם ועד סופו. ר׳ משה האָט אים געענטפערט: „איך לייג בכוונה צו זעקס מייל וועג, כדי אויסצומיידן ריזשין". דער אַפּטער רב זאָגט אים בתמימות: „מיר דאַכט זיך, אַז עס לוינט זיך בעסער אויפצולייגן זעקס מייל וועג, כדי רואה צו זיין דאָס פּנים פון דעם יונגן צדיק". ר׳ משה איז שוין צוריקוועגס געפאָרן דורך ריזשין מקיים צו זיין דעם אַפּטער רבס רצון.

ווען ער איז אַריינגעקומען צום ריזשינער האָט אים דער ריזשינער מקבל־פּנים געווען בכבוד גדול און אים געזאָגט: „דער רבי, ר׳ ברוך איז אַלס יתום אויפגעהאָדעוועט געוואָרן ביי דעם זיידן ר׳ בעריש. — דער רבי, ר׳ בער. — ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט אים דער זיידע חתונה געמאַכט צו זיינס אַ גרויסן חסידס, אַ רייכן גוט־באַזיצערס אַ טאָכטער. דער לעצטער האָט שוין פון פריער געהאַט צוויי עלטערע איידעמס גרויסע תלמידי־חכמים ביי זיך אויף קעסט. זיי איז נישט געפעלן ר ברוכס הנהגה. מערסטנטייל פלעגט ער זיך פוצן די מלבושים, און זיך לאַנג פאַרזוימען ביים שפּאַצירן גיין און האָט גאָר ווינציק געלערנט. האָבן זיי דערציילט דעם שווער. האָט דער לעצטער גלייך איינגעשפּאַנט זיין קאַטש. די צוויי עלטערע איידעמס האָט ער געזעצט אין קאַטש נעבן זיך, און ר׳ ברוכן געזעצט אין פראָנט נעבן פורמאַן און געפאָרן מיט זיי אַלע צום זיידן פאַרקלאָגן ר׳ ברוכן. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין זיידנס חדר, האָט ער זיי נישט מקבל־פּנים געווען בסבר פּנים יפות. זענען זיי געבליבן שטיין ביי דער טיר און ר׳ ברוך איז געשטאַנען דער לעצטער ביי דער טיר. דער זיידע האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו דער טיר און אָנגענומען ר׳ ברוכן ביי דער האַנט, אַרויפגעפירט נעבן זיך און געבעטן אים זעצן און אים געזאָגט: „ברוך סערצע, דו פוצסט זיך מיט השי"ת, דו גייסט שפּאַצירן מיט השי"ת". דער שווער האָט שוין פאַרשטאַנען אים נישט צו פאַרקלאָגן. אַהיימפאָרנדיק האָט דער שווער געזעצט די איידעמס נעבן פור־מאַן און פאַרבעטן ר׳ ברוכן זיך צו זעצן אין קאַטש נעבן זיך. ר׳ ברוך האָט אים געזאָגט: „אַ קונץ דער רבי האָט אייך געזאָגט". ר׳ משה האָט דערין געזען דעם אָפענעם רוח־הקודש פונעם ריזשינער, אַז ער האָט מרגיש געווען דעם אַפּטער רבס דיבורים, און ר׳ משה האָט אים איבערגעבעטן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט אויסגעמיטן ריזשין און נישט מקבל־פּנים געווען דעם ריזשינער, זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

## סיפור נומער 26

צום ריזשינער זללה״ה איז אַמאָל געקומען איינער פון זיינע נאָענטע געהויבענע חסידים און זיך געקלאָגט אויף באַדערפעניששן פון דער וועלט. האָט אים דער ריזשינער געענטפערט: „אויף אַזעלכע זאַכן דאַרף מען אויך מיר דערקוטשען? דאָס קען מען באַקומען ביי היימישע חברה״. דאָס האָט מען שפּעטער איבערגעזאָגט פאַר זיין זון ר׳ אברהם יעקב זללה״ה. (דער ערשטער סאַדיגערער רבי.) האָט ער געזאָגט: „עס שטייט — עני חשוב כמת, און אַריי־מאַן איז גליך ווי אַ געשטאָרבענער; מי שאין לו בנים חשוב כמת, —אַ קינ־דערלאָזער איז אויך גערעכנט ווי אַ מת; אַ מת, ממש, איז דאָך זיכער אַ מת. קומט אויס: אויב איין ייד ווינטשט דעם צווייטן „לחיים״, מיינט ער מיט דער ברכה, אַז ער זאָל ווערן גערעכנט צווישן די לעבעדיקע. דאָס מיינט — ער זאָל געהאָלפן ווערן מיט חיים בנים ומזונות. (האָבן אריכות־ימים ושנים און קינדער צום לעבן, אויך פרנסה בהרחבה.) די ראשי־תיבות פון די דריי ווער־ער: „בני, חיי ומזוני״ זענען די אותיות „ב, ח, ו״. קענען זיי זיך אויסלייגן אַלס ראשי־תיבות פון: „בלשון חסידיו ועבדיו״. דאָס האָט דער טאַטע גע־מיינט זאָגנדיק, אַז צרכי־עולם־הזה קען מען באַקומען ביי היימישע חסידים און עובדי השם־יתברך, ווען זיי ווינטשן זיך „לחיים״. אין איין וועגס זענען די זעלבע דריי אותיות „ח, ב, ו״ אויך די ראשי־תיבות פונעם פסוק „חיל בלע ויקיאנו״. איז עס אַ תיקון הברית אויך״. דער ריזשינער אַליין האָט זיך פאַר־נומען מיט העכערע ענינים: מיט תיקון־נשמות.

פון ר׳ אברהם יעקבן אַליין האָט מיר דערציילט ר׳ מענדל האַלצער ע״ה, (פון הרובישוויו, לובלינער גובערניע, אין פוילן), אַז דער לעצטער איז אַמאָל געקומען קיין סאַדיגערע צום רבין, און דאָרט געטראָפן אַ דאָקטאָר־אינזשי־ניער פון פילאַדעלפיע, אַ סאַדיגערער געבוירענער, וואָס איז געקומען צייט־ווייליק אויף אַ וויזיט צו זיינע חסידישע עלטערן קיין סאַדיגער. ווייל אין דער יוגנט האָט דער דאָקטאָר אַליין געלערנט תורה אינעם רבינס בית־המדרש אין סאַדיגער, איז אים אויסגעקומען זיך אויך צו פראַווען (אָפּגעבן אַ קוויטל) ביי דעם סאַדיגערער רבין, ר׳ אברהם יעקב זללה״ה. דער רבי האָט זיך מיט דעם דאָקטאָר אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגן שמועס (אַן אויסנאַם פון זיין הנהגה מיט זיינע צו אים צוגעקנופטע חסידים.) און אויסגעפרעגט דעם דאָקטאָר אויף אַלע פרטים: ווי אַזוי ער האָט שטודירט, און וואָס איז איצט זיין באַ־שעפטיקונג. דער דאָקטאָר האָט דערציילט, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון פי־לאַדעלפיע צאָלט אים גוטע שכירות פאַר דורכגיין זיך יעדן טאָג איבער עטלעכע געוויסע גאַסן אין פילאַדעלפיע, און אַדורכקוקן אַלע געביידעס, און זען צי זיי זענען גוט געבויט און צי ס׳קען חלילה נישט קומען צו קיין סכנת־נפשות פון זייער אומפאַלן אָדער איינברעכן זיך. דער רבי פרעגט אים נאָך,

צי ער אליין וואוינט אויך אין די גאַסן, וואָס ער איז איבער זיי משגיח. דער דאָקטאָר ענטפערט, אַז ער וואוינט אין אַ צווייטער לוקסוסאָווער גאַס, און אַז עס איז אפילו פאַר אים אַ טירחא יעדן טאָג אזוי וויט איבערצושפּאַצירן זיך, פון זיין היים ביז די גאַסן, וואָס ער גיט אויף זיי אַכטונג. דער רבי זאָגט אים: „אין די גרויסע שטעט זענען דאָ קאָמעניצעס, וואָס אין זיי געפינען זיך באַזאָרגן אין זייערע קאָרידאָרן, וואָס האַקן זיך דורך פון גאַס צו גאַס. אַז איר וועט אַהיימקומען, זאָלט איר נאָכזוכן אַזאַ באַזאָר, וואָס דורך אים קען אייך זייער נאָענט זיין פון אייער היים אין יענע גאַסן אַריין״.

ר׳ מענדל האָלצער האָט מיר אויסגעפירט, אַז אין צווייטן יאָר איז ער ווידער געקומען קיין סאַדיגער און נאָכאַמאָל געטראָפן דעם זעלבן דאָקטאָר־אינזשיניער. האָט ער — ר׳ מענדל — זיך צוגעלאָזט צו אים און געפרעגט אויף דער סיבה פון זיין איצטיקער נסיעה. דער דאָקטאָר האָט אים געענטפערט, אַז איצט איז ער געקומען אַלס מאמין (גלויביקער), ווי אַ חסיד פאַרט צו זיין רבין. ווייל אַהיימקומענדיק האָט ער גלייך דעם ערשטן טאָג טאַקע דערזען אַ באַזאַר, וואָס פירט גלייך צו זיינע גאַסן, און איצט, קומענדיק דאָס צווייטע יאָר צום רבין, איז אים נאָך וואונדערלעכער געוואָרן: דער רבי האָט שוין קיין שמועס מיט אים נישט געמאַכט, נאָר אָפּגעפּראָוועט אים בקיצור, גלייך ווי ער פירט זיך מיט אַלע זיינע חסידים. אָבער, ער, דער אינזשיניער, האָט זיך געשטאַרקט, אַנגענומען זיך מיט מוט און האָט דעם רבין איבערגעפרעגט: „רבי! איר זיצט דאָ אין סאַדיגער און ווייסט בעסער וואָס עס טוט זיך אין פילאַדעלפיע, ווי איך וואָס בין דורכגעגאַנגען די גאַסן טאָג ביי טאָג שוין עטלעכע יאָר און נישט באַמערקט קיין באַזאַר״. דער רבי ענטפערט אים: „איך האָב אַ שטעקן מיט אַ קעפּל, וואָס אויף אים איז אויסגעמאָלט דער שאַר פון דער וועלט (די וועלטס־מאַפּע.) פיל, פיל האָבן אויף מיר תרעומות און פרעגן: וואָס טויג אַ רבין אַזאַ לוקסוסאָווער שטעקן? איר דאַרפט, אָבער, וויסן, אַז אַ ייד הויבט זיך אויף אין פרימאָרגן, און וויל מאַכן די ערשטע ברכה און זאָגן: ברוך אתה השם אלקינו מלך העולם, דאַרף דער ייד — אויב ער איז עס בכח צו טאָן — פריער אַדורכקוקן די גאַנצע וועלט, און דערנאָך ערשט זאָגן „מלך״. צו פאַרגרעסערן דעם שבח זאָל ער זען אויף וואָס פאַר אַ גרויסער וועלט מען מאַכט דעם בורא פאַר אַ מלך העולם. און, דעריבער, ווייס איך, וואָס עס טוט זיך אין פילאַדעלפיע אויך״. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

## סיפור נומער 27

דעם רב — מוהרש״ז מלאַדי זללה״ה — האָט אַמאָל דער רבי, ר׳ בער זללה״ה אויפגעהאַלטן ביי זיך נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געהאַט אָפּגעזעגנט די גאַנצע חבריא קדישא און אים געזאָגט: „זלמיניו! שטעל מיר אויס די

צורות פון כתיבת אותיות פון ספרי תורות, תפילין ומזוזות אויף אַן אופן, זיי זאָלן אויסהאַלטן להלכה על פי גדולי הפוסקים און אויך על פי קבלה". דער רב האָט געפאָלגט, און נאָך דעם פסק גלייך גערופן אַ סופר צום רבין, ר׳ בער צו שרייבן פרשיות פאַרן רבינס תפילין לויט די ניי־אויסגעשטעלטע צורות־האותיות פונעם רב. דער רבי, ר׳ בער האָט אים זייער פריינטלעך אָפגעזעגנט. זיין וועג אַהיים איז געווען איבער האַניפּאָליע. דאָרט האָט געוואוינט דער רבי, ר׳ זושא און אויך ר׳ משה סופר. דער רב האָט אין אונט אָנגעקלאַפּט ביי ר׳ משהן. האָט אַביסל געדויערט ביז ר׳ משה האָט אים געעפנט די טיר, און איז גלייך צוריק צום שרייב טיש. דער רב האָט זיך געשטעלט אונטער ר׳ משהס פּלייצעס און זיך צוגעקוקט צו זיין שרייבן.

ווי איבערראַשט איז דער רב געוואָרן דערזעענדיק ר׳ משהן שרייבן שוין מיט די ניי־אויסגעשטעלטע צורות. האָט ער איבערגעוואַרטן ביז ר׳ משה האָט משלים געווען די פרשה. ר׳ משה האָט זיך פאַרענטפערט, פאַרוואָס דאָס עפענען די טיר האָט צו לאַנג געדויערט, ווייל ער האָט געהאַלטן אין מיטן כתיבת־השם און נישט געטאָרט מפסיק זיין. דער רב האָט אים געפרעגט: „ווי קומען צו אייך די נייע צורות־האותיות ?" האָט ער געענטפערט: „צוריק מיט עטלעכע טעג האָט ר׳ זושא מיך געשיקט רופן און געהייסן זיך שרייבן נייע פרשיות לויט די דאָזיקע צורות־האותיות און געזאָגט, אַז ער האָט געזען אין הימל אויסגעמאָלט אַזעלכע צורות־האותיות, מיט וועלכע מען זאָל פון היינט אָן שרייבן ספרים תפילין ומזוזות. נאָכדעם האָט אים דער רב איבערגעגעבן וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען ביי דעם רבין, ר׳ בער. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָב איך דערציילט דעם סיפור פאַר אַ היגן ליובאַוויטשער חסיד. יענער האָט אים גלייך פה אל פה איבערגעגעבן דעם רבין, ר׳ יוסף יצחק זללה״ה. האָט דער רבי ז״ל געענטפערט: „אין מיין יוגנט האָט מיר דעם סיפור דערציילט איינער פון מיינע הייליקע רביס און געזאָגט, אַז „אין זעקס און פופציק יאָר אַרום וועט מען אים פאַר מיר נאָכאַמאָל דערציילן". אַט האָט איר אַן אָפענעם רוח־הקודש. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.

## סיפור נומער 28

ר׳ דוד שוואַגער ע״ה — דער אויבער־מקורב פון הוסיאַטין — האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אים האָט דערציילט אַ ייד אַ זקן, וואָס אין זיין יוגנט האָט אים דערציילט זיינס אַ שווער, וואָס ביי אים אין הויז איז פאָרגעקומען די מעשה, וואָס איך גיי דערציילן. ר׳ וועלוועלע זבאַרישער איז אַמאָל פרייטאָג אין דער פרי אַריינגעפאָרן קיין טרעמבאָווּלע ביי טאַרנאָפּאָל און זיך אָפּגע־שטעלט אין מיטן מאַרק. דער שווער פונעם דערציילער, אַלס נאָענטער שכן, האָט דעם רבין פאַרבעטן צו זיך אויף שבת. ווען ער האָט דעם רבין — לויט

דעם פאַרלאַנג פונעם מקורב — אונטערגעשטעלט פאַר אַ פוס־בענקעלע אַ הילצערן סעפּעטל (אַ רענצעלע) אַנצושפּאַרן די פיס אויף דעם. איז גלייך ווי דער רבי האָט אַנגערירט מיט די שפּיץ־פינגער דאָס סעפּעטל, האָט ער זיי אַזוי גיך און איבערגעשראָקן אַראָפּגעכאַפּט צוריק, גלייך ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט. דער מקורב האָט געעפנט דאָס סעפּעטל און געפונען אינעווייניק ליגן דאָס הייליקע ספר „קב הישר״. האָט ער עס אַרויסגענומען און אַ צווייט מאָל אונטערגעשטעלט דאָס סעפּעטל, און דער רבי האָט שוין געהאַלטן די פיס רואיק. באַלד איז אָנגעקומען אַ גרויסער עולם צום רבין מקבל פנים זיין. ר׳ וועלוועלע האָט איבערגעפּרעגט אויף דעם חידוש, וואָס מען לויפט דאָ צו אים מער ווי אין אַלע אַנדערע שטעט. דער בעל־אכסניא — דעם דערציילערס שווער — האָט געענטפערט: „ווייל דער רבי האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן פאַר אַ בעל־רוח־הקודש מיטן אַראָפּכאַפּן די פיס פון אַ סעפּעטל, וואָס אינעווייניק איז געלעגן אַ הייליק ספר. קיינער האָט דאָך דעם רבין דערפון נישט מודיע געווען״. ר׳ וועלוועלען האָט די וועלט גערופן „דער תם״. האָט ער געוואָלט פאַרקלענערן דעם באַדייט פון מופת און געזאָגט בתמימות:

„איך האָב געהערט פון ר׳ זושאַן: (דער רבי ר׳ זושא.) ס׳שטייט ביי דער עקידה „וישלח אברהם את ידו ויקח את המאכלת לשחוט את בנו״. איז דאָך קשה, ס׳וואָלט דאָך געווען גענוג ס׳זאָל שטיין „ויקח אברהם את המאכלת לש־חוט וגו״ — אברהם אבינו האָט גענומען דאָס מעסער צו שחטן זיין זון יצחק. דער תירוץ איז: ווען השי״ת האָט געבאָטן אברהמען אויף מצות־מילה, האָט ער אים צוגעזעצט דאָס אות „ה״ צו זיין נאָמען, ער זאָל הייסן „אברהם״. טייטשט דאָרט רש״י: כדי, דער נאָמען זאָל באַטרעפן אין צאָל, לויטן חשבון פון די אותיות פונעם אלף־בית, צוויי הונדערט אַכט און פערציק, אַנטקעגן דער צאָל איברים פונעם מענש. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז דורך דער קדושה פון מצות־מילה וועט אברהם זוכה זיין, אַז זיינע אַלע צוויי הונדערט אַכט און פער־ציק איברים וועלן נאָר טאָן, וואָס עס איז דער רצון־הבורא־יתברך. און ביי דער עקידה האָט דאָך השי״ת נאָר געפּרוווט אברהמען, ווי רש״י טייטשט: השי״ת האָט אים נאָר געזאָגט: „והעלהו״, — ברענג אים אויף — נישט „ושחטהו״, — שעכט אים, — האָט אברהמס האַנט זיך נישט געוואָלט צורירן צום מעסער. ווייל דאָס איז דאָך נישט געווען דער רצון־הבורא. אָבער, לויט אברהם האָט אויסגעטייטשט די כוונה, אַז מען מיינט דווקא שחטן, האָט ער געניט זיין האַנט זי זאָל נעמען דאָס מעסער. איצט דאַרפט איר פאַרשטיין, אַז ס׳איז גאָר נישט קיין רוח־הקודש, נאָר גאָר פּשוט, מיינע פיס אַליין האָבן זיך נישט געוואָלט אַרויפשטעלן אויף אַ סעפּעטל, וואָס אינעווייניק ליגט אַ הייליק ספר״. דער עולם יידן האָט שמייכלדיק געענטפערט: „מען רופט „תם״, איז טאַקע „תם״. רבי! איר האָט דאָך איצט דעם מופת נאָך פאַרגרעסערט, אַז אייערע פיס אַליין האָבן שוין רוח הקודש״. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

## סיפור נומער 29

איינער פון דעם ריזשינערס קינדער האָט אַמאָל מחדש געווען די לבנה. איין געהויבענער חסיד האָט זיך פאַרשפּעטיקט און איז אָנגעקומען אין מיטן זאָגן: האָט ער זיך מיישב געווען: די לבנה וועט ער מחדש זיין שפּעטער ביחידות, אָבער איצט וועט ער בעסער זען, ווי אַזוי דער רבי איז מחדש. נאָך קידוש-לבנה האָט דער רבי אַליין געטיילט פאַר יעדן לעקעך מיט וויין און זיי געוואונטשן „לחיים" מיט „אַ גוטן חודש". אַז ס'איז געקומען צו יענעם חסיד, האָט אים דער רבי געזאָגט: „איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה: דער לובלינער — ר' יעקב יצחק איש הורוויטש הלוי זללה"ה, דער רבי פון לובלין. — איז געווען צוויי מאָל ביי דעם זיידן ר' בעריש. — דער רבי, ר' בער. — ווען ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל האָט ער פּונקט געזען אַריינטראָגן צום זיידן די לעבעדיקע פיש, וואָס מען האָט געקויפט לכבוד שבת. (אַזוי איז שפּעטער אויך געווען דער מנהג ביי זיינע אייניקלעך, דעם ריזשינערס קינדער. מען פלעגט צו זיי אַריינטראָגן די לעבעדיקע פיש אָנצוקוקן און נאָכדעם פלעגט מען זיי ערשט אַריינטראָגן אין קיך אַריין.) דער לובלינער איז מיטגעגאַנגען און אויך אָנגעקוקט די פיש. דער לובלינער האָט געהאַט אָפענע אויגן. די וועלט פלעגט אים רופן „דער פוילישער חוזה". איז אים איין פישל געפעלן. איז ער מיטגעגאַנגען אין קיך אַריין. ווען די קעכין האָט צעשניטן די פיש, איז אים קוים איין שטיקל פיש געפעלן. האָט ער זיך דערין געמאַכט אַ סימן מובהק, (אַ פעסטן צייכן), אַזוי ער זאָל עס שבת ביי דעם זיידנס טיש דערקענען.

ביי דעם זיידנס טיש זענען געזעסן אַרום די חבריא קדישא, ששים גיבורים. דער רב — מוהרש"ז זללה"ה פון ליאַדי — איז געווען דער זעירא דמן חבריא. (דער יינגסטער פון דער חברה.) איז ער געזעסן דער לעצטער ביי דעם טיש. דעם לובלינער האָט דער מקורב אַנידערגעשטעלט, — געמאַכט פאַר אַן עומד — מיטן זיידנס הסכמה — אונטערן זיידנס בענקל. ווען מען האָט אַרויפגעבּרענגט די פיש צום טיש, האָט דער לובלינער אַרומגעזוכט זיין אָנגעצייכנט שטיקל פיש ביי די אויבערשטע טיש-זיצער און נישט געפונען. איז ער אָפּגעגאַנגען פון אונטערן זיידנס בענקל און אומעטום אַרומגעקוקט, ביז ער האָט עס געטראָפן ביי דעם לעצטן טיש-זיצער, דעם רב. האָט זיך דער לובלינער אַנידערגעשטעלט אונטערן רבס בענקל און באַשלאָסן ביי זיך איין געדאַנק אָפּצוּוואַרטן, ביז וואַנען דער זיידע וועט פאַרזוכן פון זיין טעלער פיש. דעמאָלט וועלן דאָך אַלע טיש-זיצער אויך עסן פון זייערע טעלער, וועט ער בעטן דעם רב, ער זאָל אים געבן צו פאַרזוכן פון זיין שטיקל פיש. אָבער, גלייך ווי דער זיידע האָט טועם געווען און אַלע האָבן שוין געגעסן די פיש, האָט דער רב גאָר נישט טועם געווען, נאָר זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צום לובלי-

נער, און אים דערלאַנגט דאָס גאַנצע טעלערל פיש אומבאַרירט און געזאָגט: „נאָ דיר, יונגערמאַן! אין אדם נוגע במוכן לחברו — קיינער קען נישט צונעמען דאָס, וואָס איז פון הימל אָנגעשריבן געוואָרן פאַרן צווייטן". נאָכדעם האָט זיך דער זיידע איבערגעבויגן איבער אַלע מסובין און דערלאַנגט זיין טעלער שיריים דעם רב.

נאָכן טיש האָט דער זיידע געזאָגט דעם רב: „דער יונגערמאַן — דער לובלינער — געפעלט מיר, זלמיניו! זיי אים מקרב". וואָס זשע איז געווען דאָס התקרבות? ס'איז אַמאָל געווען אַ וואָכעדיקער טיש, וואָס נישט יעדערער האָט פון אים געוואוסט. האָט דער רב מודיע געווען דעם לובלינער און אים מיטגענומען צום טיש. דעמאָלט האָט דער זיידע מכבד געווען דעם לובלינער מיט בענטשן. דער לובלינער האָט זיך געהאַט זיינע תנועות. האָט ער געבענטשט הויך מיט זיינע תנועות. די חבריא האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט און געוואָרפן אַ קרום אויג אויפן רב, פאַרשטייענדיק אַז ער האָט אָהערגעברענגט דעם אורח. דער רב האָט דעם לובלינער שטילערהייט געטאַרקעט, אָבער דער לובלינער האָט זיך געטאָן זיינס און ווידער געעבנטשט מיט זיינע תנועות. נאָכן בענטשן האָט דער רב געפרעגט דעם לובלינער: פאַרוואָס האָט איר מיך מצער געווען? די גאַנצע חבריא האָט דאָך אויף מיר תרעומות? האָט דער לובלינער געענטפערט: „אויב איך וועל נישט בענטשן, וועט דאָך דער רבי נישט האָבן וואָס מעלה צו זיין". דעם ריזשינערס קינד האָט אויסגעפירט צום חסיד: „אַז דו וועסט נישט מחדש זיין די לבנה, וואָסזשע וועל איך מעלה זיין?" זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

## סיפור נומער 30

צום ריזשינער איז אַמאָל געקומען אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, נישט קיין חסיד, וואָס איז צופעליק געשעפטלעך דורכגעפאָרן ריזשין און פאַר נייגיריקייט זיך געגאַנגען פראַווען ביי דעם ריזשינער, כדי אין איין וועגס זיך צו באַקענען מיט אים. ביי דעם פראַווען האָט אים דער ריזשינער געזאָגט: לויט אייער קוויטל זענט איר דאָך מערסטנטייל אין וועג, צוליב דעם וואָס איר האַנדלט צווישן פריצים. דאַרפט איר וויסן: „ס'שטייט — „תכין לך הדרך". (זאָלסט דיר צוגרייטן דעם וועג.) דאָס וואָרט „תכין", איז נוטריקין: (ס'לייגט זיך אויס לויט די ראשי־תיבות): תפילין, ככר, יין, נר. אַ ייד, אַז ער פאָרט אין וועג אַריין, דאַרף ער זיך מיטנעמען די פיר זאַכן: תפילין, ברויט, וויין (אָדער בראַנפן.) און אַ ליכט. דער ייד האָט געפאָלגט און געווען פון דעמאָלט אָן געוואָרנט מיטצונעמען מיט זיך די אַלע פיר זאַכן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אין אָוונט אַריינגעפאָרן מיט זיין פערד און בודקע אין אַ קרעטשמע. דער קרעטשמער האָט אים אויסגעשפאַנט דאָס פערד און אים אַליין

אריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער. געגעבן אים אַ ווּנטערבּרויט און אויסגע־בעט אַ געלעגער. נאָכן עסן האָט זיך דער אורח אַרויסגענומען אַ גמרא פונעם רענצעלע און זיך געזעצט לערנען. איז אַריינגעקומען דער קרעטשמער און צוגענומען ביי אים דעם לאָמפּ מיט אַן אויסרייד, אַז ער מעג שוין גיין שלאָפן, ווייל דעם לאָמפּ דאַרף ער פאַר אַ פרישן אָנגעקומענעם אורח.

אונזער אורח איז עס נישט געפעלן. האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער לייגט זיך שלאָפן, און אין געהיים אָנגעצונדן זיין ליכט — לויט דעם ריזשינערס תורה — און גוט אַרומגעקוקט זיין צימער. האָט ער דערזען פונקט קעגן זיין קאָפּ אויף זיין געלעגער אַ קיילעכדיקן לאָך אין דער וואַנט. האָט ער פאַר־שלאָסן זיין צימער אינעווייניק און זיך פאַרבאַהאַלטן. שפּעטער צו האָט אַריינגעשיינט דורך דעם לאָך אין דער וואַנט, ווייל אין שטוב איז געוואָרן ליכטיק. אונדזער אורח האָט זיך ווייטיק צוגעקוקט און געזען, ווי דער קרע־טשמער טרינקט אויס — צו מאַכן זיך אַ רוצחיש האַרץ — אַ גרויס גלאָז שטאַרקן בראָנפן, און זעצט אַריין דאָס פּיסקל פון אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָל־ווער אינעם לאָך פון דער וואַנט, קעגן זיין געלעגער און שיסט אויס. די קויל איז אַריין אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט. באַלד האָט זיך דער קרעטש־מער געלייגט שלאָפן. אונדזער אורח האָט באַרעכנט, אַז אַזויערנאָך הרגעט דער קרעטשמער אַוועק אַלע רייכע אורחים. ער דערשיסט זיי און פאַרטאָג באַגראָבט ער זיי אין זיין הויז. דער אורח האָט געוואָלט אויפרייסן אַ פענסטער, אָבער נישט געקענט, ווייל פון דרויסן זענען געווען פאַרקאָוועטע לאָדנס. צו זיין גליק האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַ גרויסע צאָל פויערישע פאַרנאָלעס צו דער קרעטשמע און אָנגעקלאַפּט. פאַרשטענדלעך, אַז דער קרעטשמער האָט נישט געוואָלט עפענען. אונדזער אורח האָט געמאַכט אַ געוואַלד און דורכן פענצ־טער איבערגעגעבן די פאַרנאָלעס, וואָס עס טוט זיך אין דער קרעטשמע.

די פויערן האָבן אויפגעבראָכן דעם טויער און אָפּגעהאַקט די לאָדנס. דער אורח האָט זיי געוויזן די קויל, וואָס שטעקט אין דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. האָבן זיי דעם קרעטשמער געבונדן און געבראַנגט פון שטאָט פּאָליציי. די לעצטע האָבן אין קעלער געפונען פיל הרוגים. איז שוין געוואָרן אַ סוף צום קרעטשמער, דעם הויז־רוצח. אונזער אורח איז גלייך געפאָרן קיין ריזשין, און געדאַנקט דעם רבין פאַרן ראַטעווען אים זיין לעבן און אויך פאַרן אויפדעקן דעם רוצח. ממילא איז דער אורח שוין געוואָרן פונעם ריזשי־נערס אָנהענגער.

ענלעכס דערציילן חסידים וועגן אַ פּאַסירונג מיטן ריזשינערס מחותן. ווען דעם ריזשינערס מחותן, ר' חיים קאָסעווער זללה"ה — ר' מענדעלע וויזשניצערס פאָטער — האָט זיך אַמאָל געזעגנט מיטן ריזשינער, האָט ער — דער ריזשינער — אים געזאָגט: „מחותן, עס קען זיך טרעפן אין וועג, ס'זאָל

ליגן אַ קאַליקע מיט צוויי קוליעס נעבן זיך ביי אַ וועלדל און וויינען: מען זאָל אים אַרויפנעמען. קען גאָר זיין, אַז ער איז אַ פאַרשטעלטער רוצח״. און אַזוי איז טאַקע געשען. ביי אַ וועלדל אין מיטן וועג איז געלעגן אַ קאַליקע מיט קוליעס און זיך אָנגעהויבן בעטן און וויינען, אַז מען האָט אים באַרויבט און אין מיטן וועג איבערגעלאָזט אויף הפקר. ר׳ חיים האָט זיך דערמאָנט אינעם ריזשינערס געזעגענונגס ווערטער און געהייסן גיך שמייסן די פערד. האָבן דערנאָך די פאַרשווינען פון דער בויד געזען ווי אַ געזונט־אייזערנער רויבער יאָגט זיי נאָך און אַז ער האָט זיי נישט געקענט כאַפּן, האָט ער זיי נאָכגעוואָרפן אַ קוליע אין דער בויד אַריין און צעבראָכן די בויד. השי״ת האָט געהאָלפן, זיי זענען ניצול געוואָרן מיטן לעבן. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

## סיפור נומער 31

דער „ייד הקדוש״ האָט איבערגעלאָזט דריי קינדער. דער עלטערער איז געוועזן ר׳ ירחמיאל פשיסכער, דער צווייטער — ר׳ אשר פאַריסאָווער, דער דריטער — ר׳ נחמיהלע בעכעווער. נאָכן „ייד הקדושס״ פטירה האָט איבער־גענומען די הנהגה איבער זיינע תלמידים, די גדולי־הדור, און סתם אָנהענגער זיין תלמיד ר׳ בונם פשיסכער. די ערשטע צייט איז ר׳ ירחמיאל אַליין געוועזן פון ר׳ בונימס אָנהענגער. אָבער, שפּעטער, ווען ר׳ בונים האָט אָנגעהויבן פירן זיין שאַרפע הנהגה אויפן דרך פון מוח־חסידות, און ר׳ ירחמיאל האָט געהאַט מיט אים אַ וויכוח וועגן דעם און אים אַריינגעזאָגט: „דער טאַטע האָט אַזוי נישט געמיינט״, (אויך דער „באר־משה״ — דעם קאָזשעניצער מגידס זון — האָט אים געזאָגט, אַז זיין דרך קען העלפן קוים צוויי פון הונ־דערט) איז דעמאָלט ר׳ ירחמיאל געוואָרן רבי און מנהיג פאַר זיך. פונדעסט־וועגן, ווען שפּעטער מיט אַ צייט איז פאַרגעקומען די באַוואוסטע גרויסע חתונה אין אוסטילע, וואָס אויף איר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַריבער הונדערט צדיקים פון יענער צייט, און דער זקן פון זיי, דער אַפּטער רב — מחבר פון „אוהב־ישראל״ — איז געשטאַנען אין זייער שפּיץ, און איינצלנע צדיקים גרויסע קעגנער פונעם רבי, ר׳ בונם האָבן פאַרלאַנגט פון דער גאַנ־צער אסיפת־הצדיקים, צו לייגן אַ חרם אויפן רבי, ר׳ בונם און אויך אסרן חיתון מיט זיינע אָנהענגער, אויב ער, דער רבי, ר׳ בונים, וועט נישט צוריק־ציען זיך פון זיין דרך, האָט זיך דער רבי, ר׳ ירחמיאל אַרויסגעשטעלט פאַר ר׳ בונימען, און עדות געזאָגט פאַרן אַפּטער רב מיט דעם לשון: „ר׳ בונם איז געוועזן ביי דעם טאַטן דאָס שטייסעלע פונעם הארץ״, און אַלץ האָט זיך איינגעשטילט.

ר׳ ירחמיאלס צוויי יינגערע ברידער: ר׳ אשר און ר׳ נחמיהלע זענען געוועזן ביי אים. (ביי ר׳ ירחמיאלן.) מיט דער צייט איז געקומען צו ר׳ ירח־

מיאלן פון וואַרשע אַ חסיד מפורסם מיטן נאָמען ר׳ יחיאל וואַרשעווער, וואָס פלעגט בקביעות פאָרן קיין ריזשין. האָבן זיך די צוויי יינגערע ברידער צוגע־צויגן צו אים, און ביי אים נאָכגעפאָרשט און אויסגעפרעגט זיך אויפן דרך פון ריזשינער זללה״ה. ר׳ אשר, דער עלטערער פון די צוויי, האָט געבעטן ביי ר׳ יחיאלן, ער זאָל מיט זיי אַרויסגיין אויסער דער שטאָט פשיסכע. דאָרט האָט ר׳ אשר אים געזאָגט בזה הלשון: „מיין הייליקער ברודער ר׳ ירחמיאל האַלט איצט פאָרן דאַווענען, וועט ער אפילו מרגיש זיין אונדזערע מחשבות, מכל שכן אונדזערע דיבורים, און קען האָבן חולשת הדעת פון דעם וואָס מיר זוכן אַן אַנדערן רבין״.

נאָכן שמועס מיט ר׳ יחיאלן האָבן די צוויי ברידער מסכים געווען צווישן זיך צו פאָרן קיין ריזשין. דער וועג פון פשיסכע אין גרויס־פוילן ביז ריזשין אין טיף וואָלין, לויט די באַדינגונגען פון יענער צייט, איז געווען זייער אַ ווייטער. איז זיי אין מיטן וועג, צוליבן מאַנגל אין הוצאות־הדרך, אויסגעקומען אין אַ פרייטאָג אַריינצוטראָגן זייערע פעקעלעך אין אַ בית־המדרש אַריין און זיי אָוועקלייגן דאָרט אונטערן אויוון. (ווי דער מנהג פלעגט דעמאָלט זיין, ווען אַן ארחי־ופרחי האָט פאַרשפעטיקט און זיך נישט געקענט שאַפן קיין סטאַנ־ציע.) צוליב זייער צדקות און תפילה בכוונה האָבן זיי ביים דאַווענען מנחה אונטערן אויוון שטאַרק מאריך געווען, ביז דאָס גאַנצע ציבור האָט מקבל־שבת געווען, און אָפּגעדאַוונט מעריב און יעדערער איז זיך אַהיים געגאַנגען. קיינער פון די מתפללים האָט זיי נישט באַמערקט און נישט געבעטן אויף שבת.

ווען זיי זענען געבליבן אַליין אין בית־המדרש, זענען זיי אַפּערגעגאַנגען פונעם אונטערן אויוון, און אָנגעהויבן מקבל־שבת זיין, — שפּאַצירנדיק אי־בערן גרויסן בית־המדרש, — און דאַווענען מיט התלהבות און גרויס כוונה, און גאָר נישט באַמערקט, אַז עמיצער איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין. ווי דערשטוינט זענען זיי געוואָרן דערזעענדיק נאָכן דאַווענען, ווי ס׳שטייט מיט גרויס הכנעה אַ ייד ביי דער טיר, און נעבן אים עטלעכע משר־תים וואָס האַלטן ווייך, בראָנפן, חלות, פיש, פלייש און קאָמפּאָט אין די הענט, און וואַרטן נאָר אויף זייער ענדיקן דאָס דאַווענען. האָבן זיי איבערגעפרעגט דעם מכניס אורח, פאַר וואָס ער האָט צוגעלייגט אַזאַ גרויסע טירחא, ער וואָלט דאָך זיי געקענט רופן צו זיך אַהיים און דאָרט זיי מכבד זיין מיט סעודת־שבת. האָט יענער געענטפערט: אויב איר ווילט מיך אויסהערן, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה. זיי האָבן אים דערלויבט, און ער האָט דערציילט.

„ווען דער רבי פון לובלין — ר׳ יעקב יצחק הלוי איש הורוויטץ זללה״ה— איז מפורסם געוואָרן אַלס „פוילישער חוזה״, (איינצלנע צדיקים האָבן אים גערופן דער „אורים ותומים.״, האָב איך באַשלאָסן אים אָנצוקוקן. רייך בין איך נישט געווען, האָב איך מיטגענומען טלית און תפילין, אויך אַ שטיקל

ברויט מיט אַ שטעקן אין האַנט און זיך געלאָזט אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין, פון טיף־וואָלין קיין לובלין. אין אַ געוויסן פרייטאָג בין איך אָנגעקומען אַהין און אָנגעהויבן אין שטאָט נאָכפרעגן, וואו עס וואוינט דער רבי. איינער האָט מיר אָנגעוויזן: „דאָ שטייט איין אַ רבי״, אַזוי ווי עס איז דאָ פיל אונטערשידן צווישן דער אויסשפּראַך פון וואָלינער יידיש־רעדן, ביז דעם פוילישן יידיש־רעדן, האָב איך געמיינט, אַז ער זאָגט מיר: „דאָ וואוינט דער רבי״. איך בין אַריינגעקומען אין הויז און דערזען אַ ייד אַ צדיק, וואָס איז געווען אַ גרויסער נשוא־פּנים. מיינענדיק, אַז דאָס איז דער רבי פון לובלין, האָב איך מיט גרויס הכנעה ביי אים מקבל־שלום געווען. אָבער, תיכף נאָך מיין קבלת־שלום זענען אָנגעקומען זקנים און יונגעלייט, וואָס דער חן פון תורה ויראת־שמים איז געווען אויסגעגאָסן אויף זייערע הייליקע פּנימער, און האָבן אויך געוואָלט מקבל־שלום זיין. האָט זיי דער רבי געענטפערט: „דאָ בין איך נישט קיין רבי, דאָ בין איך אַ חסיד. איך וויל זיך שטופּן ביי דעם רבינס טיש און הערן תורה גלייך ווי אַלע חסידים. איז כל זמן איך וועל נישט מקבל־שלום זיין ביי מיין רבין, — דער רבי פון לובלין, — וועל איך קיינעם נישט געבן קיין שלום. דעם יידן — ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר. — האָב איך געענטפערט „שלום״, ווייל ער האָט זיך פאַרדינט. ער גייט צופוס פון טיף וואָלין ביז אַהער אָנצוקוקן דעם הייליקן רבין גלייך ווי איך״. באַלד האָט ער געשאַפט מיט זיין מקורב (גבאי) אים צוצוגרייטן די בגדי־שבת, כדי צו גיין מקבל־פּנים זיין דעם רבין פון לובלין. פון דעם האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער רבי איז נישט דער רבי פון לובלין, און בין געוואָר געוואָרן, אַז ער איז דער „ייד־הקדוש״; און אויך, אַז ביידע צינגער האָבן אָנגעפירט לשון הרעס צווישן די צוויי גרויסע צדיקים״.

„איך בין גלייך געלאָפן צום רבין פון לובלין מקבל-שלום זיין, אָבער, ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען אַריינקומענדיק אין חדר פונעם רבין פון לובלין, האָב איך דערזען אַ שיינעם ייד צוגיין צום רבין און דערהערט, ווי ער זאָגט אים: „דער „ייד״ איז איצט געקומען אַהער און פירט ראַביטסטווע אינעם רבינס שטאָט. הייסט עס נישט אַז ער איז אַ מורה הלכה בפני רבו?״ דערהערנדיק דאָס בין איך דערציטערט געוואָרן. ווי קען אַ שיינער ייד אויס־טראַכטן אַזאַ ליגן, כדי אָנצומאַכן אַ שנאה צווישן צוויי צדיקים? איז געלעגן אויפן רבינס טיש אַ חומש, בין איך מיט ערלעכער שטאַרקייט צוגעלאָפן צום טיש, אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן חומש און געזאָגט הויך: „איך שווער אַ שבועה דאוריתא, אַז וואָס דער לשון הרעניק האָט געזאָגט איז שקר וכזב. איך גיי ערשט פון דער אכסניא, וואו דער ייד הקדוש שטייט איין, און ער וויל אפילו נישט מקבל־שלום זיין פון קיינעם, איידער ער וועט מקבל־שלום זיין אַליין ביי דעם רבין פון לובלין״. אין עטלעכע סעקונדן אַרום איז אַריינגעקומען

דער „ייד הקדוש". איז אים דער רבי פון לובלין אנטקעגנגעלאָפן צו דער טיר און אים זייער פריינטלעך אויפגענומען. דער „ייד הקדוש" פרעגט: „רבי! עפּעס האָט איר מיך אויפגענומען מיט מער כבוד ווי אַלע מאָל. וואָס טויג מיר כבוד?"

דער רבי ענטפערט: איך האָב אייך געוואָלט איבערבעטן. ווייל ווען נישט דער ייד (אנגעוויזן אויף מיר) וואָס האָט געשוואוירן א שבועה דאוריתא און מבטל געווען די לשון־הרע אויף אייך, איידער זי איז מיר פון אויער אין הארץ אריין, וואָלט ביי מיר געווען געבליבן אויף אייך א טינא בלבֿ. (א שנאה אין הארץ.) דער ייד הקדוש זאָגט ווייטער: „רבי! איך האַלט אייך פאַר א בעל־רוח־הקודש אמת, ממש ווי דער אורים־ותומים בזמן המקדש. טאָ, ווי קומט עס, וואָס דער רבי האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס לשון־הרע איז א ליגן". דער רבי פאַרענטפערט זיך און זאָגט: „ייד הקדוש! גלויבט מיר, אַז גאַנצע דריי פערטל יאָר האָט דער בעל־דבר (דער יצר־הרע) אָפּגעהיט דעם מספר לשון־הרע פון א שלעכטער מחשבה און אויך אפילו פון א מחשבה זרה בשעת התפילה, כדי זיין לשון־הרע זאָל, חלילה, נתקבל ווערן ביי מיר. איצט, אַז דער ייד (ער האָט אַנגעוויזן אויף מיר) האָט אַלץ מתקן געווען, בעט איך אייך איר איר זאָלט אים בענטשן". דער ייד הקדוש האָט מיך געפרעגט: „וואָס ווילט איר: עולם־הבא, אָדער עולם־הזה?" איך האָב געענטפערט: „קיין געשענקטע עולם־הבא וויל איך נישט. עולם־הבא איז גוט, אַז מען פאַרדינט זיך אַליין". האָט מיך דער ייד הקדוש געבענטשט מיט געזונט און עשירות. אַז איך בין אהיים געקומען האָב איך גלייך אָנגעהויבן מצליח זיין, און איך האָף טאַקע, אַז מיטן עשירות וועל איך זיך איינקויפן עולם־הבא אויך".

„אַזוי ווי צוליב מסחר בין איך אין מיטן וואָך פאַרנומען, מוז איך אַלץ משלים זיין אום שבת. בין איך מיך נוהג פרייטאָג־צו־נאַכט נאָכן עסן אָנצו־שפּאַרן זיך אויף מיין האַנט ביי דעם טיש. נאָכדעם בין איך מעביר די סדרה און לערן אויך אַנדערע לימודים. היינט אָוונט האָב איך אויך איינגעדרימלט נאָך דער שבתדיקער סעודה, אָבער, ביי דעם ערשטן דרעמל האָב איך דערזען דעם „ייד הקדוש", און האָב אים גוט דערקענט און איך הער ווי ער זאָגט מיר: „דו ווייסט דאָך, אַז דיין גאַנץ עשירות איז צו דיר געקומען פון מיין ברכה. איז א יושר זאָלסט מקרב זיין מיינע קינדער, וואָס געפינען זיך איצט אין היגן בית־המדרש אָן יין־קידוש און אָן א סעודת־שבת". פאַרשטייט איך שוין וועמענס קינדער איר זענט, און אַז אייער הייליקער פאָטער וויל, איר זאָלט נתגלה ווערן, דעריבער, האָב איך אייך אַלץ געבערענגט אין בית־המדרש אריין. טאַקע, כדי עס זאָל זיין א פירסום, און אי"ה מאָרגן וועט איר שוין פירן א גוט־יידישן טיש בפני כל עם ועדה, און שוין מער נישט ליידן קיין דחקות, און קומען קיין ריזשין מיט הרחבת הגוף, אויך מיט הרחבת הדעת". זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

## סיפור נומער 32

דער רבי, ר' שמעלקע און זיין ברודער דער רבי, ר' פינחס ז"ל (די קינ־דער פון ר' הערשעלע טשאָרטקאָווער ז"ל), הערנדיק די גרויסע קדושה פונעם רבין, ר' בער ז"ל זענען צוזאַמען בײדע געקומען צום רבין, ר' בער. זענען זיי, אָבער, פונעם קבלת־שלום נישט צופרידן געווען, ווייל לויט זייער באַוואוסטער גאונות, און אויך וויסנדיק וועגן דער באַרימטער גאונות פונעם רבין, ר' בער ז"ל, האָבן זיי גערעכנט, אַז ער וועט זיי ביי קבלת־שלום מקבל־פנים זיין מיט אַ גרויסן פילפול פון תורה און מוסר צוזאַמענגענומען. האָבן זיי זיך גלייך געזעגנט מיטן רבין, ר' בער ז"ל און געוואָלט גלייך אַהיימפאָרן, כדי זיך נישט מבטל זיין פון תורה און תפילה. דער רבי, ר' בער האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן זיך אויך געזעגענען מיטן זיין גרובע־הייצער, ר' זושא. ביי דעם געזעגענען האָט זיי ר' זושא געזאָגט: „ס'שטייט: „אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ד'" (פשוט מיינט עס, אַז פאַר השי"ת קען מען זיך נישט פאַר־באַהאַלטן.) ר' זושא האָט זיי געטייטשט: „אויב אַ מענטש פאַרבאַהאַלט זיך אין אַ באַהאַלטן אָרט און פראָוועט פאַר זיך התבודדות, (דאָס מיינט: ער נעמט זיך אָפּ אַ צייט צו באַרעכענען זיך, ווי ער האַלט אין די הייליקע וועלטן פון ערלעכקייט און יראת שמים.), אָבער, נאָכן גאַנצן התבודדות זאָגט ער נאָך „ואני", ער פילט זיך ביי זיך פאַר אַן „איך". איז, „לא אראנו נאום ד'", איז נאָך השי"ת ווייט פון אים און וויל אים נישט זען".

ר' זושאס טייטש איז זיי אַריין טיף אין זייערע הייליקע הערצער. זענען זיי ביי זיך שטאַרק צעבראָכן געוואָרן, אַזוי, אַז זיי האָבן, ממש, נישט געפילט מער זייער אייגענעם „איך". באַלד האָט זיי ר' זושא געזאָגט: איצט טייטש איך: „אם יסתר איש במסתרים" און זאָגט „ואני לא", איך בין „גאָרנישט", דעמאָלט „אראנו נאום ד'", וועל איך, גאָט, אים זען און אויף אים משגיח זיין. די הייליקע ברידער זענען דערשטוינט געוואָרן פונעם אָפענעם רוח־הקודש פונעם רבין, ר' בערס גרובע־הייצער, וואָס האָט מרגיש געווען אפילו זייערע מחשבות. האָבן זיי ר' זושאן איבערגעפרעגט וועגן דער סיבה פונעם זייער שוואַכן קבלת־פנים ביי דעם רבין, ר' בער. האָט ר' זושא געענטפערט): „די גמרא זאָגט — אין מועד קטן י"ז, א' — „אם הרב דומה למלאך יבקשו תורה מפיהו". (אויב דער רבי איז גלייך צו אַ מלאך, דאַרף מען נאָכזוכן צו לערנען תורה פון זיין מויל.) איז דאָך קשה, ווער האָט דען פריער געזען אַ מלאך, אידער ער גייט עפּעס לערנען פונעם רבין? נאָר מען מיינט: „אויב דער רבי איז אַזוי פאַרבאַהאַלטן, אַז מען קען אים נישט פאַרשטיין, גלייך ווי מען קען נישט פאַרשטיין קיין מלאך, דאַרף מען נאָכזוכן ביי אים צו לערנען. אונדזער רבי איז טאַקע אַזוי פאַרבאַהאַלטן אין זיך". זענען די ברידער גלייך אַריין צום רבין, ר' בער און האָבן נאָכאַמאָל מקבל־שלום געווען און זענען ביי

אים פאַרבליבן. ער האָט מיט זיי געלערנט דעם נייעם דרך אין עבודות ד׳, ביז זיי זענען אַרויסגעוואַקסן די באַוואוסטע וועלט־צדיקים. דער רבי, ר׳ בער האָט אויף זיי נאָכדעם געזאָגט: „איך האָב געפונען אַ שאַפע פול מיט ליכט, האָב איך נאָר אַנגעריבן אַ שוועבעלע און זיי אָנגעצונדן״. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

---

ערשטער בריוו.

ב״ה, ג׳ חוקת התרפ״ד, טישוויץ, לבניי, ה׳ יעקב יצחק זיפר, וה׳ יחיאל מנחם שטערן, נרי״ו,

איר פרעגט, צי איך ווייס פון צדיקים וואָס האָבן אַ סך געגעסן? ס׳ווערט דערציילט פון ר׳ יצחק דראָביטשער זללה״ה, — וואָס איז געווען אַ רבי אין דער צייט פון בעש״ט זללה״ה, אײדער דער בעש״ט ז״ל איז נתגלה געוואָרן, — אַז ער ר׳ יצחק פלעגט אומפאָרן אין יידישע שטעט און מוסרן, רופן צו תשובה, דורך תעניתים אין סיגופים, (פאַסטן און פייניקן זיך) — אַז דער בעש״ט ז״ל, איז נתגלה געוואָרן, און אָנגעהויבן פירן, אויף אַ נייעם דרך אין עבודות ד׳ דורך שמחה של מצוה, און אויך געגעבן קמיעות, איז עס ר׳ יצחק׳ן נישט געפעלן, האָט ער מתפלל געווען, אַז דעם בעל שם טוב׳ס קמיעות זאָלן נישט האָבן קיין פעולה, און קײנעם נישט העלפן, האָט דער בעש״ט אָנגעפרעגט אין הימל די סיבה דערפון, און איז געוואָר געוואָרן אַז ר׳ יצחק׳ס תפילה, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן — ווייל ער איז געווען דער דעמאָלטיקער צדיק הדור — האָט גורם געווען דערצו, מיט אמאָל, אַז ר׳ יצחק איז געווען אין בעש״ט געגענט, האָט דער בעש״ט מתפלל געווען, אַז ר׳ יצחק זאָל זיך טועה זיין ביים דאַווענען מיטן מזמור שיר של יום, כדי ער זאָל מוזן זיין אַן אורח ביי אים אויף שבת, און אַזוי איז געווען, אום דאָנערשטאָג האָט ר׳ יצחק געזאָגט דעם שיר של יום פון מיטוואָך, ביז ס׳איז אים אויסגעקומען צו פאַרהאַלטן זיך אויף שבת אין בעש״ט׳ס שטאָט.

ווען דער בעש״ט האָט אים פאַרבעטן אַלס אורח, האָט ר׳ יצחק געענטפערט, „איר עסט ווינציק, איך אָבער, עס אום שבת, אַ סך״, האָט אים דער בעש״ט צוגעזאָגט, צו געבן וויפל ער וועט דאַרפן, צו דער ערשטער סעודה,

האט ר׳ יצחק געהייסן, זיין משמש, אריינלייגן זיינע חלות אין א טאץ וואס איז געווען אויסגעקריצט אויף איר דער פסוק, שויתי ד׳ לנגדי תמיד, און האט אויפגעגעסן, זיינע חלות, און אויך אלץ וואס ס׳איז געווען אויפן טיש, מען האט צוגעברענגט מאכלים פון שכנים, און ר׳ יצחק האט אלץ אויפגעגעסן, אז מען האט אויפגעהערט צוצוברענגען, האט ר׳ יצחק געפרעגט דעם בעש״ט, „ווי איז אייער צוזאג״? האט אים דער בעש״ט געענטפערט, „איך, האב צוגעגרייט פאר מלאכים, נישט פאר שרפים״, דעמאלט, האט ר׳ יצחק אוועקגערוקט די טאץ פון זיך, און שוין מער נישט געגעסן.

נאך שבת, האט אים דער בעש״ט געפרעגט, „פארוואס האט איר צוגע־נומען ביי מיר דעם כוח פון די קמיעות״? האט ר׳ יצחק געענטפערט, „ווייל איך האלט נישט, אז מען מעג זיך באנוצן מיט שמות הקדושים״, האט דער בעש״ט געהייסן עפענען פאר ר׳ יצחק׳ס אויגן פיל פון זיינע קמיעות, איז נאר געווען געשריבן אין זיי, זיין נאמען מיטן פאטערס, אדער, מוטערס נאמען, ווי „ישראל בר׳ אליעזר״, אדער „ישראל בן שרה״, האט זיך ר׳ יצחק אנגערופן, „רבונו של עולם! וואס הארט דיך, אז א ייד פארדינט זיך זיין ברויט מיט זיין אייגענעם נאמען״? פון דעמאלט אן, האבן דעם בעש״ט׳ס קמיעות צוריק באקומען זייער כוח הפועל (ווירקונגס־קראפט).

א ענליכע מעשה פון פיל עסן, האט דערציילט דער סטרעליסקער זללה״ה — וואס רופט זיך השרף ר׳ אורי מסטרעליסק — אז ווען ער איז נאך געווען גאר א ייגגערמאן, און געזוכט א אמת׳ן דרך אין עבודות ד׳, אויסצוברעכן זיך פון תאוות הגוף, און בכלל איבעראַרבעטן דעם חומר אויף א צורה, (ווי ס׳איז באוואוסט, פון זיינע עלטערע יארן, ווען גרויסע צדיקי הדור זענען שוין צו אים געפארן אלס תלמידים, האט מען אים דערציילט אן אויסטערלישע זאך פונם ריזשענערס וועגן — וואס האט דעמאלט אנגע־הויבן נתפרסם ווערן זייענדיק נאך גאר א יינגערמאן — האט ער — דער סטרעליסקער — געזאגט צום דערציילער: „וואס איז דער חידוש ? זיין פאטער — דעם ריזשינערס — איז געווען, ר׳ שלומקע פראבישטשער, זיין זיידע, איז געווען דער מלאך, — ר׳ אברהם המלאך האט מען אים גערופן — זיין עלטער זיידע, דער רבי ר׳ בער, אבער איך ? — ביי די לעצטע ווער־טער, האט ער פארקאטשעט דעם ארבעל, און געוויזן די האנט, און אויסגע־פירט — אידער, איך האב דאס גראבע שטיק פליש אויסגעארבעט״?) האט מען אים מודיע געווען פון הימל, ער זאל ווערן א תלמיד ביי א צדיק נסתר, וואס איז געווען אין א געוויסן דארף אנגעשטעלט אלס פאסטוך, קומענדיק צום פאסטוך, האט ער — דער פאסטוך — נישט וועלנדיק זיך אויסגעבן פאר אים, זייער גראב אים אויפגענומען, און אפילו דערלאנגט עטלעכע מאל מיט דער פאסטוך בייטש, אבער ער—דער סטרעליסקער—האט אנגענומען

באהבה ,און געזאָגט, „אזוי האָט מען מיר געהייסן פון הימל צו זיין ביי אייך א תלמיד׳׳, דעמאָלט, האָט אים דער פאסטוך אָנגענומען.

ווען ס׳איז געקומען די צייט פון שיידן זיך מיטן רבין — דעם פאסטוך — האָט אים דער רבי געהייסן ווערן א תלמיד ביי איינעם פון די עפנטלעכע צדיקים תלמידי הבעש״ט פון יענער צייט, אָבער נאָר מיט דעם תנאי, אז דער נייער רבי זאָל אים האלטן ביי זיך פאר א תלמיד גאנצע זיבן יאָר, קו־מענדיק צום ערשטן צדיק, איז ער אים גלייך געפעלן אלס רבי, אָבער נאָכן שטעלן אים דעם תנאי, האָט אים דער ערשטער צדיק געשיקט צו א צווייטן, א צווייטער צו א דריטן, א. אז. וו. ביז ער איז אָנגעקומען אין רב ייבא׳ס בית המדרש אין אוסטראה, פונקט ווען רב ייבא זללה״ה מיטן עולם, זיינען גע־שטאנען די שטילע שמונה־עשרה פון מנחה, און ער — דער סטרעליסקער — האָט זיך געשטעלט אונטערן אויוון, אז רב ייבא איז אויסגעשטאנען די שמונה־עשרה, האָט ער געהייסן דעם חזן ווארטן מיטן זאָגן די הויכע שמונה־עשרה, און ער האָט אזוי לאנג ארומגעזוכט צווישן די אורחים, ביז ער האָט דעם סטרעליסקער געפונען אונטערן אויוון, האָט ער אים אָנגענומען ביי־דער האנט און אים געשטעלט לעבן זיך ביי דעם ארון קודש, און געהייסן דעם חזן זאָגן די הויכע שמונה־עשרה, נאָכן אָפּדאַווענען מנחה־מעריב, האָט רב ייבא, אים פארבעטן אויף אוונט־ברויט.

צום טיש איז געלייגט געוואָרן א גאָר גרויס ראַזעווע ברויט. פאַר אַ פארשפייז האָט מען דערלאנגט א גרויסע שיסל מיט שאָפּן־ראָסל־פלייש, און רב ייבא האָט אים געהייסן מיטן עסן, אין אָנהויב, האָט נאָך דער אורח צו ביסלעך געגעסן לויט זיין געוואוינהייט, אָבער דערנאָך, האָט ער שוין נאָר געגעסן מיט מסירת נפש, כדי מקיים צו זיין מצוה לשמוע דברי חכמים, און רב ייבא האָט אלץ אויפגעגעסן, אז מען האָט אָבער ווידער צוגעבערענגט, אזא גרויסע שיסל קאשע, מיט יויך, און רב ייבא האָט אים ווידער געהייסן מיט עסן, האָט שוין דער אורח מתפלל געווען, אז רב ייבא זאָל זיך פארטון אין זיינע הייליקע געדאנקען און פארגעסן אין אים, אזוי איז טאָקע געווען, רב ייבא האָט זיך פארטיפט אין מחשבות קדושות, און אליין אלץ אויפגעגעסן, דעם אורח האָט נאָר קוים טועם געווען לשם מצוה, דערנאָך האָט מען ווי־דער צוגעבערענגט די זעלבע שיסל פול מיט פלייש און א צווייט גרויס ראַזעווע ברויט, און רב ייבא האָט עס אליין אלץ אויפגעגעסן.

נאָכן בענטשן, האָט רב ייבא געזאָגט צום אורח, איר זענט דאָך מיד פון וועג, לייגט אייך אפּרוען, אָבער ער אליין האָט ארויסגענומען פון ספרים־שאַנק א טור ושולחן ערוך אורח חיים, און געלערנט א גאַנצע נאכט שטייען־דיקערהייט, „דעמאָלט״—האָט דער סטרעליסקער געזאָגט—האָב איך פאַר־שטאנען, די טייטש פונם מדרש, „כאכילתכם כך עבודתכם״, אזוי ווי איר עסט איבער דער טבע, אזוי דינט איר דעם אויבערשטן אויך איבער דער

טבע״, צומארגנס, האט אים דער סטרעליסקער געשטעלט זיין באדינג האט אים רב ייבא געענטפערט, איך, האב קוים פאר אייך תורה נאר פאר איין יאר, אבער, די טובה וועל איך אייך שוין טאן, איך וועל אייך שוין מער נישט שיקן פון צדיק צו צדיק, נאר גלייך צו אייער שורש נשמה, גייט צו ר׳ שלמה קארלינער, און תיכף ביי קבלת שלום, זאלט איר אים זאגן, איך וויל זיין ביי אייך א תלמיד אויף זיבן יאר, ער וועט אייך אננעמען.

אין משך פון דעם סטרעליסקערס וואנדער צייט פון צדיק צו צדיק, אויך אין משך פון די זיבן יאר, האט זיך זיין ווייב אנגעשטעלט פאר א דינסט ביי דעם ישועות יעקב — דאמאלסדיקער לעמבערגער רב, — צום סוף פון די זיבן יאר, האט דער סטרעליסקער געשריבן צום ווייב, זי זאל זיך ריכטן אויף אים וויל ער קומט אהיים אויף פסח, האט זיין ווייב געבעטן די לעמבערגער רביצין זי זאל איר באפרייען פון איר דינסט־שטעלע, די לעמבערגער רביצין האט אבער נאר צו איר געהאט גרויס צוטרוי אלס עכט־פרומע, צו קענען היטן די כשרות פון פסח, האט זי געבעטן ביי דעם רב, מען זאל אפגעבן אין זייער הויף א באזונדער חדר פאר דער דינסט מיטן מאן, כדי זי זאל קענען אכטונג געבן אויפן זהירות פון פסח כשרות, און ערשט נאך פסח וועט מען זי באפרייען.

צום סדר הגדה, האט דער ישועות יעקב צוזאמען גענומען זיין גאנץ בני בית, אויך אלע אורחים משרתים און דינסטן אין איין גרויסן זאל, אויס־געשטעלט צווי טישן, איינעם פאר מענער, דעם צווייטן פאר פרויען, און ער אליין האט געפירט דעם סדר. אין מיטן עסן, האט זיך דער ישועות יעקב אומגעקוקט אויף דעם אורח, — דער שפעטערדיקער סטרעליסקער — און אים געגעבן שלום, און געזאגט, „עס זעט מיר אויס, אז דו יונגערמאן ביזט א ירא שמים, און א שטיקל בר אוריין אויך, ווי זשע קומט עס, וואס דו האסט נישט מקיים געווען דיין התחייבות וואס דו האסט אויף דיר גענומען אין דער כתובה, ויהיבנא ליכי מזוניכי וכסותיכי וכו׳ כהלכות גוברין יהודאין דזנין ומפרנסין ומוקרין לנשיהון דאס מיינט, ביי דעת חופה האסטו זיך אונטער־גענומען מיט קבלת קנין אויסצוהאלטן דיין פרוי מיט אלע הצטרכות׳ן, גלייך ווי אלע יידישע מענער האלטן אויס זייערע פרויען בכבוד, צום סוף האסטו גאר איבערגעלאזט דיין פרוי עלנט אזא לאנגע צייט אן אויסהאל־טונג, ביז זי האט זיך געמוזט אנשטעלן פאר א דינסט״? האט אים דער אורח געענטפערט: לעמבערגער רב! סשטייט דאך אבער, אין דער כתובה, אויס־געפירט דאס ווארט „בקושטא״, — כהלכות גוברין יהודאין דזנין ומפרנסין ומוקרין לנשיהון בקושטא, — דאס מיינט יידישע מענער האלטן אויס זייער פרויען בכבוד מיטן אמת, בין איך טאקע אומגעפארן זוכן דעם אמת, און האב אים ב״ה געפונען ביי מיין רבין ר׳ שלמה קארלינער, און איצט, וועל איך טאקע ווערן אן עפנטלעכער רבי, ווי מיין רבי האט מיר אנגעזאגט.

ס'ווערט נאָך געברענגט אין ספר עירין קדישין, אז דער אפטער רב זללה"ה — מחבר פון ספר הקדוש „אוהב ישראל" — האָט א סך געגעסן, אז מען וויל געפינט מען עס אין דער גמרא, פסחים, נ"ז, א', ויכנס יוחנן בן נרבאי וכו' וימלא כריסו בקדשי שמים, שהיה אוכל שלש מאות עגלים בקינוח סעודה, וכל ימיו לא נמצא נותר בעזרה, פשוט, מיינט עס ווייל ער האָט אויסגעהאלטן א גרויסע כהנישע משפחה, אבער דאָך זעט מען אז ער האָט געהאט גרויס כוונה אין הייליקן עסן, ס'זענען אבער דאָ איינצלנע צדיקים וואָס עסן ווינציק, אויף דעם דארפן מיר זאָגן, אלו ואלו דברי אלקים חיים, אלע צדיקים מיינען ערנסט, יעדער נאָך זיין דרך נאָך, אין עבודות ד', ווי רב חנן בר רבא זאָגט אין קידושין פ"א, ב', אנא כאידך דשמואל סבירא לי, דאמר הכל לשם שמים, וכבר זכיתי לשמוע מפה לאוזן, שהשיב אדמו"ר שליט"א מהוסיאטין לאמו ע"ה אשר יסרתו על מיעוט אכילתו, „איתא ברבה בראשית פ', י"ט, א"ר אבא בר כהנא, ואכלתי אין כתיב כאן, אלא ואוכל, אכלתי, ואוכל — עוד, יעויין מתנות כהונה שם,—ווי געשיקט זיך, אדם הראשון זאָל אזוי ענטפערן? נאָר ער האָט געמיינט, איך האָב מקלקל — קאליע געמאכט — געוועזן מיטן עסן, וועל איך פון איצט אָן עסן בקדושה און מתקן זיין—פאריכטן—דעם קילקול, דאָס איז אבער נאָר רעכט פאַר די נשמות וואָס זענען געבליבן ביי אדם הראשונען ווען ער האָט געגעסן פון עץ הדעת", די לעצטע ווערטער קענען פארשטאנען ווערן, מיטן מדרש רבה שמות פ' מ"ם, עד שאדם הראשון מוטל גולם וכו' יש שהוא תלוי בראשו וכו', ובספר הקדוש בית אהרן, מהקארלינער זללה"ה, שהרבה מנשמות הגבוהות פרחו ועלו למעלה, בשעה שהסכים אדה"ר לאכול מעץ הדעת, יזכינו ד' הטוב בזכות כל הצדיקים לשוב אליו באמת ובלב שלם, כתפילת אביכם אב, בר"י.

צוויטער בריוו.

ב"ה ח"י מנחם אב, התרפ"ד, טישוויץ.

לבני הנכבד ה' יעקב יצחק זיפר, נרי"ו, שלום.

דו ווייסט דאָך, אז ס'איז דאָ בקבלה אין אונזער שטאָט, אז אויף אונזער בית החיים — הייליק־אָרט — ליגט משיח בן יוסף געוויס האָסטו דאָרט פיל מאָל געזעען מיט דיינע אייגענע אויגן דעם וואונדער, פון דער איינגעבויגענע מצבה אויף זיין קבר, וואָס איז אונטערגעוואקסן א בוים אזוי איינגעבויגן ווי די מצבה, זי אונטערצוהאלטן, אויך ווייסטו דאָך, אז ביי אונדז אין שטאָט, אזוי אויך אין דעם גאנצן געגנט— סביבה, — האָט מען דאָס קבר געהאלטן פאַר א גרויס הייליקטום, יעדער ייד גייט דאָרט מתפלל זיין, אויף א מרחק פון פיר איילען אַרום גייט מען נישט צו, און אויף א גרעסערן שטח ארום, זענען קיין אנדערע קברים נישטאָ, ווועט דאָך דיך וואונדערן, וואָס פאַר א נייעס קום איך דיר דערציילן? פארענטפער איך

זיך, ווייל דיין יינגערער ברודער ה׳ שלו׳ שטערן נרי״ו, האט מיר געוויזן אויף א ציי‍טונג, „דער לאדזשער טאגעסבלאט״, ווי א שרייבער האט צוזאמען געקליבן עפעס א לעגענדע וועגן טישעוויצער משיח, פול מיט ליגנס, און דאס ביסל אמת, האט ער אויך איבערגעדרייט מיטן קאפ אראפ און די פוס ארויף, דעריבער האב איך געפונען פאר נויטיק איבערצוגעבן פאר אייך, אויך פאר די קומענדיקע דורות, וואס איך האב געהערט דא הי, פון על־טערע לייט וואס האבן מקבל געווען פון זייערע עלטערן און עלטער עלטערן, ביז צום דור פון אונזער משיח, וועגן וועמען מיר דערציילן דא, אזוי אויך האט מיר דערציילט מיין דרדקי־מלמד, המנוח ר׳ חיים הירש הארפן — דער שווער פון אייער דרדקי־מלמד, ר׳ גרשון לערעך ע״ה — (ווען איך בין אלט געווען ביי 15־16 יאר, און ער עליו השלום, אריבער די אכציק) אז ווען ער א יו געווען יינג, האט אים זיין שווער — אויך א דרדקי־מלמד — דערציילט, וואס ער האט מיט זיינע אייגענע אייגן געזען אין שטאטישן פינקס (איידער, דער פינקס איז פארברענט געווארן אין הויז פון דעמאלסט־דיקן רב, ר׳ אברהם יעקב ע״ה, דער פאטער פון הרב ר׳ דוד ע״ה, דער שווער פון הרב ר׳ שמשון מרדכי יוסף ע״ה, דער פאטער פון היינטיקן רב, ר׳ אריה גלאנטץ, הי״ד.

ווי א הקדמה צו דער דערציילונג, וויל איך פאר אייך דערמאנען די גמרא סוכה, נ״ב, ב׳, מאן נינהו ארבעה חרשים? — ווער זענען די פיר מיינס־טערס וואס וועלן — אם ירצה השם, במהרה בימינו אמן, — אראפווארפן די הערנער פון די רשעות׳דיקע פעלקער, וואס שטויסן דווקא די יידן? ענט־פערט די גמרא דארט, משיח בן דוד, משיח בן יוסף אליהו, וכהן צדק — שם בן נח — אין סנהדרין צ״ח, ב׳, געפינט זיך אז יעדער תלמיד האט געגלויבט אז זיין רבי איז ראוי צו זיין משיח, און געהאפט, אויך געזוכט רמזים אין תנ״ך אז אזוי איז עס, סשטייט דארט, ר׳ שילא׳ס תלמידים האבן געזאגט ר׳ שילא שמו, אין געפונען א רמז, עד כי יבוא שילה, ר׳ ינאי׳ס תלמידים האבן געזאגט, ינאי שמו, א רמז, לפני שמש שמו „ינון״, ענלעך צו „ינאי״, חנינא, חזקיה, ביז עס זאגט דארט, רב — פון רבי׳ס געציילטע תלמידים־דיעה־זאגערס, ווי סשטייט אין גיטין נ״ט, א׳—אי מן חייא הוא, כגון רבינו הקדוש, ואי מן מתיא, כגון דניאל איש חמודות, הייסט עס, ביי אים איז געווען זיכער, אז משיח קען זיין איינער פון די לעבעדיקע צדיקים אין דור, וואס איז ראוי עס זאל אין אים נתעבר ווערן נשמת המשיח (אדומו״ר שליט״א מהוסיאטין, האט אמאל געזאגט איינעם, אין מיטן שמועס, „משיח דארף ניט דווקא קומען אראפ פון הימל, ס׳איז מעגליך, אז א צדיק זאל זיצן ביי דעם טיש, און כאפן א דרימל אנשפארענדיק דעם קאפ אויף דער האנט, און זיך אויפכאפן און זאגן, איך בין משיח — ביי די לעצטע ווערטער, האט ער נאכגעמאכט, ווי מען שפארט אן דעם קאפ אויף דער האנט) — ער קאן

אָבער אויך זיין פון די צדיקים נפטרים, וואָס וועט זיין דער ערשטער אויפ־צושטיין תחיית המתים און ווערן משיח כדי אויסצולייזן די יידן פון גלות. דעריבער האָט רב. אויסגעקליבן צווישן די לעבעדיקע, זיין רבין — וואָס איז אויך רבי פון אלע יידן, פאַרן חיבור, שית סדרי משנה, און צוליב זיין גרויסע קדושה, רופט מען אים „רבינו הקדוש" — און אויב פון די נפ־טרים? האָט ער אויסגעקליבן, דניאל איש חמודות, ווייל דער לעצטער פסוק אין ספר דניאל, פרשה י"ב, איז, ואתה דניאל וגו' ותעמוד — וועסט אויפ־שטיין תחיית המתים — לגורלך לקץ הימין (יעויין רש"י פסחים נ"ו, א'. ד"ה קץ הימין) פון דעם אלעם קומט אַרויס, אז אין יעדער דור זענען דאָ צוויי לעבעדיקע צדיקים, וואָס איינער פון זיי איז ראוי צו זיין משיח בן יוסף, און דער צווייטער, משיח בן דוד.

איצט, צו דער דערציילונג, אויף דער מצבה, איז אויסגעקריצט, „פה נטמן איש ישר ונאמן, מ"ר אליקים בר' שמואל.... שנת שי"ט — אָר של"ב" — הייסט דאָס אין דור פון האריז"ל — וואָס האָט דעמאָלט שוין געוואוינט אין צפת, ארץ ישראל — דערציילט זיך אזוי, אין א געוויסן פרייטאָג, איז ארויס א קלאַנג אין טישוויץ, אז ס'איז נפטר געוואָרן אן אָרימער לאַטניק — דאָס מיינט, א שניידער, וואָס פארריכט און פארלאַטעט, אלטע מלבושים — און כדי ער זאָל נישט דארפן ליגן איבער שבת, האָבן זיך אויף גיך פאַר־זאַמעלט די חברה קדושה מיט די חברה נושאים, צו טאָן זיין רעכט, צו זייער דערשטוינונג, האָבן זיי אין דער אָרימער הייזקע, געטראָפן צוויי אומבאַקאַנטע אורחים, גרויסע נשואי פנים, שיינע בעלי צורות, וואָס האָבן זיי ניט צוגע־לאָזט צום נפטר, ווייל ער איז א הייליקער ייד, האָט מען אויף גיך געברענגט דעם דעמאָלסטיקן טישוויצער שטאָט רב, און ער האָט געמאַכט א פשרה, אז גרייטן די הלבשה מיטן ארון, אויך, טראָגן צום בית החיים, און דאָרט דאָס איבעריקע, זאָלן טאָן די היימישע שטענדיקע עוסקים אין דער מצוה פון הלוית המת, מיטן תנאי, אז יעדער פון די עוסקים זאָל זיך פריער מטהר זיין און טובל זיין אין א כשרער מקוה, אָבער די טהרה און הלבשה פונם נפטר, זאָלן דורכפירן די אורחים, וואָס זאָגן אז דער נפטר איז א הייליקער.

אויף דעם פארלאַנג פון טישוויצער רב, זיי זאָלן אויסגעבן וואָס קומט דאָ פאָר, האָבן זיי דערציילט, אז פון הימל האָט מען מודיע געווען זייער רבין — האריז"ל — אז דער לובלינער רב פון יענער צייט, דער גאון מהרש"ל ז"ל, מיטן קראָקער רב, דער גאון הרמ"א ז"ל, האָבן צווישן זיך אָפגעע־שמועסט, אז אין א געוויסן זונטאָג, זאָלן זיי בלאָזן שופר אין לובלין, אויך אין קראָקע, און — ח"ו — אריינלייגן אין חרם אריין דעם האריז"ל, ווייל ער האָט אויפגעטאָן א נייעם דרך אין לימוד חכמת הקבלה, און כדי דעם פלאַן צו צעשטערן האָט זיי דער האריז"ל געשיקט צום עלטערן גאון דער מהרש"ל ז"ל, וועט ער שוין אויך צוריקהאלטן דעם יינגערן גאון, הרמ"א ז"ל.

ווען דער טישעוויצער רב האָט געבעטן די אורחים צו זיך אויף שבת, האָבן זיי געענטפערט, אז זיי מוזן נאָך זיין אויף שבת אין לובלין ביי דעם מהרש״ל, דער רב האָט געפרעגט, ווי איז דאָס מעגליך? — פון טישוויץ קיין לובלין, איז א מרחק פון קרוב צוויי הונדערט קילאָמעטער — האָט דער על־טערער פון די צוויי אורחים, הר׳ חיים וויטאל ז״ל געענטפערט, אונזער רבי — האריז״ל — האָט באשוואוירן אן ענן — ד. ה. א וואָלקן — וואָס האָט אונז געבּרענגט אהער צו, ערשט היינט אין דער פרי זענען מיר אָפּגעפלויגן פון צפת, און מיט דעם זעלבן וואָלקן וועלן מיר — אם ירצה השם — זיין באלד אין לובלין, איצט, איילן מיר זיך, — אם ירצה השם — פון לובלין וועלן מיר אייך ארויסשרייבן אלע איינצעלהייטן פון דאָרט און דאָ.

אזוי האָבן זיי מקיים געווען, און געשריבן פון לובלין, צום טישעוויצער דעמאָלסטיקן רב, און ער האָט פארשריבן אין שטאָט פנקס; ר׳ חיים וויטאל האָט אמאָל געבעטן דעם רבין, — האריז״ל — ער זאָל אים אויסזאָגן, ווער איז עס דער צדיק פון די לעבעדיקע וואָס איז ראוי צו זיין משיח בן יוסף, (אויף משיח בן דוד׳ן האָט ער נישט געפרעגט ווייל ער האָט געגלויבט, אז זיין רבי, דער האריז״ל איז אליין ראוי דערצו) האריז״ל, האָט אים גע־ענטפערט, איך האָב אן אָנזאָג פון הימל אייך נאָכצוגעבן אלע אייערע בקשות. בעט איך אייך איר זאָלט די בקשה צוריקציען, ווייל דער צדיק איז א נסתר איז א גרויסע סכנה אים מגלה צו זיין, (אויף דעם איז דאָ א באמערקונג אין ספר שבחי האר״י, אויך אין ספר שבחי הר׳ חיים וויטאל) ווען ר׳ חיים איז אָבער צוגעשטאנען אז דער רבי זאָל אים פאָרט מגלה זיין, האָט האריז״ל אים מבטיח געווען מודיע צו זיין אין דער פאסיקער צייט, ווען ס׳איז אונטערגעקומען די געלעגענהייט פון שיקן די שליחים צום מהרש״ל — וואָס ר׳ חיים וויטאל איז געווען איינער פון זיי — האָט האריז״ל מקיים געווען זיין הבטחה, און זיי מודיע געווען אז דער משיח בן יוסף פונם דור, געפינט זיך אין טישוויץ, א שטעטל אין לובלינער גובערניע, און זיי געגעבן א סימן, אז אויב זיי וועלן אים טרעפן אין הויז, וועט קיינעם נישט שאטן. באַמער־קונג: (מיט דעם סימן, קען זיך גוט פארשטיין די גמרא אין יומא, ע״א, א׳, מצאו לכהן גדול, בשוק, אומר לי אישי כהן גדול, עשינו שליחותך, מצאו בבי־תו, אָמר לו מחיה חיים עשינו שליחותו, ווייל ספרים ברענגען פון חזקוני וועגן, אז די תורה רופט דעם שליח פונם עזאזל „איש עתי״, ווייל דער כהן גדול האָט לויט בקיאות אין חכמת הכוכבים, אָדער גאָר באנוצט רוח הקודש, אויס־געקליבן א מענטשן וואָס דאַרף סיי ווי שטאַרבן דאָס יאָר, מיינט, „איש עתי״, אז ס׳איז געקומען זיין צייט אוועקצוגיין פון דער וועלט, דער כהן גדול אליין — אין צייט פון בית שני — איז אויך געווען אין ספק צו ער, וועט אויס־לעבן דאָס יאָר, ווי ס׳שטייט פריער דף ח׳, ב׳, אין רש״י, איז דאָס געווען דער סימן, אז דער שליח האָט געטראָפן דעם כהן גדול ביי זיך אין הויז, וועט

ער און אויך דער שליח בלייבן לעבן, האָט ער געמעגט פאררופן דאָס שליחות אויף השי״ת נאמן, צום גוטן, דעריבער האָט ער געזאָגט: „מחיה חיים עשינו שליחותו״, דאָס מיינט מיר האָבן אויסגעפירט דאָס שליחות פון השי״ת — לויט דעם געבאָט פון דער תורה — וואָס איז משפיע לעבן פאר די לעבעדיקע זיי זאָלן בלייבן לעבן, אויב אָבער ער האָט אים געטראָפן אין גאס, האָט ער געהאַט א נישט גוטן סימן פאר זיך, און אפשר אויך פארן כהן גדול, איז, אויף שלעכטן טאָר מען נישט מזכיר זיין השי״ת נאמן, האָט ער נאָר פאררופן דאָס שליחות אויפן כהן גדול׳ס נאָמען, און אָפגעגעבן אים דעם כבוד, און געזאָגט אישי כהן גדול, עשינו שליחותך, מיין האר, כהן גדול! מיר האָבן געטאָן דיין שליחות). אָבער, צום באדויערן איז ער ביי זייער ארייג־קומען אין הויז, געווען אין מקוה לכבוד שבת, אז ער איז אהיים געקומען, האָט ער קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר זיך געוואשן די הענט, שלום גע־געבן די אורחים, און ארויסגענומען אביסל שטרוי פון בעט, פארשפרייט אויף דער ערד, און זיך אויסגעצויגן דערויף, מיט די פיס צו דער טיר, און נפטר געוואָרן באלד, (אזוי איז געווען, און ס׳איז נאָך עד היום, דער מנהג אין פוילן, אונטער צושפרייטן אונטערן נפטר אביסל שטרוי אויף דער ערד און אים לייגן דערויף מיט די פוס צו דער טיר).

אין לובלין, איז פארגעקומען אזוי, צום מהרש״ל׳ס שוהל, זענען זיי צוגעקומען ווען מען איז געשטאנען די שטילע שמונה־עשרה פון מנחה, — צו קבלת שבת — זענען זיי אריין אין שוהל, און געבליבן שטיין ביי דער טיר, דאָס איינער פון זיי הויך געזאָגט צום צווייטן, „דער היגער רב, רייט אויף א ראָד אינמיטן שמונה־עשרה״, מענטשן פון דער זייט האָבן עס געהערט, און אָנגענומען אז די ווערטער הייסן חילול כבוד הרב, אזוי ווי די אורחים זענען אָבער געווען בעלי צורה, מיט א שיינעם הדרת פנים, האָבן די צוהע־רער נישט געוואגט זיי צו באליידיקן, האָבן זיי איבערגעגעבן די אורחים׳ס ווערטער פון באנק צו באנק צום אויבן אָן ביז זענען אָנגעקומען צום פרנס חודש, וואָס איז געשטאנען לעבן מהרש״ל, האָט דער פרנס פארזאָגט דעם חזן, ער זאָל ווארטן מיטן זאָגן די הויכע שמונה־עשרה אפילו נאָכדעם ווי דער מהרש״ל וועט אויסשטיין, די שטילע שמונה־עשרה, ביז ער וועט אים אי־בערגעבן די אורחים׳ס ווערטער, און זיי באשטראָפן פאר כבוד הרב.

אז דער מהרש״ל איז אויסגעשטאנען, האָט אים דער פרנס אלץ איבער־געגעבן, האָט דער מהרש״ל גלייך געהייסן זאָגן שמונה עשרה און אזוי ווי־טער באלד מקבל שבת זיין, נאָכן דאווענען האָט דער פרנס אויסגעדריקט זיין תרעומות אויפן רב, פאר וואָס ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק אויפן ביזיון כבוד התורה? האָט דער מהרש״ל געענטפערט, איך בין זיך נוהג אלע פרייטאָג, צו בארעכענען זיך ווי אזוי איך האָב אָפגעפירט די וואָך, און אזוי האָב איך היינט אויך געטאָן, אָבער, אין מיטן שטילער שמונה־עשרה, האָב איך זיך

דערמאָנט, אז ס'איז פאָרגעקומען ביי מיר די וואָך א ריין תורה, צווישן צוויי בעלי עגלות, וועגן א ראָד, און כ'האָב דורכגערעכנט, צו כ'האָב גוט געפּס־קענט, לויט די טענות פון די צדדים, און אז די אורחים האָבן דאָס דערפילט זענען זיי דאָך בעלי רוח הקודש, ווי אזוי קען מען זשע זיי באַשטראָפן?

דער מהרש״ל האָט זיי פאַרבעטן צו זיך אויף שבת, ער אליין האָט גע־מאַכט קידוש און מוציא געווען אויך די אורחים מיט קידוש, נאָכן וואשן זיך צום עסן, אז דער מהרש״ל האָט אדורכגעפירט דאָס מעסער איבער די חלות און געוואָלט מאַכן די ברכת המוציא, האָט ר׳ חיים וויטאל גיך ארויס־גענומען א טיכעלע און געגעבן א וויש דעם מהרש״ל איבער זיינע אויגן איז אים די ראיה פאַרגרעסערט געוואָרן אויף טויזענטער מאָל, אזוי, אז פון דער מילב וואָס ער האָט איבערגעשניטן ביי דעם דורכפירן דאָס מעסער, האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער האָט געטויט דעם גרעסטן בעל חי, איז ער געבליבן דערשראָקן, האָט ר׳ חיים ארויסגענומען זיינע י״ב חלות, וואָס ער האָט מיטגענומען פון צפת און געלייגט פאַרן מהרש״ל, האָט דער מהרש״ל אויף זיי געמאַכט ברכת המוציא, זענענדיק אז די חלות זענען פריש און אויך נאָך וואַרעם, איז ער געוואָרן פאַרוואונדערט, האָט זיך ר׳ חיים אָפּגערופן, אונזער רבי׳נס חלות, האָבן די סגולה פון לחם הפנים, וואָס ס'שטייט ביי זיי, לשום לחם חום ביום הלקחו, און שמואל א׳, כ״א, און די גמרא אין חגיגה, כ״ו, ב׳, טייטשט, מען האָט זיי געבאַקן פרייטאָג און אראָפּגענומען פון שולחן הטהור דעם צווייטן שבת פון דעסטוועגן האָבן זיי זיך געהאַלטן פריש און וואַרעם גלייך ווי מען נעמט זיי ערשט ארויס פון דעם אויוועָן.

נאָך הבדלה, האָט זיי דער מהרש״ל געפרעגט וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אים, האָבן זיי געענטפערט, מיר זענען געשיקט צו אייך פון האריז״ל, איר זאָלט זיך מיטן רמ״א צוזאַמען צוריק האַלטן פון מאַכן דעם חרם, כדי ס'זאָל קיינער פון דעם נישט שאַטן ח״ו, האָט דער מהרש״ל פאַרגעלייגט צו האַלטן מיט זיי א וויכוח אין חכמת הקבלה, זיי האָבן איינגעשטימט דערויף מיט'ן תנאי, אז דער וויכוח זאָל פאָרקומען אין קעלער, ביי דעם וויכוח האָט דער מהרש״ל פאַר זיי געזאָגט א מאמר אין קבלה, האָבן זיי געענטפערט מיטן פסוק, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, איז אין קעלער געוואָרן ווי א הימל און א נייע ערד, און זיי האָבן צוגעגעבן, „אַזוי לערנט אונזער רבי, קבלה״, האָט זיי דער מהרש״ל צוגעזאָגט, אז ער מיטן רמ״א וועלן זיך צוריקציען פונעם מחלוקת.

נאָכדעם האָט מען אין טישוויץ, געפרעגט, ביי משיח'ס ווייב, צו זי האָט עפּעס געזען וואונדערליכס ביי איר הייליקן מאַן, האָט זי געזאָגט, אלע טאָג ווען איר מאַן איז געגאַנגען אין שול אריין דאַווענען מנחה־מעריב, פלעגט ביי איר אין הייזקע נישט זיין ליכטיק וויל צוליב גרויס אָרימקייט האָבן זיי נישט געהאַט די מעגליכקייט צו קויפן ליכט, אָדער אייל, אָבער אז דער מאַן

איז אהיימגעקומען, פלעגט ער מיטברענגען מיט זיך שטענדיק פיל זייער שיי־נע אורחים, און עס פלעגט מיט אמאל ווערן ליכטיק אין הויז, און אזוי פלעגן זיי אפלערנען א גאנצע נאכט; האט מען זי געפרעגט, פאר וואס האט זי פריער פון דעם נישט דערציילט? האט זי געענטפערט בתמימות, ווייל זי האט גע־מיינט, אז אזוי קומט פאר ביי יעדן ייד אין הויז.

ס'איז דא א משמעות אין רש"י שבת קי"ח, א', אז חבלי משיח איז קטגוריא בתלמידי חכמים, מיינט, וואס צדיקי — וחכמי — הדור, קריגן זיך צווישן זיך, דערפון ווערט נדחה ביאת המשיח, הייסט עס, חבלי משיח, די ווייען פון משיח'ן אליין, דער ריזשינער זללה"ה האט אמאל געזאגט, אז דער רמב"ם ז'ל' איז געווען ראוי צו זיין דער משיח פון זיין דור, אבער צוליב די גרויסע מחלוקת'ן אויף אים — אפילו אין זיין צייט, ווי מען זעט עס ארויס פון דער שטרענגקייט פון השגות הראב"ד ז"ל אויף אים, איז די גאולה נדחה געווארן אויף שפעטער, אין די שפעטערע צייטן, איז ארויס א מחלוקת אויף ר' משה חיים לוצאטי זללה"ה, אויפן רבי ר' יהונתן אייבשיץ ז"ל, דערנאך, אויפן בעל שם טוב, אויפן רבי ר' בער מיט זייערע תלמי־דים, אין דער לעצטער צייט, דאס גרויסע מחלוקת פון סאנץ אויף די ריזשי־נער קינדער זללה"ה, לאמיר האפן אז ס'וועט בקרב אנגענומען ווערן אונזער תפילה פון עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל, וועט שוין ממילא מקויים ווערן אין אונזערע צייטן די נבואה פון ובקשו את ד' וגו' ואת דוד מלכם, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן כתפילת אביך, אב, בר"י.